STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06290

DERTSEYLUNGEN UN ZIKHROYNES

J. L. Becker

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב לייב בעקער

דערציילונגען
און
זכרונות

ארויסגעגעבן דורך דעם מאנטרעאלער „איקוף"
מאנטרעאל, קאנאדע, 1956

Stories and Memoirs
by J. L. BECKER
Printed in Canada
by Old Rose Printing Co.
Montreal, Canada



יעקב לייב בעקער

דערציילונגען

די לאָסט רייזע

ויחל עוד שבעת ימים אחרים, ויסף שלח את היונה מן התבה: ותבא אליו היונה לעת ערב, והנה עלה־זית טרף בפיה, וידע נח כי־קלו מים מעל הארץ.

און ער האָט אָפּגעוואַרט נאָך אַנדערע זיבען טעג און האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויב פון דער תבה. און די טויב איז געקומען אין אָונט צייט, מיט אַן אָפּגעריסן אייל־בירט־בלאַט אין איר מויל. און נח האָט געוואוסט אַז דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן פון דער ערד.

איבערזעצט פון יהואש, בראשית נח, י, יא.

I

דאָס איז געווען אינעם יאָר 1946, דאָס הייסט, באַלד נאָך די מלחמה־יאָרן, ווען יונה פּערלמאַן האָט זיך אין איינעם אַ קאַלטן פעברואַר פרימאָרגן אַריינגעזעצט אין אַ רעזערווירטן אויטאָ־באָס אויף אַ ספּעציעלער עקסקורסיע־רייזע פון מאָנטרעאַל ביז צו די וואַרעמע ים־ברעגן פון מיאַמי, פלאָרידאַ.

דורך די אַלע יאָרן פון זיין אַלט־בחור'שאַפט, פלעגט יונה פּערלמאַן פון צייט־צו־צייט דורכפאָרן זיך אין איניקע ווייטע מקומות,בכדי אויפצולעבן אַ ביסל זיין פאַרשלאָפענעם געמיט, טרעפן זיך מיט נייע מענטשן, צו צעשטרייטן אַזוי אַרום, זיין שטענדיקע איינזאַמקייט.

ער האָט זיך באַזאָרגט מיט אַ טוריסטן בילעט, וואָס באַ־רעכטיקט צו מאַכן זיין לוסט־רייזע אַהין און צוריק, שוין אַריינ־גערעכנט די האָטעל צימערן, שפייז און אַלעם פאַר דער פולער באַקוועמלעכקייט פון די פּאַסאַזשירן.

יונה'ס פּלאַץ איז אויסגעקומען אין מיטן פון דער לעצטער ברייטער באַנק, אין עק פונעם אויטאָ־באָס. צו זיין רעכטער

האנט איז געזעסן אַ יונגע פרוי אַנגעטאָן אין שוואַרצע טרויער־קליידער, מיט אַ קליין, שוואַרץ היטעלע אויפן קאָפּ, פון וועלכן עס איז אַראָפּגעהאַנגען אַ שוואַרצער שלייער, פאַרדעקנדיק האַלב איר בלייכן, לאַנגלעכן פּנים. צו זיין לינקער האַנט איז געזעסן אַ יונגע מיידל פון אַ יאָר אַכצן־ניינצן, אַ זייער שיינע, מיט לע־בעדיקע בלויע אויגן, וועלכע האָבן גוטמוטיק געשמייכלט מיט קלוגע פאַרשנדיקע בליקן. לעבן איר איז געזעסן אַן עלטערע פרוי, אין די פופציקער.

ווען יונה פּערלמאַן האָט אויבנאויפיק באַטראַכט די גאַנצע קאָמפּאַניע רייזנדיקע, איז אים באַלד דורכגעלאָפן אין געדאַנק: „ווער ווייסט, צי איך האָב נישט געמאַכט איין גרויסן טעות צו פאָרן אין אַזאַ אומגעבונג!". די סיבה פאַר זיין דענקען אַזוי, איז געווען די השערה וואָס האָט אים געשראָקן, אַז אפשר וועלן אָט־די אַלע פּאַסאַזשירן, וואָס זיינען פראַנצויזן, ניט קאָנען רעדן קיין ענגליש, און ער קאָן קיין פראַנצויזיש נישט, און מען וועט זיך ניט קאָנען צונויפרעדן. וואָס פאַרא פאַרגעניגן איז עס צו זיצן אין אַ געזעלשאַפט, אויף אַזאַ לאַנגער רייזע, און זיין גע־צוואונגען צו שווייגן? מיט אָט־די טרויעריקע געדאַנקען האָט יונה זיך איינגעגראָבן מיטן פּנים אין דער פרימאָרגן „גאַזעט", לייענענדיק די נייעסן פון טאָג.

עס האָט אָבער גענומען געציילטע מינוטן, בעת יונה פּערל־מאַן איז געווען פאַרטאָן אין די נייעסן פון דער צייטונג, ווי די יונגע מיידל פון לינקס, רופט זיך אָן צו אים אין אַ גוטן ענגליש: „מיסטער, אַנטשולדיקט פאַר איבעררייסן אייך. דענקט איר נישט, אַז זינט מיר פאָרן אַלע צוזאַמען צו אַ באַשטימטן אָרט, אַז עס וואָלט געווען די פּאַסיקסטע זאַך, צו באַקאָנען זיך, און מאַכן זיך אַביסל היימישער?".

— אָ, זיכער! האָט אַ באַגייסטערטער אויסגערופן יונה פּערלמאַן.

— מיין נאָמען איז, טערעז לאַמבערט, און דאָס איז מיין מוטער, מאַדאַם לאַמבערט. און ווענדנדיק זיך צו דער פרוי אין טרויער: און ווי הייסט איר מאַדאַם?

— מיין נאָמען איז מאַדאַם ראַי, האָט זי געענטפערט.

אַלע האָבן ווי אויפגעלעבט, געגעבן זיך די הענט. טערעז לאַמבערט, האָט מיט איר הילכיקער שטים, באַלעבט און באַפריינ־דעט דעם גאַנצן קרייז רייזנדיקע, וואָס זיינען געזעסן אין שכנות מיט יונה׳ן.

מאַדאַם ראַי האָט דערציילט, אַז זי איז ערשט צוויי חדשים אַן אַלמנה. איר מאַן, ערשט איז די דרייסיקער, איז פּלוצלונג אַוועקגעפאַלן פון אַ האַרץ־אַטאַקע, און איר איבערגעלאָזט מיט אַ קינד, צוויי יאָר אַלט. דער אומגליק האָט אַזוי געווירקט אויף איר, אַז די דאָקטוירים האָבן איר גע׳עצה׳ט צו מאַכן די רייזע, בכדי צו דערמעגלעכן, זי זאָל כאָטש אַביסל פאַרגעסן אין איר אומגליק.

מיט די פּאַסאַזשירן איז מיטגעפאָרן אַ באַגלייטער. ער און דער שאָפער זיינען געווען זייער סימפּאַטישע יונגעלייט. איידער דער אויטאָבוס האָט זיך געלאָזט אין וועג, האָט דער באַגלייטער אַלעמען געבעטן ארויסצושטייגן צו פאָטאָגראַפירן זיך צוזאַמען, ווי ס׳פירט זיך אויף אַזוינע לוסט־רייזעס. אויסשטעלנדיק זיך לענג־אויס דעם אויטאָ־באָס האָבן זיך אַלע דערפילט זייער געמיט־לעך, וואָס איז זייער שטאַרק געפעלן דעם פאָטאָגראַפער, וועלכער האָט פאַמעלעכערהייט דורכגעפירט זיין אַרבעט. דער אויטאָ־באָס איז דאַן געווען גרייט זיך לאָזן אין וועג אַריין.

* * *

די ערשטע דריי שעה פון דער רייזע זיינען אַ דאַנק דער נייקייט פון דער סביבה, די באַקאַנטשאַפט מיט נייע מענטשן, אַדורך ווי אומבאַמערקט. ארויסשטייגנדיק פאַר דעם ערשטן מאָלצייט האָט דער באַגלייטער, לייענענדיק פון אַ פּאַפּיר, יעדן איינעם אויסגערופן לויט זיין נאָמען, און אַלע האָבן אָנגעהויבן פילן אַזוי, ווי איין גאַנצע משפחה וואָלט זיך געלאָזט אין וועג ערגעץ אויף צו פּראַווען אַ חתונה, און צו געניסן פון אַ פריילעכן צייט־פאַרטרייב . . .

מיט דער מאַדאַם לאַמבערט איז אַ חוץ איר שיינער טאָכטער, אויך מיטגעפאָרן אירער אַן עלטערער זון, אַ בחור פון אַ יאָר פינף־און צוואַנציק. זיין נאָמען איז געווען „פיט״, פאַרקירצט פון פּיטער. עס איז אויך מיטגעפאָרן איינער, שוין אַ גאַנץ אַלטער

מאַן, אָבער נאָך פול מיט לעבן — דאָקטאָר פאַרטען. ווי אַלע האָבן זיך דערוואוסט, האָט דער דאָקטאָר פאַרטען, שוין זינט היבשע עטלעכע יאָר זיך צוריקגעצויגן פון פּראַקטיצירן זיין פּראָפעסיע. אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, האָט ער, אויס אַלטער געוואוינהייט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט זיין דאָקטאָרשן לעדערנעם רענצל מיט אינסטרומענטן. אויסקוקנדיק נאָך גאַנץ אַנציענדיק, מיט אַ גלאַט־געפּרעסטן און נעטן אַנצוג, מיט שאַרף־פאַרשפּיצטע גרויע וואָנצעס, פלעגט ער יעדן פרימאָרגן, ווען אַלע פּאַסאַזשירן פלעגן זיך שוין האָבן אויסגעזעצט אויף זייערע פּלעצער, דורכגיין די גאַנצע לענג פון אויטאָ־באַס, נאָכפרעגנדיק זיך, מעשה דאָקטאָר, ווי ווער עס פילט זיך אין געזונט, און דערביי טיילן וועמען אַן אַספּירין־טאַבלעט, וועמען אַ מאַגנעזיע־מילך טאַבלעט און נאָך אַנדערע רפואות, וואָס ער האָט געהאַט לרוב אין זיין לעדערנעם רענצל. באַזונדערס פלעגט ער עכט קאַוואַליער־אַרטיק פאַרנייגן זיך פאַר די דאַמען, וועלכע פלעגן גאַנץ גערן דערוואַרטן אים.

זיין פרוי, מאַדאַם פאַרטען, אין קעגנזאַץ צו איר מאַן, פלעגט שטענדיק זיצן שטיל אויף איר פּלאַץ, און פלעגט כמעט מיט קיינעם ניט רעדן. די גאַנצע צייט איז זי געזעסן און געדרעמלט, ווי געוויינלעך אַ מענטש, וואָס איז אַלט און אָפּגעלעבט.

צווישן די בערך 35 פּאַסאַזשירן זיינען געווען אייניקע פּאָרלעך, מאַן־און־ווייב, אין די מיטעלע יאָרן. אָבער די גרעסטע מערהייט איז באַשטאַנען פון עלטערע מיידלעך און אַלטע בחורים. זיי זיינען געקומען פון די פּאַרוואָרפנסטע קלענערע און גרעסערע ישובים פון דער גרויסער פּראָווינץ קוויבעק, וואָס איז באַרימט מיט אירע קאָנסערוואַטיווע אנשויאונגען, וואו רעליגיע איז די הויפּט־אָנפירנדיקע קראַפט, וואָס דאָמינירט דעם גאַנצן לעבנס־שטייגער.

אייניקע פון די עלטערע מיידלעך זיינען געווען באַשעפטיקט אין פאַרשיידענע רעגירונגס־אַנשטאַלטן, וואו עס איז דערלויבט דריי־וואָכיקע וואַקאַציעס, מיט געהאַלט אויסגעצאָלט אין פאָרויס. דאָס זעלבע, וואָס שייך די אַלטע בחורים, וועמען אַ דאַנק זייערע לאַנגע טערמינען פון באַשעפטיקונג, איז געגעבן געוואָרן אורלויב פאַר אַ ווינטערדיקער וואַקאַציע. איינער אזא אַנגעשטעל־

טער, מוסיע פאַרזשעט, האָט אפילו געקראָגן אורלויב אויף גאַנצע זעקס חדשים. האָבנדיק דעם אמת פון וואַלד־אויפזעער, פאַר א זייער לאַנגער צייט, ארום וואַל־דער־אַר, אין דער געגנט וואו א חוץ גרויסע גאָלד מינען, געפינען זיך אויך לאַנגע וואַלד־שטרעקעס, האָט ער זיך לעצטנס אָנגעהויבן פילן עפעס שוואַך אין געזונט, און די רעגירונג האָט אים אַפּגעלאָזט אויף א ספּעציעלן אורלויב פון גאַנצע זעקס חדשים, מיטן פולן געהאַלט אויסגעצאָלט אין פאָרויס.

נאָך אַן אַלטער בחור, מוסיע וואַליקעט, וואָס איז געווען דער איינגנטימער פון א ריי פרוכט־קראָמען אין מאָנטרעאַל, האָט אי־בערגעלאָזט זיינע געשעפטן צו זיינעם א פּלימעניק, און אַליין ארויסגעלאָזט זיך האָבן א „גוד טאַים״ אויף דער לוסט־רייזע.

מוסיע וואַליקעט האָט זיך זייער גיך באַפריינדעט מיט די עלטערע מיידלעך. זייענדיק אַליין נאָך פול מיט לעבן, פלעגט ער שטאַרק הנאה האָבן, פון זייער אומאויפהערלעכן רעדן, און פון זייער הויך לאַכן, וואָס איז אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די מענטשן פון דער פּראָווינץ קוויבעק, באַזונדערס ווען מען איז אויסער דער היים, ווען מען דערפילט זיך מיטאַמאָל באַפרייט פון דער קאַנסערוואַטיווער אומגעבונג.

אין פאַרלויף פון דער לוסט־רייזע וואָס האָט געדויערט איבער פינף טעג, זיינען די מענטשן מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ אינ־טימער באַפריינדעט. מען האָט פיל גערעדט, דערציילט פאַר־שיידענע וויצן און זייער פיל געזונגען. די אינגערע פלעגן זינגען ליבע־לידער, בעת די עלטערע האָבן געשעפט זייערע געזאַנגען פון די פאָלקס לידער, פון די רייכע פאָלקס־אוצרות, מיט וועלכע די פראַנצויזישע קוויבעק איז אזוי באַרימט.

די געזאַנגען פלעגן געוויינלעך באַגלייט ווערן מיט א מאַסן־מיטזינגען. האָט איינער נאָר אָנגעהויבן עפעס א ליד, האָבן שוין אַלע געמוזט אנטיילנעמען, מיטזינגען, און קיינער האָט ניט גע־טאָרט אָפּשטיין, מיט דער איינציקער אויסנאָם פון מאַדאַם פאַר־טען (דעם דאָקטאָר׳ס פרוי), וועלכע פלעגט זיצן שטיל, אירע אויגן צוגעמאַכט.

איינע פון די גאָר באַדייטנדיקע טאַלאַנטן אין דעם־א מאַסן־

געזאַנג האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין די מוטער פון טערעז, מאַ־דאַם לאַמבערט. ניט קוקנדיק אויף איר עלטער און איר קרענק־לעכן אויסזען, האָט זי פאַרמאָגט אַ זייער פּרעכטיקע שטימע, וואָס איז געווען אַ גרויס פאַרגעניגן צו הערן. אויך דאָקטאָר פּאַרטען, פלעגט נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם כאָראַלן גע־זאַנג. פיל פון די געזאַנגען זיינען געווען פּאַראַדיעס אָזעלכע, וואָס די זינגערס פלעגן בעת׳ן זינגען זיי, מאַכן דערצו פאַרשיידענע גרי־מאַסן, דורכגעפירט אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן. ניט זעלטן פלעגן די זינגערס אַזוי שטאַרק פאַנאַנדערלאַכן זיך אינמיטן זינגען, אַז זיי פלעגן מוזן איבערהאַקן אינמיטן, האַלטנדיק זיך דערביי באַ די זייטן, און קוים אַרויסרעדן „זשע פּאַ קאַפּאַבל״, דאָס הייסט, אַז זיי זיינען שוין אינגאַנצן אויסגעשעפּט פון דעם זינגען און לאַכן.

II

אַזוי ווי עס איז געווען ווינטער־צייט, אָנהויב פעברואַר, ווען די טעג זיינען קורצע, פלעגט דער אויטאָ־באָס זיך אָפּשטעלן אַרום פינף אַזייגער פאַרנאַכט אין די פון פאָראויס־באַשטימטע שטעט, ביי די פאָראויס־באַשטימטע ערשט־קלאַסיקע האָטעלן. די צימערן זיינען געווען רעזערווירט — איין צימער פאַר צוויי טוריסטן, האָבן זיך אַזוי אַרום פאַרמירט פּאָרלעך. אַזוי, למשל, איז יונה׳ן אויסגעקומען צו שלאָפן אין איין צימער מיט פּיט׳ן, מאַדאַם לאַמבערט׳ס זון. די מאַדאַם לאַמבערט האָט געבעטן יונה׳ן צו זיין אַזוי גוט און אויפּוועקן אין די פרימאָרגנס איר זינדל, ווייל ער איז אַ שטאַרקער פּעפּער. אויך אין דער היים, האָט זי זיך באַקלאָגט פאַר יונה׳ן, האָט זי אַ שווער שטיקל אַרבעט מיט אים, ווען זי דאַרף אים אין די פרימאָרגנס.

וואָס יונה׳ן האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַלס כאַראַקטער־ריסטישער שטריך פון דער גאַנצער רייזע, איז דאָס, וואָס קיינער האָט זיך ניט געאיילט. אַזוי ווי עס וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען אַזאַ זאַך ווי אַ „טאַים־טעיבל״, אַ צייט־רעכענונג ווען מען דאַרף אָנהויבן צו פאָרן און ווען זיך אָפּצושטעלן.

עס האָט פּאַסירט, אַז אויפן וועג קיין וואַשינגטאָן האָט יונה געמאָלדן דעם באַגלייטער, אַז ער האָט פאַרגעסן אייניקע פּאַפּירן

אין א שופלאַד אין דעם ניו יאָרקער האָטעל. האָט זיך דער אויטאָ־באָס תיכף אָפּגעשטעלט, און דער באַגלייטער האָט פון אַ גאַז־סטאַנציע טעלעפאָנירט אינעם האָטעל מען זאָל אויפזוכן די פּאַפּירן און זיי איבערשיקן קיין מיאַמי אינעם האָטעל, וואו מען וועט איינשטיין. די פּאַסאַזשירן האָבן דערווייל מיט צופרידנקייט אויסגענוצט די געלעגנהייט, און געכאַפּט אַ שפּאַציר. אַזוי האָט מען אויך פאַרווײַלט אַן איבעריקע שטונדע. אויפשטייענדיק אויפן צווייטן פרימאָרגן וואָס איז אויסגעפאַלן אין אַ זונטיק, האָבן די טוריסטן צום אַלעם ערשטן אויסגעזוכט אַ קאַטוילישע קירכע, האָבן דאָרט אָפּגעדאַוונט די פרימאָרגנדיקע תפילות, נאָכדעם האָט מען גענעסן פרישטיק, און אַריינגעזעצט זיך ניט איילנדיק אין אויטאָ־באָס און געלאָזן זיך אין וועג אַריין.

אַזוי איז געווען נאָך אַ פאַל, איין פרימאָרגן, ווען מען האָט ניט־איילנדיק אָפּגעגעסן פרישטיק און אַלע האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעזעצט אין אויטאָ־באָס און דער באַגלייטער און דער שאָופער האָבן איבערגעקוקט אַלע רייזנדיקע — ווי עס איז געווען זייער פליכט דאָס צו טאָן — האָבן זיי באַמערקט, אַז עס פעלט זיי דער דאָקטאָר פּאָרטען. די מאַדאַם פּאָרטען, וועלכע האָט שוין געהאַט צוגעמאַכט אירע אויגן, ווי עס איז געווען איר געוואוינהייט צו טאָן, אין דערוואַרטונג, אַז דער אויטאָ־באָס וועט זיך באַלד רירן אויף דער רייזע, האָט ניט געוואוסט וואו איר מאַן איז. זיינען אַלע פּאַסאַזשירן אַרויס פון באָס און האָבן זיך בראש פון דעם באַגלייטער און שאָופער אַ לאָז געטאָן זוכן דעם דאָקטאָר. נאָך אַ לענגערער זוכעניש האָט מען דערזען אין אַ פענסטער, ווי דער דאָקטאָר זיצט גאַנץ געמיטלעך אויף אַ באַרבער־שטול, און שערט זיך די האָר.

— סטייטש, האָט מען אים געפרעגט, מען דאַרף דאָך פאָרן! האָט ער קאַלטבלוטיק געענטפערט: „נו, איז וואָס? איך וועל זיך דאָך ניט לאָזן אין וועג מיט אַ באַוואַקסענעם קאָפּ האָר".

✶ ✶ ✶

במשך פון די העכער פינף טעג אין וועג, האָט יונה פּערל־מאַן געקאָנט באַמערקן, ווי די אַלטע בחורים האָבן זיך שוין מער־

וויניקער באַפריינדעט מיט די מיידלעך. אַזוי האָט ער באַמערקט, ווי מוסיע וואַליקעט האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט און זיך געהאַלטן גאַנץ נאָענט מיט אַ גאַנץ חנ'עוודיקער מיידל, מאַדעמאַזעל דעראַזיע, וועלכע, הגם שוין ניט גאָר יונג, האָט געשיינט ווי צו זיין נאָך פול מיט לעבנס־לוסט. אייניקע מיידלעך האָבן זיך באַנוצט מיט די פריינטלעכע לייסטונגען פון יונה פערלמאַן, וועלכן זיי פלעגן אַדרעסירן מוסיע פערל־מאַן (מיטן טראָפּ אויף „מאַן"). לייסטונגען, וואָס זיינען באַשטאַנען אין אויסגעפינען וויפיל ווער עס איז בערך אַלט, פונוואַנען ער קומט, וואָס איז זיין באַשעפטיקונג און ענלעכע דעטאַלן, וואָס זיינען נויטיק צו וויסן אין אַ קולטורעלער געזעלשאַפט. עס איז געווען, ווי גאָט אַליין האָט זיי צוגעשיקט דעם מוסיע פערלמאַן פאַר אָט־די לייסטונגען, ווייל זייענדיק דער איינציקער איד אין דער גאַנצער גרופּע, און דערצו שוין אויך ניט קיין יונג בחור'ל, איז ער געווען אין דער פּריווילעגירטער לאַגע פון אַ מין נייטראַלער מענטש, וועלכן מען קאָן זיך מיט פולער זיכערקייט פאַרטרויען.

און אַזוי איז טאַקע געווען. עס האָט ניט גענומען לאַנג און יונה האָט שוין געוואוסט גענוי, ווער וויפיל איז אַלט, פונוואַנען ער קומט, צי ער האָט עלטערן, ברידער, שוועסטער, און איבערהויפּט וויפיל ער פאַרמאָגט אין מאַטעריעלן זין. נאָך אַלעמען איז מען דאָך שוין ניט קיין יונגע צוציקעס, וואָס מען כאַפּט און מען פאַרליבט זיך אָן קיין שום רעכענונג . . .

האָט ער זיך אויף אַזאַ אופן דערוואוסט, אַז דער מוסיע פאַרזשעט פון וואַל־ד'אָר, איז 49 יאָר אַלט, האָט אָנגעזאַמלט ביז היינט־צו־טאָג אַ גאַנץ שיינעם פאַרמעגן, וואָס באַשטייט אין מזומנים, אויך אין אייניקע הייזער און אין אַ פיין בינטל אַקציעס, פון אַ גאָלד מינע. אָבער, האָט ער זיך געקלאָגט פאַר יונה'ן: — וואָס איז די פּעולה, אַז מען איז איינער אַליין, ווי אַ שטיין; אַז עס איז נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן? אַזאַ לעבן איז גאָרנישט ווערט. זייענדיק אַלע יאָרן אין וואַלד, ווייט פון מענטשלעכע ישובים איז ער אַזוי פאַרווילדעוועט געוואָרן, אַז פיל מאָל ווייסט ער גאָרנישט ווי אַזוי מען פירט אַ לייטישן גע־

שפּרעך מיט אַ מענטשן, שוין ניט רעדנדיק מיט אַ פרוי. האָט ער טאַקע אויסגעזען אַזאַ שעמעוודיקער און אַזאַ נעבעכדיקער, ווערליק ווי איינער, וואָס לעבט אין שטענדיקער איינזאַמקייט.

די מאַדמאַזעל לאַראַ ווידער, האָט זיך פאַרטרויט פאַר יונה'ן, אַז זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז אירע ערשטע בליענדיקע יאָרן זיינען שוין לאַנג אַוועק, אַז וואָס איז דאָ צו נאַרן זיך? די גרויע האָר, וואָס מישן זיך שוין אויף איר קאָפּ זיינען אירע גרויזאַמע עדות־זאָגער, אַז זי איז שוין ניט קיין יונגע מיידעלע, אָבער וואָס האָט זי זיך געקאָנט העלפן, אַז ביז ערשט ניט לאַנג, ערשט לעצטן זומער האָט זי געמוזט אַכטונג געבן אויף איר קראַנקער מוטער, און אַז אַ חוץ דעם האָט זי נאָך געדאַרפט אַכטונג געבן אויף אַ קראָם וואָס זיי האָבן געהאַט בשכנות מיט זייער הויז. אָבער ווען די מוטער איז לעצטן זומער געשטאָרבן האָט זי פאַרקויפט די קראָם און באַשלאָסן אונטערנעמען די איצטיקע רייזע, בכדי צום ערשטן מאָל אין איר לעבן, אַנקוקן די וועלט, און זען זיך מיט נאָך מענטשן. וואָס שייך איר מאַטעריעלער לאַגע, איז זי מער־ווייניקער פאַרזאָרגט. אַ חוץ דער סומע, וואָס זי האָט געקראָגן פאַר דער קראָם האָט זי נאָך אַן איינקופט פון עטלעכע הייזער, וואָס זי פאַרמאָגט. אָבער אַלץ די זעלבע געשיכטע: וואָס פאַרא ווערט האָבן די אַלע זאַכן, אַז עס פעלט אויס דער חבר אין לעבן...

זייענדיק אַ גוט־האַרציקער מענטש, האָט זיך יונה פּערלמאַן געפילט זייער גליקלעך מיט דעם, וואָס מענטשן פאַרטרויען זיך פאַר אים. ער האָט מיט זיין גאַנצער אויפריכטיקייט געהאָפט, אַז אפשר וועט אים באַשערט זיין דורך זיינע לייסטונגען צוזאַמענ־ברענגען אָט־די אַלע עלנטע מענטשן. זיין האַרץ האָט זיך פיל מאָל אָנגעפילט מיט פרייד, ווען עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די־און־די מיידל איז שוין נאָענט באַפריינדעט, מיט איינעם פון די עלטערע בחורים.

אָבער גאָר אַ באַזונדערס צערטלעכן געפיל האָט יונה געהאַט צו דער פאַמיליע לאַמבערט מיט וועלכער אים איז אויסגעקומען צו זיצן צוזאַמען פאַר דער גאַנצער צייט פון דער רייזע. מיט די

לאמבערטס האט ער זיך געפילט, ווי ער וואלט געווען אן אייגע־נער מיטגליד אין זייער משפחה. דער צופאל, וואס אים איז אויס־געקומען צו שלאפן אין איין צימער מיט זייער פיטער'ן, און די באזונדערע אויפמערקזאמקייט וואס ער האט געדארפט ארויס־ווייזן צו אים ווען ער פלעגט אים וועקן אין די פרימארגנס; זייער זיצן צוזאמען בא איין טיש בעת די מאלצייטן — האט זיי אזוי באפריינדעט, אז פיל מאל פלעגט זיך אים דוכטן, אז ער קאן די לאמבערטס שוין פון יארן לאנג.

די שיינע, הארציקע טערעז פלעגט גאנץ אפט במשך פון טאג, אוועקלייגן איר שיינעם קאפ אויף יונה'ס אקסל, און האלטנדיק איר קליינע האנט אין זיינער, פלעגט זי אזוי איינדרימלען. אבער עס איז געווען אויפן דריטן טאג פון דער רייזע ווען טערעז איז אזוי געזעסן לעבן יונה'ן, האט ער באמערקט ווי זי ווישט אירע שיינע, בלויע אויגן, און ווי א גרויסע קיילעכדיקע טרער, האט זיך אראפגעקייקלט אויף איר ראזעווער באק. ווען יונה האט איר געפרעגט „וואס איז מיט דיר, טערעז?" האט זי אים געזאגט: „איר בעסער פרעגט מיין מאמען, וועט זי אייך זאגן". מאדאם לאמבערט האט טאקע תיכף באמערקט צו יונה'ן: „געווים ווייס איך פארוואס זי וויינט. עס איז די ליבע, מיין פריינט, די שמערצ־לעכע ליבעס־ליידן. עס איז איר בענקשאפט נאך איר געליבטן בחור". מאדאם לאמבערט האט נאך צוגעגעבן אז זי האט פון לכתחילה געוואוסט, אז אזוי וועט עס זיין. ווען זיי האבן זיך געקליבן אויף דער רייזע האט זי נאר געוואלט, אז איר בחור זאל מיטפארן, אבער ווי אזוי האט ער געקאנט פארן? ערשטנס, איז ער אן ארעמער בחור, א זון פון אן ארעמען ארבעטער; צווייטנס, לערנט ער זיך אין א טעכנישער שול, און ווען ער פארט אוועק, וואלט עס אים געשטערט איז זיין לערנען. נו, בענקט זי איצט, און קאן ניט שלאפן באנאכט. „אזוי זיינען זיי שוין, די נארישע פארליבטע" . . .

עס איז געווען דער פינפטער טאג פון דער לוסט־רייזע, ווען דער אויטאבאס האט זיך פארנומען אויף די ברייטע און גלא־

טע וועגן פון דעם שטאט פלארידא. מיט יעדער שטונדע, וואס מען איז געפארן האט זיך געפילט ווי די לופט ווערט אלץ וואַרעמער און קלארער. אייניקע פאסאזשירן האבן שוין אנגעטאן די טונקעלע גלעזער, וואס זיי האבן פארגרייט צו באשיצן זיך פון דער גליענדיקער זון. אבער דערווייל איז דאס געווען נאר אויסצופיינען זיך, ווייל אין דער אמת'ן איז די זון נאך ניט געווען אזוי שטארק היים.

ארום פינף אזייגער, אוונט־צו, האט דער באגלייטער אריינגעשריגן אין זיין טרובע: — איצט מיינע דאמען און הערן, פארן מיר דורך די טויערן, וואס פירן אונז צו דער גאר עלטסטער שטאט פון די פאראייניקטע שטאטן. די שטאט הייסט סט. אויגוסטין. און דא טאקע, אין סט. אויגוסטין, וועלן מיר פארברענגען די לעצטע נאכט פון אונזער רייזע אויפן וועג קיין מיאמי.

פארבייפארנדיק פרעכטיקע אלייען, דורך לאנגע רייען פון הויכע פאלמען־בוימער, האט זיך דער אויטא־באס אפגעשטעלט באם העל־באלויכטענעם אריינגאנג פונעם בארימטן האטעל „פאנס־דע־ליאן”. באדינערס אין ווייסע פראקן, האבן געהאלפן די רייזנדיקע אויסשטייגן, זיי אריינגעפירט אין האטעל און יעדן פארל אנגעוויזן די באשטימטע צימערן. מען האט זיך ארומגעוואשן, זיך איבערגעטאן, און מען איז אראפ עסן. דער גרויסע עס־זאל פון „פאנס־דע־ליאן” איז געווען העל באלויכטן און די רייזנדיקע האבן זיך דערפילט, ווי פארלוירן, אין דער אומגעהויערער גרויסקייט פונ'ם צימער. דער באגלייטער האט זיי דערקלערט, אז ווינטער־צייט איז אין דעם האטעל פראן ווייניק באזוכער, ווייל אין די ווינטערדיקע חדשים איז דא פארהעלטניסמעסיק קיל, און מענטשן קומען אהער נאר אויף איבערנאכט.

באלד נאכן עסן, זיינען אלע רייזנדיקע איבערראשט געווארן, ווען עס האט זיך צעוויקלט דער פארהאנג פון דער בינע, באם עק פון זאל, און א דזשאז־ארקעסטער האט אנגעהויבן שפילן טאנגא־מוזיק. עס האט ניט לאנג גענומען ווי די רייזנדיקע, אפגערוטע פון וועג און זאטע פון דעם גוטן מאלצייט, האבן זיך שנעל פארמירט אין פארלעך און זיך אריינגעלאזט אין די פארשיידענע

טענץ, נאָך דעם ריטם פון דער מוזיק. דאָקטאָר פּאַרטען, וועמעס פרוי איז באַלד נאָכן עסן אַרויף צו איר אין צימער, האָט זיך אויסגעקליבן די מאַדאַם לאַמבערט, און מיט איר געטאַנצט ניט פּיל ערגער פון די אינגערע פּאָרלעך. מיט דער צייט זיינען צוגעקומען נאָך טאַנצנדיקע פּאָרלעך, זעט אויס פון די לאָקאַלע איינוואוינער. און אַזוי האָט מען פאַרבראַכט ביז האַלבער נאַכט.

אַלע האָבן געטאַנצט אויסער יונה פּערלמאַן, וואָס ניט קוקנדיק אויף זיין באַגער אַנטיילצונעמען אין דעם אַלגעמיינעם צייטפאַרטרייב האָט ער אָבער קיינמאָל ניט באַהערשט די קונסט פון טאַנצן. ווי יעדעס מאָל אין אַזאַ פּאָרלעגנהייט, האָט ער אויך דאָס מאָל אָנגעהויבן זוכן אינעם גרויסן האָטעל ערגעץ אַ ווינקל, וואו ער זאָל זיך קאָנען פאַרנעמען, מיט אַריינקוקן אין אַ צייטונג אָדער אַ בוך. און געטריי צום פאָלקס־ווערטל „אַז מען זוכט געפינט מען" האָט ער באַמערקט אויף איינער אַ טיר, אַ קליין גאָלדענע שילדל: „לאַיברערי". עפענענדיק די טיר, איז יונה אַריין אין אַ העל־באַלויכטענעם צימער מיט ווענט באַשטעלטע מיט הויכע שאַפעס ביכער. אין איינעם אַ ווינקל, האָט ער באַמערקט זיצנדיק אַ פרוי, מיט אַ בוך אין האַנט, טאַקע איינע פון דער געזעלשאַפט פון די מיטרייזנדיקע, וועמעס נאָמען עס איז געווען מאַדאַם בושאַר. דערזעענדיק יונה'ן האָט זי אַ זאָג געטאָן: „גוט, וואָס איר זענט דאָ, וועט מיר ניט זיין אַזוי לאַנגווייליק. ווייזט אויס, אַז אויך איר זענט ניט קיין טענצער".

יונה פּערלמאַן, וואָס אין זיין אַלט־בחור'שאַפט, איז שוין געווען געוואוינט צו איינזאַמקייט האָט געפונען באַפרידיקונג אין זיין ליידנשאַפטלעכן אָפּגעבן זיך מיט ליטעראַטור. ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין דער רייכער קלאַסישער ליטעראַטור, אַזוי גוט ווי אין דער היינט־צייטיקער. ווען מאַדאַם בושאַר האָט אים געפרעגט, וועלכע ביכער ער לייענט, האָט ער געענטפערט, אַז אים אינטערעסירן אַממערסטנס די קלאַסיקער, ווי וויקטאָר הוגאָ, דיומאַ און ענלעכע, פון וואָס מאַדאַם בושאַר איז געווען זייער צופרידן. דאָס איז פּונקט, וואָס אינטערעסירט אויך איר, האָט זי באַמערקט. אָבער ווען יונה האָט איר געפרעגט, וואָס זי דענקט וועגן גי דעמאָפּאַסאַן, האָט זי געענטפערט, אַז זי געפינט מאָפּאַסאַנ'ען נישט

גאַר אַנשטענדיק . . . די זעלבע מיינונג האָט זי וועגן באַלזאַק.

דערצויגן מיידל־ווייז אין אַ קאַטוילישער שול, ניט אַרויס־פֿאַרנדיק ווייטער פֿון דער אַלטער קאָנסערוואַטיווער פּראָווינץ קוויבעק, איז זי שוין פֿאַרבליבן אויף אַלע אירע יאָרן, אַ געטרייע טאָכטער פֿון אירע עלטערן. און ווי זי האָט דערקלערט, האָט זי אויף דעם קיין חרטה נישט. גאָט איז געווען זייער גוט צו איר, און זי דאַנקט אים, וואָס זי האָט איצט די מעגלעכקייט צו מאַכן די דאָזיקע לוסט־רייזע. עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס דער מאַן אירער איז געווען צופֿיל פֿאַרנומען מיט זיינע געשעפֿטן און האָט ניט געקאָנט מיטפֿאָרן.

אַזוי האָבן זיי ביידע פֿאַרבראַכט אַ שעה צייט, און מיט אַ פֿריינטלעכן „גוטע נאַכט" זיינען זיי זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען אין זייערע צימערן.

III

אויף מאָרגן אינדערפֿרי, ווען מען איז אויפֿגעשטאַנען, עטוואָס פֿריער ווי געוויינלעך, ווייל דער שאָפֿער האָט געוואָלט אַריינפֿאָרן אין מיאַמי איידער עס ווערט נאַכט, איז די לופֿט אין סט. אויגוסטין געווען היבשלעך קאַלט, כמעט ווי פֿראָסטיק. עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען און עס האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן ווי מיט יעדער שטונדע וואָס מען פֿאָרט, ווערט די לופֿט אַלץ וואַ־רעמער און וואַרעמער. די הויכע, גרינע פּאַלמען־בוימער, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער, דאָ־און־דאָרט, האָבן זיך באַוויזן גרויסע שטרעקעס פֿון ציטרוס־פּרוכט סעדער. די רייזנדיקע, דערזעענדיק פּרוכט־סעדער, אינמיטן ווינטער האָבן אַזש אויסגעשריגן פֿון באַוואונדערונג. זייענדיק דאָס ערשטע מאָל אויף אַזאַ רייזע האָט זיך זיי אַלץ ניט געגלויבט, אַז אין פֿעברואַר, אינמיטן ווינטער, זאָל מעגלעך זיין אַזאַ וואַרעמקייט און אַזאַ פֿרעכטיגער גרינער דרויסן, ווי עס איז נאָר זומער־צייט אין קאַנאַדע. פֿון אַלע פּאַסאַזשירן איז יונה פּערלמאַן געווען דער איינציקער, וואָס האָט נאָך מיט יאָרן צוריק באַוויזן צו פֿאַרברענגען אַ ווינטער אין מיאַמי, אָבער אין די מלחמה־יאָרן איז ער ניט גע־פֿאָרן, ווייל ווי מען האָט געשריבן אין די צייטונגען, זיינען מערסטע

האטעלן אין מיאמי פארנומען געווארן דורך סאלדאטן, אויסער די עטלעכע סעלעקטיווע האטעלן, וואס מען האט איבערגעלאזט פאר די מיליאנערן.

ווען דער אויטא־באס איז ענדלעך אריינגעפארן אין מיאמי האט זיך די זון שוין אנגעהויבן ביסלעכווייז צו באהאלטן. ווען מען איז צוגעפארן צום רעזערווירטן האטעל, וועלכער איז גע־שטאנען הארט בא די ברעגן פון ביסקעין־בעי, האבן די אנגעקו־מענע געסט נאך געהאט צייט, צו געניסן, פון דער וואונדערבא־רער, פרעכטיקער פאנאראמע, בעת די גרויסע פייערדיקע זון האט זיך אפגעשפיגלט אין די שטילע, בלויע וואסערן פון דעם ביסקעין־בעי, דער באשיידענער וואסער־פאס פון גרויסן אטלאנטישן אקעאן.

ביז וואנען אלע האבן ארויסגעשטיגן פון אויטא־באס, איז שוין געווען אוונט־צייט, די צייט צו עסן וועטשערע. אבער צוליב דעם, וואס דער האטעל איז געווען פון די נייע געביידעס, ערשט אויפגעבויט באלד נאך דער מלחמה, איז דארט נאך ניט אלץ גע־ווען אין ארדענונג. די נייע געסט זיינען געבעטן געווארן, צוווארטן א שטיקל צייט, אין לאבי פון האטעל.

באם אריינגאנג צום עס־זאל, איז געשטאנען א דיקער מאן, אנגעטאן אין א ווייסן פראק מיט גאלדענע קנעפ. אבער דאס האט ניט אפגעשטעלט דעם דאקטאר פארטען, אין זיין פארזוך, ארייןצוגיין אין עס־זאל, פאר דער באשטימטער צייט. צום חידוש פון אלעמען, איז שוין דער דאקטאר געווען אנגעטאן, אין א העלן טראפישן אנצוג, א ברייטע פאנאמא־הוט אויפן קאפ, מיט זויבער־ווייסע הענטשקעס, אויף די הענט. מיט זיין שווארצן, פינקלדיקן שטעקן, האט ער זיך גאנץ ברייטלעך געלאזט ארויפצושטייגן די עטלעכע טרעפ, וואס האבן געפירט צום עס־זאל, ארופגלעטנדיק דערביי, זייער ערנסט און מיט גרוים ווירדע, זיינע פארשפיצטע וואנצעס. דער דיקער מאן אין ווייסן פראק, האט אים איידל אפגעשטעלט, באם אריינגאנג: „ביטע, דער „דינער" איז נאך ניט פארטיק". אבער דאקטאר פארטען, איז ניט געווען פון די מענטשן, וואס שטעלן זיך אפ אינמיטן וועג, ווען זיי לאזן זיך ערגעץ גייז.

— „וואס מיינט איר?" — האט ער אנגעהויבן שרייען —

„וואס מיינט איר, עס איז נאך ניט פארטיק. איך וויל ניט וויסן פון קיינע תירוצים, איך בין א טוריסט, און איך דערוואַרט אלעס זאל זיין אין צייט, און אין בעסטער אָרדענונג".

און אזוי שרייענדיק, און גלעטנדיק מיט נאך מער אייפער, זיינע שפּיציקע וואנצעס ארויף, איז ער זיך ברייטלעך אריינגע־נאנגען אין עס־זאל און זיך באַזעצט גאָר אויבנאָן, בא א טיש. לייענענדיק א צייטונג, איז ער שוין אָפּגעזעסן ביז דער צייט, ווען אלע אנדערע זיינען אריינגעקומען עסן.

נאכן עסן, זיינען זיך אלע צעגאַנגען צו זייערע באשטימטע צימערן, אין די העכערע שטאָקן פון דער געביידע. ווי אלעמאל, האט מען יונה'ן געגעבן א צימער צוזאַמען מיט מאדאם לאמ־בערט'ס זון פּיט.

עס איז שוין געווען צען אין אוונט, ווען יונה האט זיך גע־לייגט אין בעט, בעת פּיט איז ווי זיין שטייגער, נאך געווען ערגעץ אונטן, אין לאבי. מיטאמאל האט זיך דערהערט א שטילער קלאפּ אין טיר, און א פרויען־שטימע האט אריינגערעדט: „מוסיע פערל־מאַז, ביטע לאזט מיך אריין".

יונה האט ארויפגעכאפּט אויף זיך זיין שלאף־ראָק, און עפענענדיק די טיר, האט ער דערזען פאר זיך די מאדעמאַזעל לאראַז, וועלכע איז אין גרוים אויפרעגונג אריינגעלאָפן אין צי־מער. יונה, א דערשראָקענער, פרעגט — וואס איז געשען? מאַ־דעמאַזעל לאראַז קלאַגט זיך פאר יונה'ן, אז מ'האט איר געגעבן א צימער ערגעץ אויף א נידעריקן שטאק און מיט איר צוזאמען האט מען אריינגעפירט נאך פיר פרויען; א חוץ דעם שמעקט אין צימער פרישע פארב. בעט זי דעריבער יונה'ן ער זאל פאר איר שיקן א טעלעגראמע, צום מאַנטרעאַלער אָפיס פון די טוריסטן געזעלשאַפט. די טעלעגראמע, וואס זי האט פריער אנגעשריבן אין פראַנצויזיש, זאל זיין א שטרענגע, און זי דיקטירט: „איך פאָדער אויף דעם מאַנטרעאַלער אָפיס, מען זאל תיכף מיך איינ־אָרדענען אין א צימער פאר צוויי. אין פאל איך וועל ניט קריגן קיין ענטפער צו מיין פולער צופרידנקייט, וועל איך אייך אָנ־קלאָגן אין געריכט, מיט די אלע קאנסעקווענצן, וואס וועלן נאָכ־פאָלגן".

יונה האט געגרן דערפילט איר בקשה. אפּדאַנקענדיק און ווינטשנדיק אים אַ גוטע נאַכט, איז מאַדמאַזעל לאַראַ, נאָך פול מיט איפּרעגונג, און מיט טרערן אין די אויגן, ארויס פון זיין צימער.

און עס איז געווען אויף צומאָרגנס, שבת אינדערפרי, ווען אַלע קוויבעקער האָבן זיך באַזעצט ארום די טישן פאר פרישטיק, ווען מאַדעמאַזעל לאַראַ איז אריין אין עס־זאַל אַ עלעגאַנט־גע־קליידטע, און אַ שטאַרק צופרידענע. זי האָט זיך געלאָזט מיט האַסטיקע טריט צו יונה'ן און מיט אַ הילכנדיקער שטימע אויס־געגרופן: „אייך, מוסיע פערלמאַן, קומט פון מיר אַ גרויסן קוש". זי האָט אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ און געגעבן אים אַ שטאַרקן קוש. „אייך צו פאַרדאַנקען, מוסיע פערלמאַן, האָב איך געקראָגן אַ שיי־נעם צימער, נאָכדעם, ווי צוועלף אַזייגער באַנאַכט, איז דער־האַלטן געוואָרן אַן ענטפער אויף אייער טעלעגראַמע".

I V

באַם ענדיקן דעם פרישטיק, האָט דער באַגלייטער געמאָלדן, אַז לויט דער פאָראויס־באַשטימטער פּראָגראַם, וועט דעם שבת־דיקן פרימאָרגן, פּאַרקומען אַן אַבזערוואַציע־אַרויספאָר, אויף אַ ספּעציעלער שיף. די געסט וועלן האָבן אַ געלעגנהייט, צו באַ־אַבאַכטן די וואונדערבאַרע מערקווירדיקייטן, פון דער אויסערגע־וויינלעכער שיינער שטאָט מיאַמי, מיט אירע ים־ברעגן. ער בעט אַלעמען זיין גרייט פאר דעם אַרויספאָר, אין אַ באַשטימטער צייט.

יונה, וועלכער איז שוין געווען אין מיאַמי, ניט צום ערשטן מאָל, האָט באַשלאָסן, אנשטאָט די שיף רייזע, צוצוגיין צום ים־ברעג, אויף מיאַמי ביטש, וואו ער האָט געוואוסט, עס טרעפן זיך מערסטנס אידישע מענטשן, נאָך וועלכע ער האָט לעצטנס דער־פילט אַ שטילע בענקשאַפט. ער האָט זיך איינגעפּאַקט אַ קליין רענצל מיט די נויטיקע זאַכן, אַרויפגעשטייגט אויף אַ באַס, וועמעס פאָדערשטע טייל איז געווען באַשטימטע „נאָר פאַר ווייסע" און דער הינטערשטער טייל „בלויז פאַר קאָלירטע" — פאַר נע־גערן. דער שאָפער פון באַס איז גראָדע געווען אַ נעגער.

אַראָפּשטייגנדיק צווישן דער פערטער און פינפטער גאַס,

האָט זיך יונה געלאָזט גיין איבערן קליינעם שטאָטישן גאָרטן, האַרט ביים ים־ברעג. ווי ער האָט דערוואַרטעט, איז דער ים־ברעג שוין געווען אינגאַנצן באַדעקט מיט האַלב־נאַקעטע באַזוכער, וועל־כע האָבן זיך געוואַרעמט אויף דער זון. עס איז געווען דער ערש־טער טאָג במשך פון דער גאַנצער לעצטער וואָך, וואָס די זון האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן אירע וואונדער, צו מאַכן אַ ווינטערדיקן פעברואַר־טאָג, אַזוי הייס, ווי אין יולי.

זוכנדיק אַ פּלאַץ, האָט זיך יונה אָפּגעשטעלט באַ יעדער גרעסערער גרופּע מענטשן, וועלכע ווי עס האָט זיך אים אויסגע־וויזן, זיינען געקומען ספּעציעל, דעם דאָזיקן פּרימאַרגן, בכדי צו באַקענען זיך נעענטער צווישן זיך, און אויך צוליב קאָנען באַווייזן, ווי אַזוי יעדע באַזונדערע גרופּע, פאַרווייַלט זיך אויף איר אייגע־נעם שטייגער.

אַזוי למשל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרופּע פון מערסטנס עלטערע פרויען, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט, ווי איינע, אַ גאַנץ עלטערע פרוי, זיצנדיק אינדערמיט האָט געזונגען „אלי, אלי למה עזבתנו״ . . . זי האָט געזונגען מיט אַ דינער סאָפּראַנאָ־שטימע, אָבער אין די העכערע טענער, ספּעציעל באַם סוף פון ליד, ביים „שמע ישראל״ איז איר אַנגעקומען אַ ביסל שווערלעך... דאַן ווענדט זי זיך צו איר אוידיענץ און זאָגט: „ווער פון אייך, מיינע טייערע, האָט מיך געהערט זינגען דאָס זעלבע ליד, מיט 30 יאָר צוריק, אין טאָמאַשעפסקי׳ס טעאַטער? געדענקט איר, ווי מען פלעגט מיר אַפּלאַדירן, שרייענדיק „ביס״, און איך פלעג דאָס מוזן זינגען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל? אַך, וואוהין זיינען אוועק יענע גליקלעכע יאָרן!״

גייענדיק אַ ביסל ווייטער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרופּע יונגע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן אַלע אין אַ כאָר געזונגען „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״, — דאָס פּאַרטיזאַנער ליד, וואָס איז דאַן, אין 1946, ערשט פּאָ־פּולער געוואָרן.

ענדלעך האָט ער זיך אויפגעזוכט אַ פּלאַץ, האָט זיך געדונגען אַ לייוונטן בעטל, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעטונקען אין די געזאַלצענע ים־וואַסערן, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל,

זיך געלאָזן אַרומנעמען פֿון די בונטע שטראַלן, פֿון דער גאָר הייסער זון. עס האָט ניט לאַנג גענומען און ער איז איינגעשלאָפֿן אין אַ טיפֿן שלאָף.

ווער ווייסט, ווי לאַנג יונה וואָלט אַזוי געשלאָפֿן, ווען ניט דער פֿאַל, וואָס אַ פֿרוי אין די מיטעלע יאָרן, האָט אָנגעהויבן טרייסלען אַ ליילעך, מיט גאַנצע קופּעס זאַמד, גלייך אויף זיין קאָפּ. אויפֿכאַפּנדיק זיך, האָט יונה אָנגעהויבן טענה'ן צו איר:

— ס'טייטש, ווי טרייסלט מען דאָס אַזוי אויף אַ מענטשן, און וואָס מיינט זי, אַז זי איז די איינציקע באַזוכערן אויפֿן ביטש.

די פֿרוי האָט זיך אָנגעהויבן אַנטשולדיקן: „אָ, אַי עם סאָ סאָרי, מיסטער! לאָזט, און איך וועל אייך העלפֿן אָפּצופּראַשען זיך". זי איז טאַקע באַלד צוגעגאַנגען צו אים, און אָנגעהויבן אָפּפּראַשען פֿון אים די זאַמד. זי האָט אַפֿילו אַרויסגענומען פֿון צווישן אירע זאַכן אַ גרויסן האָר־קאַם און האָט זייער געשיקט פֿאַרקעמט זיינע האָר.

שטייענדיק אַזוי נאָענט צו יונה'ן האָט זי דערביי אויסגעשריגן: „אוי מיסטער, איר ברענט דאָך אַזוי ווי פֿייער, קומט איך וועל אייך באַשמירן מיט אַזאַ אויל, וואָס איך האָב בײַ זיך פֿאַר אַזאַ פֿאַל". ווי אַנכאַפּנדיק זיך אין דער געלעגנהייט, גוטצומאַכן איר שולד, האָט זי מיט נאָך מער חשק און געטריישאַפֿט אָנגעהויבן באַשמירן זיין גאַנץ לייב און פּנים מיטן אויל, וואָס זי האָט געגאָסן אין איר האַנט פֿון אַ טונקלען פֿלעשל. נאָכן זאָרגפֿולן באַשמירן אים, האָט זי אים געראָטן צו גיין וואָס גיכער אַהיים און אַריינלייגן זיך אין בעט, ווייל וואָס לענגער ער וועט זיין אויפֿן ביטש, וועט ער נאָכמער פֿאַרברענט ווערן — אַ זאַך וואָס איז זייער שעדלעך. יונה האָט איר טאַקע געפֿאָלגט, און איז שנעל אַוועק אין האָטעל.

אויפֿן פֿערטן טאָג פֿון זייער זיין אין מיאַמי, נאָכן עסן דעם אָונט־ברויט, האָבן די מיטרייזנדיקע, אָנגעהויבן איינ'טענה'ען מיט יונה'ן, ער זאָל זיי ווייזן אַ פּלאַץ, וואו צו פֿאַרברענגען אַן אינטערעסאַנטן אָונט, ווייל שוין זייענדיק אין מיאַמי ניט דאָס ערשטע מאָל, מוז ער געוויס וויסן וועגן אַזעלכע פּלעצער.

„אָלראַיט", האָט יונה אויסגערופֿן. „איר ווילט, וועל איך

אייך פירן צום פלאַץ פון דעם הינט־געלויף (דאָג רעיסעס).״ דער הינט־געלויף קומט פאָר אין די אָוונטן און עס קאָסט ניט טייער, אינגאַנצן 25 סענט אַריינגאַנג, און מען קאָן זיך גוט אַמוזירן.

מאַדעמאַזעל לאַראָוז, האָט דערביי געבעטן יונה׳ן צו רעדן צו מוסיע פאַרזשעט, ער זאָל זיין אין נאָענטער באַגלייטונג מיט איר. יונה האָט עס גערן געטאָן. אַזוי גיך ווי מ׳איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן און מיטן אָנטאָן זיך, האָבן זיי זיך אַלע, אונטער דער פירערשאַפט פון יונה׳ן, געלאָזן אויפן וועג צום הינט־געלויף. מ׳איז אַהין געפאָרן מיטן שטאָטישן „באָס״. מוסיע פאַרזשעט איז געזעסן לעבן מאַדעמאַזעל לאַראָוז, און ביידע האָבן געמיטלעך געשמועסט.

אַרויסשטייגנדיק פון „באָס״ האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ לאַנגע ריי מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט פאַר בילעטן. אויך זיי האָבן זיך געשטעלט אין דער ריי, און נאָך אַ שטיקל צייט, איז יונה אַריין דער ערשטער דורך דער שמאָלער טיר פון גאָרטן. אים האָט נאָכגעפאָלגט מאַדעמאַזעל לאַראָוז. אַלע האָבן דערוואַרטעט, אַז נאָך איר זאָל נאָכפאָלגן מוסיע פאַרזשעט. אָבער צום אַלע־מענס גרויסער אַנטוישונג, האָבן זיי אַריינגייענדיק אינווייניק פון גאָרטן, דעם מוסיע פאַרזשעט ניט געקאָנט געפינען. איז שוין יונה׳ן אויסגעקומען צו זיצן מיט דער מאַדעמאַזעל לאַ־ראָוז פון איין זייט, און מאַדאַם ראַי, די יונגע אַלמנה אין טרויער, פון דער אַנדערער זייט.

די אָרעמע מאַדעמאַזעל לאַראָוז איז נעבעך געזעסן און גע־וויינט די גאַנצע צייט. אַזוי שטאַרק איז געווען איר אַנטוישונג פאַראורזאַכט דורך מוסיע פאַרזשעט. ווען אויף מאָרגן אינדערפרי, האָט יונה אים אויפגעזוכט אין האָטעל און אים געפרעגט, פאַר־וואָס ער איז אַזוי מיסטעריעז פאַרשוואונדן, האָט ער אים דער־ציילט, אַז שטייענדיק אַזאַ לאַנגע צייט אין דער ריי, האָט ער זיך דערפילט קראַנק און האָט דעריבער באַשלאָסן צו גיין צוריק אין זיין צימער. מאַדעמאַזעל לאַראָוז האָט זינט דאַן שוין מער קיינ־מאָל צו אים ניט גערעדט. אַלץ, וואָס יונה׳ן איז געבליבן צו טאָן, איז צו טרייסטן איר, אַז זי וועט נאָך אַמאָל קריגן איר ריכטיקן באַ־שערטן, און בכלל איר געטרייסט ווי מען טרייסט אַ מענטשן, וואָס איז אָפּגענאַרט אין לעבן . . .

ליידער האט זיך ארויסגעוויזן, אז מאדעמאזעל לאראוז איז ניט געווען די איינציקע צווישן די מיידלעך מיט וועלכע, יונה'ן איז אויסגעקומען צו סימפאטיזירן, און וועמען ער האט געדארפט טרייסטן.

אויך די גאנץ לעבעדיקע און גאר נישט מיאוס'ע, מאדעמא־זעל דעראזיע, וואס ווי אלעמען האט זיך געדאכט, האט זיך אזוי נאענט באפריינדעט מיט מוסיע וואליקעט, איז איינמאל צוגעגאנגען צו יונה'ן און אים געפרעגט, אפשר ווייסט ער אמאל, וואוהין איר מוסיע וואליקעט איז פארשוואונדן?

אלעס, וואס די רייזנדיקע האבן געוואוסט פון מוסיע וואליקעט, איז, אז נאך אין דעם ערשטן פרימארגן, ווי מען איז פארפארן קיין מיאמי, איז ער צוגעפארן צום האטעל, אין א גרויסן פעקארד אויטאמאביל, און דערקלערט, אז דאס האט ער געדונגען דעם „פעקארד" פאר א גאנצער וואך, וואס מען וועט שטיין אין מיאמי, און אז ער האט זיך אפגעזוכט א בעסערן צימער אין א האטעל אין מיאמי־ביטש. אפגעזעגנדיק זיך מיט א הילכיקן „גוד־באי" איז ער אוועקגעפארן, און זינט דאן האט מען אים שוין קיינמאל ניט געזען.

פאר די זעקס טעג, וואס מען האט פארבראכט אין מיאמי פלעגט מאדעמאזעל דעראזיע גאנץ אפט צושטיין צו יונה'ן, ער זאל איר העלפן אויפזוכן דעם מוסיע וואליקעט. אבער עס איז גרינג צו זאגן „זוך". . . .

— איר ווייסט, מאדעמאזעל דעראזיע, האט איר יונה צום לעצטן מאל אנגעהויבן טרייסטן און דערקלערן, — איר ווייסט, אז מיאמי־ביטש ווערט אנגערופן דער „גן־עדן" פון אמעריקע, און ווי אין דעם גאר ערשטן גן־עדן, וואס מיר לערנען אין דער ביבל, זיינען עס געווען די צוויי, די שלאנג און חוה, וואס איבער זיי, האט גאט ארויסגעטריבן אדמ'ן פון גן־עדן; אזוי איז אויך אין דעם גן־עדן פון מיאמי־ביטש פאראן צוויי, דאס זיינען דער „אק־טאפוס", אזא פיש מיט אכט ארעמס, וואס אין געוויסע וואלקנ־דיקע טעג, לויערט עס אויף דעם מענטשן, און אויב איינער איז ניט דערפארן, כאפט ער זיך אריין, מיט די שפיציקע עקן זיינע, אין מענטשליכן לייב, און עס נעמט עטלעכע טעג ביז מען דער־

האַלט זיך פון זיינע ביסן. אָבער פיל שעדלעכער פון פיזישע ליידן, פאַראורזאַכן דעם אומדערפאַרענעם מענטשן די „חוה׳ס" פון מיאַמי ביטש, וואָס זייער נאָמען איז „בעידינג ביוטיס", וועלכע האָבן נאָר צוויי אָרעמס, אָבער ווי איז צו דעם, וואָס כאַפּט זיך אין זיי אַריין! און אויב איר געדענקט נאָך די מעשיות פון דער ביבל, ווייסט איר דאָך געוויס פון שמשון הגיבור, וואָס מיט דער גאַנצער גבורה זיינער, האָט ער ניט געקאָנט אויסמיידן די צוויבער־נעצן פון דלילה׳ן, וועלכע איז דאָך אויך געווען, חוה׳ס אַן אור־איניקל: איז ווי באַלד אַזוי — ווי־זשע האָט איר געקאָנט דערוואַרטן, מיין טייערע מאַדעמאַזעל, אַז אַזאַ איינער ווי מוסיע וואַליקעט זאָל זיך קאָנען אויסדרייען פון די אויסגעשפּרייטע אָרעמס פון אָט־די „בעידינג־ביוטיס", וועלכע באַזיצן אַזאַ צויבער־קראַפט? אָבער זייט זיכער, מיין טייערע, אַז פונקט ווי אָדם איז באַשטראָפט געוואָרן, אַזוי וועט אויך, פריער אָדער שפּעטער, באַשטראָפט ווערען מוסיע וואַליקעט, פאַר די אַלע ביטערע אַנטויישונגען, וואָס ער האָט אייך פאַרשאַפט.

די מיאַמער זון, איז מיט יעדן טאָג אַלץ וואַרעמער געוואָרן פאַר די קוויבעקער טוריסטן. וואָס וואַרעמער די זון, אַלץ טרויעריקער זיינען געוואָרן די טוריסטן. דער בלויזער געדאַנק, אַז נאָך אַ טאָג, און דער עקסקורסיע־באַס וועט געבן אַ פייף אַלס סיגנאַל, אַז מען דאַרף זיך לאָזן צוריק אַהיים, צו דער קאַלטער קאַנאַדע, האָט אַרויסגערופן טרויער.

אַלס אויסדרוק פון אַנערקענונג פאַר די גוטע לייסטונגען, פון דעם באַגלייטער און שאָופער — ביידע זייער סימפּאַטישע יונגעלייט — האָבן די פּאַסאַזשירן געזאַמלט צווישן זיך אַ פּאָנד, און האָבן באַשטעלט אין האָטעל אַ ספּעציעלע פּאַרטי לכבוד זיי. אין דעם לעצטן אָוונט האָבן אַלע, אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, מוסיע וואַליקעט, פאַרבראַכט אַ זייער פריילעכן אָוונט בא געדעקטע טישן. ווער עס האָט געקאָנט האָט געטאַנצט אונטער דער באַגלייטונג פון אַ ספּעציעל־באַשטעלטן אָרקעסטער. ביידע יונגעלייט, דער באַגלייטער און דער שאָופער, זיינען געווען אָנגעטאָן אין ווייסע אָנצוגן און האָבן זיך באַמיט, במשך פון אָוונט, צו טאַנצן מיט יעדער איינער, פון דער גאַנץ היבשער גרופּע עלטערע

מיידלעך: אַזוי אַז זיי האָבן אַלעמען העכסט צופֿרידנגעשטעלט.

אויף מאָרגן, וואָס איז אויסגעפֿאַלן אין פֿרייטיק, נאָכדעם ווי מען איז פֿאַרטיק געוואָרן מיטן פֿרישטיק, האָבן זיך אַלע אַריינגעזעצט אין אויטאָבוס, אחוץ צוויי־דריי, וואָס האָבן באַשלאָסן צו פֿאַרברענגען אין מיאַמי אַ לענגערע צייט. פֿון זיי איז געווען יונה פּערלמאַן און מאַדעמאַזעל דעראַזיע, וועלכע האָט נאָך אפֿשר געהאָפֿט ווען עס איז אָפּצוזוכן איר מוסיע וואַליקעט.

די שענע טערעז, זיצנדיק אויף דער לעצטער באַנק, צווישן איר מוטער, מאַדאַם לאַמבערט, און דער יונגער אלמנה מאַדאַם ראַי, האָט זיך געקלאָגט פֿאַר יונה'ן אַז פֿאַרנדיק צוריק אַ היים, וועט זי שוין בענקען, אויסער נאָך איר „באַי פֿרענד" אויך נאָך אים, יונה'ן, מיט וועמען זי, איר מוטער און ברודער האָבן זיך אַזוי שטאַרק באַפֿריינדעט.

יונה האָט צוגעטראָגן טערעז'ן אַ גרויסן בוקעט פֿרישע בלומען, און אַ קאָרב מיט רויט־שוואַרצע קאַרשן.

— אַז דו וועסט עסן די קאַרשן, האָט ער געזאָגט, וועט דיין בענקען נאָך מיר זיין פֿיל גרינגער, און צעקושנדיק זיך מיט איר, און אָפּגעזעגענענדיק זיך מיט אַלע ליבלעך־און נאָענט־געוואָרענע רייזנדיקע, ~~איז דער אויטאָבאָס אָפּגעפֿאָרן~~

[illegible]

ווי אָנגענעם און ווי אינטערעסאַנט עס איז געווען פֿאַר יונה'ן צו פֿאַרברענגען גאַנצע צוויי וואָכן, צווישן אַזוי פֿיל נייע, ליבלעכע מענטשן, האָט ער זיך אין די לעצטע עטלעכע טעג געפֿילט ווי אויסגעמאַטערט, פֿון דעם שטענדיקן טומל, וועלכער איז געווען ווי אומפֿאַרמיידלעך, אין אַזאַ שותּפֿות'דיקער רייזע.

אַזוי ווי די האָטעל־צימערן זיינען געווען רעזערווירט, בלויז פֿאַר דער וואָך צייט, איז יונה אַוועק אין אַ טוריסטן־ביוראָ, וואו מען האָט אים געגעבן אַן אַדרעס, פֿון אַ פּריוואַטער הויז, וואָס האָט אַ צימער צו פֿאַרדינגען.

עס האָט אַזוי געטראָפֿן, אַז ווען יונה איז אַרויס פֿון טוריסטן־ביוראָ, האָט ער באַגעגנט מאַדעמאַזעל דעראַזיע, וועלכע איז אַהין

געגאַנגען צוליב דעם זעלבן צוועק. דערוויסנדיק זיך, אַז ער האָט שוין אַ צימער, האָט זי אים געבעטן ער זאָל איר געבן דעם טע־לעפאָן־נומער, צוזאָגנדיק אים, אַז אַזוי גיך ווי זי וועט זיך איינ־אָרדענען אין איר נייעם צימער וועט זי אים טעלעפאָנירן. אַזוי איז עס טאַקע געווען. אין עטלעכע טעג אַרום, האָט יונה געקראָגן דורכן טעלעפאָן אַן איינלאַדונג פון מאַדעמאַזעל דעראַזיע צו קו־מען איר זען.

לײַדער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וואָס שייך ראָמאַנטיש־קייט, איז יונה פּערלמאַן, געווען ניט פיל אַנדערש פון די איבע־ריקע אַלטע בחורים, די טוריסטן, וועלכע ווי עס ווייזט אויס, האָבן שוין לאַנג דערשטיקט אין זיך יעדן געפיל צום שענערן געשלעכט. זייענדיק באַהערשט נאָר מיט דער קאַלטקייט פונעם שכל הישר, האָט יונה דעריבער די איינלאַדונג איגנאָרירט.

מאַדעמאַזעל דעראַזיע האָט אויף מאָרגן אָנגעקלונגען צום צווייטן מאָל, באַקלאָגנדיק זיך, אַז זי פילט ווי יונה פאַרנאַכלע־סיקט איר, און זי וואָלט געוואָלט וויסן די סיבה פון דעם. האָט ער איר אָנגעגעבן דעם תירוץ, אַז ער איז געגאַנגען צו איר, אָבער האָט בשום אופן ניט געקאָנט געפינען איר וואוינונג. אוודאי האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עס איז ניט מער ווי אַ תירוץ, און זי האָט שוין מער ניט געקלונגען.

אין זיין אַלט־בחור׳שן לעבן פלעגט יונה אַממערסטן געניסן פון שטילקייט און מעדיטאַציע. איז ער דעריבער איצט, נאָך צוויי וואָכן פון טומלדיקן לעבן, געווען העכסט צופרידן, צו שפּאַ־צירן אַליין, פאַר לאַנגע שטונדן לענג־אויס, דעם ים־ברעג, פון מיאַמי־ביטש.

אויפשטייענדיק אין די סאַמע באַגינענס פון די פעברואַר־פרימאָרגנס, פלעגט ער זיך אָפּטונקען, אין די אָפּפרישנדיקע וואַ־סערן פון ים, און נאָך אַ לייכטן פרישטיק, פלעגט ער זיך אַוועק־לאָזן אויף זיין לאַנגן שפּאַציר איבער דעם גלאַטן, זאַמדיקן ים־ברעג. אָנפאַנגנדיק פון דער גאָר ערשטער גאַס פון מיאַמי־ביטש, פלעגט ער אַזוי מיט געלאַסענע און זיכערע טריט אָנטקעגן גיין דער ניי־אויפגעלויכטענער זון . . .

עפּילאָג

ס'איז שוין פאַרלאָפן אַ גוטע זעקס יאָר, זינט יונה פּערלמאַן האָט דורכגעמאַכט יענע עקסקורסיע־רייזע קיין מיאַמי. זייענדיק פאַרנומען מיט זיינע פּראַזאַאישע, טאָג־טעגלעכע באַשעפטיקונגען, האָט ער שוין כמעט ווי פאַרגעסן וועגן דעם. אָבער עס איז געווען אַ מין באַשערטע זאַך, אַז ער זאָל דורך אַ צופאַל, מיט פרייד זיך דערמאָנען אַן אייניקע פון יענע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקאַנט דאָן, אויף יענער רייזע.

עס איז געווען, ווען יונה איז אין איינעם, אַ נאָכמיטאָג, אַריינגעגאַנגען אָפּשערן זיך, בא זיין אַלטן „באַרבער" טאָני. טאָני'ס באַרבער־שאָפּ, ווי אַלע אַנדערע „אינסטיטוציעס" פון דעם מין, איז געפאַלן אַ קרבן פון דער צייט. אין די גוטע, אַלטע צייטן, פלעגט די באַרבער־טשער, זיין דאָס פּלאַץ, וואו איינער האָט זיך אויסגערוט פיזיש, אַזוי גוט ווי גייסטיק. דער באַרבער פלעגט זיך נעמען צייט, פלעגט גלאָטן אָפּשערן, און נאָך מער גלאָטן, אָפּגאָלן זיין קליענט און פלעגט אים, דערביי איבערדערציילן אַלע נייעסן פון דער שכנה'שאַפט; ווער עס איז חלילה קראַנק, ווער עס האָט שוין גאָר שמאָל, און נאָך אַנדערע געשעענישן. אָבער דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל. איצט זיינען מענטשן אַזוי פאַרנומען, אַז ווען זיי קומען אַריין אין באַרבער־שאָפּ, ווילן זיי אויף שנעל אַריינכאַפּן דאָס אָפּשערן זיך, און אַנטלויפן.

עס איז אָבער אַ געזעץ פון דער נאַטור, אַז זאַכן שטאַרבן ניט אָפּ מיטאַמאָל, אַז אַלץ בייט זיך, ענדערט זיך דורך אַ געוויסן לאַנגזאַמען פּראָצעס. איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז דאָ־און־דאָרט, קאָן מען נאָך טרעפן אַ זעלטענעם באַרבער, וואָס האָלט זיך נאָך פעסט, אין די אַלטע טראַדיציעס.

אַזאַ־אַ באַרבער, האָט יונה פּערלמאַן אָנגעטראָפן יענעם באַטאָג אין טאָני'ס באַרבער־שאָפּ. עס איז שוין אַ קימה־לן פון פינף יאָר, ווי יונה קומט אַריין אין טאָני'ס פּלאַץ, וואו די מערסטע

קליענטן, זיינען קליינע געשעפטס־לייט, וואו טאַני, אַן עלטערער איטאַליענער, האָט אויף שנעל דערליידיקט זיינע קליענטן. דאָס מאָל האָט יונה, אנשטאָט דעם אַלטן זיבעציק־יאָריקן טאַניז, גע־טראָפן א יונגערן באַרבער, א מאַן אין די זעכציקער . . .

אויף יונה'ס פראַגע: 'וואו איז טאַני?" האָט אים דער נייער מאַן געמאָלדן, אַז טאַני איז שוין אוועק אויף דער בעסערער וועלט, אַז מיט א וואָך צוריק איז ער געשטאָרבן. וואָס איז אוודאי א גרויסער שאָד. דער פיינער מאַן, וואָס טאַני איז געווען! נאָר הפנים — האָט זיך דער נייער מאַן אַליץ מער צערעדט — דער מענטשלעכער שיקזאַל ווייסט ניט פון קיינע תירוצים: א גוטער מענטש, א שלעכטער מענטש, אַלע מוזן גיין ווען די צייט קומט.

„—יאָ, טאַני איז געווען אַ פיינער איטאַליענער אַלטיטשקער. אגב, קאָן איך אויך רעדן איטאַליעניש, הגם פון געבורט בין איך א פראַנצויז", דערקלערט אים דער נייער באַרבער. וואוינענדיק אַלע יאָרן אין לאָשין, וואָס איז באַפעלקערט פון איטאַליענער, האָב איך געהאַט א געלעגנהייט צו דערלערנען די איטאַליענישע שפראַך. ווי איר קוקט מיך אָן — האָט ער זיך געווענדט מיט א ברייטן שמייכל צו יונה'ן — בין איך פון דער נאַטור א מענטש, וואָס האָט ליב מענטשן, אָן אונטערשייד פון קאָליר אָדער ראַסע. ווייל איר מוזט וויסן, מיין ליבער מאַן, אַז צו זיין א באַרבער, איז אזוי ווי זיין א דאָקטאָר. מיר ווייסן דאָך, אַז אין די צייטן פון אונזערע זיידעס, זיינען באַרבערס אויך געווען דאָקטוירים, אין איינער און דער זעלבער צייט. אזוי ווי עס קאָן ניט זיין א גוטער דאָקטאָר א מענטש, וואָס זאָל ניט ליב האָבן שטאַרק זיינע מיט־מענטשן, אזוי קאָן ניט געמאָלט זיין א אמת־גוטער באַרבער. אזוי ווי א דאָקטאָר, איז אויך דער באַרבער, פון זיין באַרוף זעלבסט, פאַרפליכטעט צו מאַכן דעם מענטשן צו פילן א שטאַרקערן לוסט צום לעבן. אזוי ווי דער דאָקטאָר מאַכט דעם מענטשן גע־זונטער, אזוי איז דער באַרבער באַרופן צו מאַכן דעם מענטשן אויסצוזען שענער און יונגער. און דאָס, מיין פריינט, קאָן מען נאָר דערגרייכן דורך דער שטאַרקער ליבע, וואָס איינער פילט צום מענטשלעכן מין, דורך אמת'ער אויפריכטיקער ליבע.

זיצנדיק אזוי אויפן באַרבער־טשער און צוהערנדיק זיך צו די סענטימענטאַלע רייד פון דעם באַרבער, איז יונה׳ן איינגעפאַלן צו פרעגן, צי ער קאָן נישט אמאָל אין לאַשין די פאמיליע לאמ־בערט?

— אוודאי קאָן ער זיי, און נאָך ווי! ער וואוינט פונקט אַנטקעגן די לאַמבערטס, וואָס האָבן די איינציקע דרוקעריי אין לאַשין שוין פאר אזוי פיל יאָרן. עס איז אָבער א שאָד, וואָס דער אלטער לאַמבערט ליגט קראַנק, פאראליזירט פאר די לעצטע דריי יאָר צייט. אייניקע טעג שלעפט ער זיך נאָך אַראָפּ, אָבער אין די מערסטע טעג ליגט ער צוגעשמידט צום בעט. די פרוי זיינע, מאַדאַם לאַמבערט, וועלכע איז אליין אויך ניט קיין גע־זונטע פרוי, האָט שוין מיט אים דאָס ריכטיקע אויסקומעניש. די טאָכטער זייערע, טערעז, איז פארהייראַט שוין עטלעכע יאָר. זי האָט חתונה געהאַט פאר א זייער פיינעם בחור. ער איז טאַקע אין שותפות מיט איר עלטערן ברודער „פיט" אין א שפייז־געַ־שעפט. מיט דער דרוקעריי פארוואַלטן די צוויי אינגערע ברידער.

אויסהערנדיק דאָס אַלץ, האָט יונה געגעבן דעם באַרבער זיין וויזיט־קאַרטל, בעטנדיק אים, ער זאָל גריסן פון זיינעטוועגן די לאַמבערטס. „זאָגט זיי, אז איך בין געוועזן זייער נייגעריק צו הערן וועגן זיי".

— זיכער, זיכער וועל איך זיי גריסן פון אייערטוועגן. מיט די ווערטער האָט דער באַרבער פארענדיקט, העלפנדיק יונה׳ן אַנטאָן זיין מאַנטל.

יונה פערלמאַן, איז ארויס אין גאַס, אַ שטאַרק אויפגעמונ־טערטער, פון די אנגענעמע דערינערונגען, וועגן יענער לוסט־רייזע

לאַנדסלײַט

פאר צוואנציק יאר, האט מאריס אפגעוואוינט אין מאנטרעאל, און איז קיין איין מאל, פאר דער גאנצער צייט ניט צוגעפארן, אנקוקן ניו יארק. זייענדיק אין די יונגע יארן אן אנהענגער פון טאלסטאי און זשאן זשאק רוסא, און ווערנדיק אין די שפעטערדיקע יארן באאיינפלוסט, פון די דיכטער באוושאווער, עדעלשטאט און ווינטשעווסקי, האט ער זיך פארגעשטעלט ניו יארק, ווי עפעס איין שרעקלעך־גרויסער סוועט־שאפ, וואו די מענטשן ווערן קראנק, און שטארבן אפ פאר דער צייט . . .

אבער מיט די יארן, ווערט מען דאך קלוגער. איז מאריס, דערגרייכנדיק דעם עלטער, ווען מענטשן האבן אים שוין גערופן „דער אלטער בחור”, געפארן אנצוקוקן ניו יארק.

עס איז געווען אנפאנג זומער. מאריס האט געקויפט א ביכל, וואס קלערט אויף דעם טוריסט, וואוהין צו גיין און וואס צו זען, אין דער בארימטער וועלט שטאט. האט ער במשך דער ערשטער וואך, שוין באוויזן צו באזוכן די ראדיא־סיטי מוזיק האל, ראקעפעלער צענטער, דעם פלאנאטעריום, דעם אקווואריום, קוני־איילענד, דעם דאך פון עמפאיר סטעיט־בילדינג, און אויך די ביבליאטעק אויף דער פינפטער עוועניו.

אריינקוקנדיק אין טוריסטן־ביכל, האט ער באמערקט, אז ער האט נאך ניט געזען, דעם זאאלאגישן גארטן פון די בראנקס, און דעם סענטראל־פארק. אויב אזוי, האט מאריס באשלאסן, צו פארבלייבן אויף נאך א וואך, וועט ער שוין קענען באזוכן די צוויי פלעצער, וועלכע דאס טוריסטן־ביכל רעקאמענדירט גאר שטארק, ווי אלס א מוז־זאך, פאר באזוכער פון ניו יארק.

שפאצירנדיק זונטיק פארמיטאג איבער די ברייטע אלייען פון סענטראל־פארק, האט מאריס'ן אנגעהויבן מאטערן דער געדאנק, אז נאכדעם ווי ער האט פאר די לעצטע צוויי וואכן אנגעזען זיך, און אנגעטומלט זיך, מיט אזוי פיל נייע אויסטערלישע מערקווירדיקייטן, פילט ער דאך עפעס א פוסטקייט אויף דער נשמה. עפעס ציט אים און נאגט אים דאס הארץ פון איינזאמקייט, וועלכע האט אים אזוי שטארק אנגעהויבן צו פלאגן, אין די לעצטע עטלעכע טעג, פון זיין פארברענגען אין דער גרויסער שטאט. וואוינענדיק פאר צוואנציק יאר אין מאנטרעאל, האט ער זיך דארט דערווארבן א קרייז באקאנטע און פריינט, צו וועלכע ער

קומט אריין, ווען נאָר ער פילט, ווי צו צעשטרייטן זיך, אין זיין אַלט־בחור׳ישן לעבן. האָט ער איצט, שפּאַצירנדיק אין סענטראַל־פּאַרק, געפילט ווי ס׳באַפאַלט אים עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע בענקשאַפט נאָך מענטשן, אַ בענקשאַפט וואָס איינער דערפילט, בעת שטויסנדיק זיך, אין די געדיכטעניש פון די מענטשן־מאַסן, פון דער גרויסער שטאָט.

— אַזוי פיל אָנגעזען זיך — האָט מאָריס אָנגעהויבן צו טראַכטן — נאָר איין זאַך האָב איך פאַרפעלט, און דאָס איז, צו זען אַ מענטשן. איז עס גאָר מעגלעך, אַז ער זאָל גאָר ניט טרעפן זיך מיט עמיצן, פון זיינע שטעטלדיקע לאַנדסלייט?

און אַזוי טראַכטנדיק, האָט מאָריס אָנגעהויבן צו דערמאָנען זיך, ווי אין זיינע קינדערשע יאָרן נאָך, האָבן די שטעטלדיקע אידן, אָנגעהויבן אויסצוואַנדערן קיין אַמעריקע, און ווי אַ סך פון זיי האָבן זיך באַזעצט אין ניו יאָרק. עס איז אים געקומען אויפן זינען, זיין חבר וועלוול, מיט וועמען ער האָט זיך געשפּילט אין די קינדערשע יאָרן, און שפּעטער געלערנט צוזאַמען אין איין חדר. אַפילו שוין נאָך די חדר־יאָרן, איז אים דאָך באַשערט געווען, צו אַרבעטן מיט וועלוול׳ען, אין דער גרויסער שטאָט סמאָליענסק. עס איז דאָך טאַקע געווען ער, מאָריס, וואָס האָט באַזאָרגט וועל־וול׳ען מיט אַרבעט אינעם זעלבן פּלאַץ, וואו ער האָט געאַרבעט בײַ פּאַפּירענע שאַכטלעך. וועלוול׳עס פאָטער איז געווען איינער פון די חשוב׳סטע באַלעבאַטים אין שטעטל. ער איז געווען גבאי אין דער קאַזיראַנאַווער שול, פאַרמאָגט אַ גרויס הויז, מיט אַ גרויס הויז־געזינט. דרייצן קינדער זיינען דאָרטן געווען אין הויז — אַכט מיידלעך און פינף אינגלעך. צוויי פון די מיידלעך, האָט מען נאָך אין מאָריס׳עס קינדער־יאָרן, גערופן אין שטעטל „די אַלטע מוידן”. די פינף זין זיינען געווען פון די אינגערע, פון די דרייצן קינדער.

איז אָט דאָס גאַנצע הויז־געזונט האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע נאָך אין יאָר 1905. עס זיינען דאַן געווען די שטורעמ־דיקע יאָרן פון רעוואָלוציע און פּאָגראָמען. ניט־זעענדיק קיין גוטע אויסזיכטן, אויף אויסצוגעבן זיינע דערוואַקסענע טעכטער, אין דעם קליינעם שטעטל, האָט וועלוול׳ס פאָטער, שמואל דער גבאי,

ווי מען האָט אים געדופן, באַשלאָסן אויסצוואַנדערן.

אפילו זייענדיק אַ באַלעבאַטישער איד, האָט ער דאָך ניט געהאַט גענוג געלט צו באַצאָלן פאַר אַ קימאַ־לן פון פופצן שיפס־קאַרטן. האָט ער זיך געווענדעט צו זיינעם אַ לאַנדסמאַן, וואָס האָט זיך שוין אַרויפגעאַרבעט אין ניו יאָרק, וואָס איז אַזוי גוט געווען, און האָט אים געהאָלפן פינאַנסירן די רייזע.

דאָס אַלץ, האָט זיך מאָרים איצט דערמאַנט, וועגן זיין יוגנט־חבר וועלוול. — אַ, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען ער קאָן אים איצט אויפזוכן, האָט מאָרים געזאָגט צו זיך. אָבער גיי זוך אַ נאָדל אין אַ זאַק שטרוי. אָבער צוריק געדערט זאָגט דאָך אַ פּסוק: „יגעתי מצאתי". אז מען זוכט, געפינט מען. —

קומענדיק אין זיין האָטעל־צימער האָט מאָרים אָנגעפאַנגען צו בלעטערן מיט גרויס נייגער, די גראָבע טעלעפאָן־ביכער פון דער גרויסער שטאָט ניויאָרק. גאַרפינקל, איז געווען וועלוול׳ס פאַמיליע־נאָמען. אָט איז עס: וויליאַם גאַרפינקל, ערגעץ אין ברוקלין. מאָרים האָט אָנגעקלונגען. „העלאָ, גאַרפינקל, דאָס ביסטו וועלוול פון קאַכנאָווע?". האָט אים אַ שטימע פון יענער זייט געענטפערט: „איר מוזט דאַרפן, מיין קאַזין פון די בראָנקס, וואַרט, וועל איך אייך געבן זיין נומער". ווידער: „העלאָ, העלאָ, דאָס ביסטו וועלוול פון קאַכנאָווע?" „ווער רעדט עס?", האָט געפרעגט אַ שוואַכע מענערשע שטימע. „אוודאי, דאָס בין איך און דו, ווער ביסט? אהאָ, משה, משה׳לע דאָבין! אָלרייט, איך קום באַלד און וועל דיך ברענגען צו מיר אין הויז".

:: :: ::

דאָס איז געווען פיר אַזייגער בייטאָג. אַרום זעקס, האָט מאָרים דערהערט אַ לייכטן טיק־טאַק אויף זיין טיר. גרויס איז געווען מאָרים׳ס איבערראַשונג, ווען ער האָט געעפנט די טיר און דערזען פאַר זיך אַ הויכן, דאַרן מאַן, מיט אַ קאָפּ שניי־ווייסע האָר. דער מאַן האָט האַסטיק אַרומגעכאַפּט זיך קושן מיט מאָרים׳ן.

„משה! איך האָב דאָך דיך באַלד דערקענט. דו האָסט זיך גאַרניט געביטן זינט איך האָב דיך פאַרלאָזן מיט דרייסיק יאָר צוריק, נאָר די האָר זיינען אַ ביסל באַזילבערט, אָבער דער זעלבער

משה׳לע. אָבער גיב אַ קוק אויף מיר, וואָס פון מיר איז געוואָרן!״.

מאָרים האָט אַ פאַר׳חידוש׳טער אָנגעקוקט זיין יוגנט־פריינט. ווי אַלט דער מענטש איז געוואָרן! בשום אופן וואָלט ער אים ניט דערקענט, ווען ער טרעפט אים אין גאַס. דאַקעגן, האָט אים פאַרזיכערט וועלוול, אַז ווען ער וואָלט אים דערזען, אפילו אינמיטן בראָדוועי, וואָלט ער אים באַלד דערקענט, גאַרניט געעלטערט זיך.

ווען מאָרים האָט אים געפרעגט, ווי קומט עס, וואָס ער האָט אים ניט געקענט אויפזוכן אין טעלעפאָן־בוך, האָט אים וועלוול דערקלערט, אַז איבער פאַרשיידענע סיבות האָט ער געביטן זיין נאָמען אויף פינק. — ווייסט דאָך, אמעריקע, בין איך פון וועלוול גאַרפינקל מגולגל געוואָרן אויף ווילי פינק. אמעריטשקע פאַרקירצט דעם נאָמען — און די יאָרן . . .

נו, קום משה׳לע, מיין פרוי וואַרט אויף דיר מיט סאַפּער. גייענדיק געאָרעמט, צו דער סאַבוועי, האָבן די לאַנדסלייט, אויף שנעל געטיילט זיך מיט די איבערלעבונגען, פאַר די דרייסיק יאָר, פון זייער צעשיידנקייט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביידע חברים זיינען באַשעפטיקט בא דער זעלבער אַרבעט, פון מאַכן פּאַפּירענע קעסטלעך, מיט דעם אונטערשייד, וואָס מאָרים איז געוואָרן שוין אַ באָס פאַר זיך, בעת וועלוול איז געבליבן אַן אַר־בעטער. וועלוול האָט אפילו אויפגעעפנט פאַר אַ קורצער צייט אַן אייגן פאַבריקל, אָבער די גרויסע ניו יאָרק, פאָדערט גרויס קאַפּיטאַל אין דער צייט, ווען אַ קלענערע שטאָט, איז מער גינסטיק פאַר דעם קליינעם אונטערנעמער. אַזוי רעדנדיק, זיינען זיי אַריין אין סאַבוועי. דאָס קלאַפּן פון די רעדער, האָט זיי געשטערט אויף ווייטער, צו ציען זייער געשפּרעך, זיינען זיי געזעסן און שטיל באַטראַכט און אָנגעקוקט זיך, איינער דעם אַנדערן . . .

אַרויסגעשטיגן פון דער סאַבוועי, אין די בראָנקס, זיינען זיי געגאַנגען פאַר אַ פּאָר מינוטן, ביז וואַנען זיי האָבן דערגרייכט אַ טענעמענט־הויז. ווילי׳ס וואוינונג האָט זיך געפונען אויפן פינפטן גאָרן פון דער הויז. האָבן זיי אָנגעהויבן לאַנגזאַם, צו קריכן אַרויף מיט די טרעפּ, וועלכע זיינען געווען ניט נאָר שמאָל און אָפּגעריבן, נאָר אויך געדרייט ספּיראַלוויז, אין די אַריינ־גאַנגען פון איין גאָרן אין דעם צווייטן. שווער אָטעמנדיק, זיינען מאָרים מיט ווילי׳ן, אַריינגעטראָטן אין הויז אַריין.

באַם טיר האָט זיי באַגעגנט ווילי׳ס פרוי, הינטער וועמען עס זיינען נאָענט געשטאַנען צוויי מיידלעך, מיט שמייכלענדיקע פּנים׳ער, איינע פון א יאָר צוועלף און די צווייטע פון א יאָר צען. פאַרגעשטעלט און צעקושט זיך, איז מען דערוויייל אריין אין גאַסט־צימער. „איר קאָנט דערוויייל רעדן, ביז איך וועל אייך רופן צו סאַפּער״, האָט אויסגערופן ווילי׳ס פרוי.

ווענן וואָס צו רעדן, איז פאַרשטייט זיך געווען איבערגענוג. א קלייניקייט, אזוי פיל יאָרן, ניט געזען זיך, און ניט געהערט איינער פון צווייטן. פּאַסירונגען פריידיקע, און נאָכמער טרויע־ריקע, זיינען איבערגעלעבט געוואָרן, פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר.

. . . שוין אויף דער צווייטער וואָך, פון דעם אָנקומען פון ווילי׳ס משפחה קיין אַמעריקע, איז זיין גאָר עלטסטע שוועסטער, אַראָפּגעפאַלן פון דעם באַלקאָן, ווען זי האָט געהאנגען וועש צו טריקענען. אויפגעהויבן האָט מען איר א טויטע. איין אינגע־רער ברודער, איז מיט א יאָר שפּעטער איבערגעפאָרן געוואָרן, פון אן אויטאָמאָביל, ווען ער איז געגאַנגען פון דער אַרבעט. דער פאָטער ווילי׳ס, דער חשוב׳ער באַלעבאָס און גבאי פון שטעטל, איז געוואָרן א שמש, אין א קליין חסידיש שול׳כל, אין די בראָנקס.ביידע, סיי דער פאָטער און סיי די מוטער זיינען שוין אויפן עולם האמת, האָבנדיק דערגרייכט א גאַנץ טיפן עלטער. די אַנדערע שוועסטער און ברידער, זיינען אַלע פאַרהייראַט. אייניקע פון זיי האָבן שוין אויסגעגעבענע קינדער און אייניקלעך אפילו. האָבן זיך צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע טיילן פון ניו יאָרק. וועמען עס גייט בעסער, און וועמען ערגער, ווי געוויינלעך אין לעבן.

אונזערע לאַנדסלייט, האָבן זיך ערשט פאַנאַנדערגערעדט, ווען ווילי׳ס פרוי האָט זיי איינגעלאַדן אין עס־צימער. די צוויי יונגע מיידלעך, מיט שמייכלענדיקע פּנים׳ער, האָבן געהאַלטן אין איין באַטראַכטן מאָרים׳ן. „זעסטו״, האָט ווילי אויסגערופן, זעצנדיק זיך צום טיש, „פון מיינע צוויי טעכטערלעך האָב איך נחת! ביידע, זאָלן געזונט זיין, לערנען זיך מיט אויסצייכענונגען, אין דער שולע״.

דער עס־טיש איז געווען זייער שיין געגרייט. די גלעזער האָבן געפינקלט מיט שמעקעדיקן ווייַן. מען האָט געמאַכט א

לחיים, ווינטשנדיק זיך, און כלל ישראל בשורות טובות. ווילי'ס פרוי איז געווען אַנגעטאָן, אין אַ טונקל־בלויער קלייד, מיט אַ קלאָר־ווייסן פאַרטוך. זי האָט נאָך אויסגעזען גאַנץ שיין, לויט איינע אין די מיטעלע יאָרען. נאָכן לאַנגן מאָלצייט, איז מען ווידער געזעסן אין פּאַרלאָר־צימער, ווידער גערעדט, וועגן די פאַר־גאַנגענע יאָרן, ביז וואַנען וועלוול האָט זיך דערפילט שטאַרק אויס־געשעפּט. — „אַ שאָד, וואָס מאָרגן דאַרף מען אויפשטיין צו דער עבודה, אַניט וואָלט איך נאָך געזעסן מיט דיר אַ גאַנצע נאַכט און גערעדט", האָט וועלוול געזאָגט.

עס איז שוין געווען אַרום צוועלף אַ זייגער אין דער נאַכט ווען מאָריס, אַ שטאַרק צופרידענער, האָט זיך אַפּגעזעגנט מיט ווילי'ס פרוי און די צוויי מיידלעך. ווילי איז געגאַנגען באַגלייטן מאָריס'ן צו דער סאַבוועי. ביזוואַנען די באַן איז אָנגעקומען האָבן זיי אויסגענוצט די צייט אויף אַפּצורעדן צו טרעפן זיך מאָרגן, מאָנטיק אַרום זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט בא דעם שאַפּ, וואו ווילי אַרבעט. „דאָס וועט דיר געבן אַ געלעגנהייט, צו טרעפן זיך מיט מיין באָס, און זען מיין פּלאַץ וואו איך שקלאַף פאַר די לעצטע פופצן יאָר", האָט ווילי צוגעגעבן, ווען די סאַבוועי איז אָנגעקומען.

אויף מאָרגן, מאָנטיק, איז מאָריס צוגעקומען צו ווילי'ס אַרבעטס־פּלאַץ, וועלכער האָט זיך געפונען אויף דער איסט־סאַיד, אין דעם אַלטן געגנט פון ניו יאָרק, אויף אַ שמאָלער און ניט גאָר ריינער גאַס, וואָס רופט זיך ברום סטריט.

מאָריס איז געווען צופרידן, וואָס די לעצטע שטונדן, פון זיין באַזוכן ניו יאָרק, וועט ער פאַרברענגען מיט זיין לאַנדסמאַן און יוגנט־חבר. די באַן קיין מאָנטרעאַל גייט אָפּ צען אַזייגער, וועט עס אים געבן אַ פּאָר שעה, צו געזעגענען זיך מיט וועלוול'ען. אַרום צען מינוט צו זעקס, איז מאָריס אריין אין אָפיס פון שאַפּ, און געפרעגט פאַר ווילי'ן. נאָך אַ ווײַלע וואַרטן, איז ווילי דער־שינען, אין אָפּגעריבענע בלויע אָוועראָלס, פון דעם אונטערשטן שטאָק, וואָס איז געווען אַ גרויסער קעלער אין וועלכן זיי זיינען ביידע אַראָפּגעגאַנגען. באַטראַכטנדיק דעם קעלער האָט מאָריס אויסגערופן: „ניט אומזיסט ביסטו גרוי און אַלט געוואָרן, פאַר

דער צייט״! אויף וואָס ווילי האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן, אַז אין זייער יוניאָן, פאַרהאַנדלט זיך לעצטנס די פראַגע, פון אָפּ־שאַפן די קעלערס, אין די פּעיפּער־באָקס שעפּער, און אַז אין די נייע פאַדערונגען צו די באָסעס וועט די פראַגע פון קעלערס, זיין די וויכטיקסטע.

אַראָפּציענדיק פון זיך די אָוועראָלס, האָט ווילי טאַקע אָנגעהויבן צו קלאָגן זיך פאַר מאַריס'ן, אַז די לעצטע צייט פילט ער זיך ניט אַמבעסטן אין געזונט. זיין „אַרבעטער רינג״ דאָקטאָר האָט גענומען אַן עקס־רעי, פון זיין האַרץ און לונגען, און איצט וואַרט ער אויף אַ באַריכט פונעם דאָקטאָר. נאָך קיין פּופּציקער ניט, און ער פילט, אַז ער איז שוין ווי אויסגעשפּילט. פופצן יאָר, ווי ער שטייט אויפן צעמענטענעם דיל, און האַלט אין איין שטופּן גרויסע בויגנס קאַרטאָן, צו די קיילעכדיקע מעסערס פון „ריץ־מאַשין״.

אַ גלעקל האָט אַ קלונג געטאָן, ווילי האָט אַרויפגעכאַפּט זיין הוט, און זיי האָבן זיך אַרויסגעדראַפּעט פונעם קעלער. דורכ־גייענדיק דעם אָפיס, האָט ווילי פאַרגעשטעלט מאַריס'ן, צו זיין באָס. — „מיינער אַ לאַנדסמאַן, אַ פּעיפּער באָקס מאַנופעקטשו־רער פון קאַנאַדע״.

מר. גאָלד, ווילי'ס באָס, אַ קורצער מענטשל, מיט אַ פּליכע־וואַטן קאָפּ, האָט זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן ווי אַזוי איז ביזנעס אין קאַנאַדע. שמועסנדיק פאַר אייניקע מינוטן, האָבן זיי זיך געזעגנט מיט מר. גאָלד'ן, און זיינען אַרויס אין גאַס. צוקומענדיק צום ערשטן רעסטאָראַן, זיינען זיי אַהין אַריין. בעת'ן עסן האָבן זיי אָפּגערעדט, אַז מען זאָל זיך אָפט דורכשרייבן. אַרויסגעגאַנ־גען פון רעסטאָראַן, האָבן זיי זיך צעקושט, און יעדער איז אוועק אין אַ באַזונדערער ריכטונג, צו די אַריינגאַנגען פון די פאַרשיי־דענע סאָבוועיס.

:: :: ::

מאַריס האָט אָנגעהויבן שרייבן בריוו צו ווילי'ן, אַזוי ווי זיי האָבן אָפּגערעדט. אָבער עס פלעגט נעמען מאָנאַטן ביז וואַנען ער האָט געקראָגן אַן ענטפער פון ווילי'ן. אפילו די פאָר זעלטענע

בריוו, וואָס ער האָט יאָ דערהאַלטן, זיינען בלויז די ערשטע שורות געווען געשריבן פון ווילי׳ן, דאָס איבעריקע, פלעגט ער שרייבן, וועט שוין אויספילן מיין עלטערע טעכטערל, ווייל „איך אייל זיך צו אַ יוניאָן־מיטינג, וואו איך בין טשערמאַן״. און דאָס טעכטערל פלעגט שוין אויספילן דעם בריוו אין ענגליש: „מיין דעדי״ — פלעגט זי אָנפאַנגען — „איז זייער אַ ביזי מענטש. יעדע נאַכט האָט ער אַ מיטינג״, און זי פלעגט פאַרענדיקן . . . מיט גרוסן, פון „מיין מאַ און מיין שוועסטער״, און אַז זיי דערוואַרטן מיט אומגעדולד, צו זען אים ווידער אינגיכן, ווען ער וועט באַזוכן ניו יאָרק. „פון מיר, אייער פריינדין, פעני״.

אַזוי פלעגט זיך ענדיקן דער בריוו, צוגעבנדיק צום סוף דריי שטערנדלעך . . .

אָבער עס זיינען אַוועק גאַנצע צען יאָר, ביזוואַנען מאָריס האָט באַשלאָסן, צו מאַכן אַ צווייטן באַזוך אין ניו יאָרק. דאָס מאָל, האָט ער געטראַכט, וועט ער שוין באַלד, אין דער ערשטער שעה פון זיין אָנקומען, אָנקלינגען זיין לאַנדסמאַן.

אָנקומענדיק קיין ניו יאָרק, האָט ער תיכף טעלעפאָנירט אין אָפיס פון ווילי׳ס אַרבעטס־פּלאַץ. „העלאָ! קען איך רעדן צו ווילי פינק?״ — „דזשאַסט עי מאָמענט פּליז״, האָט אים אַ שטימע געענטפערט. נאָך אַ ווײַלע וואַרטן, האָט מאָריס דערהערט אַ פרעמדע מענער־שטימע: „העלאָ, דאָס זייט איר, ווילי׳ס לאַנדסמאַן, פון קאַנאַדע? דאָס רעדט מר. גאָלד, ווילי׳ס באָס. פּליז קומט צו אין מיין אָפיס, איך האָב פאַר אייך וואָס צו מעלדן״.

מאָריס האָט שנעל זיך אַריינגעזעצט אין אַ טעקסי, און אין צען מינוט אַרום איז ער צוגעקומען אויף ברום סטריט, צו דער פּעיפּער־באָקס פאַבריק, וואו זיין לאַנדסמאַן ווילי האָט געאַרבעט. אַריינקומענדיק אין אָפיס האָט אים באַגעגנט מר. גאָלד. אַ סך פאַרעלטערט, זינט ער האָט אים געזען מיט צען יאָר צוריק. דריקנדיק מאָריס׳עס האַנט, זאָגט אים מר. גאָלד: „עס טוט מיר לייד, וואָס איך מוז אייך אָנזאָגן די טרויעריקע בשורה, אַז אייער לאַנדסמאַן ווילי איז טויט, שוין פאַר די לעצטע צוויי יאָר״.

דערשטוינט פון דער טרויעריקער בשורה, איז מאָריס געשטאַנען אוז געשוויגן פאַר לאַנגע מינוטן ביזוואַנען מר. גאָלד

האָט זיך אָפּגערופֿן: „אָבער מיט איין זאַך, קאָנען מיר זיך געווים טרייסטן, וואָס צו זיין לויה איז געקומען אַ זייער גרויסער עולם פֿארהערער און פריינט. ער איז ווירקליך געווען באַליבט בײַ פיל מענטשן. ער איז געווען דער פיינסטער מענטש, וואָס איך האָב ווען באַגעגנט!" אזוי האָט פארענדיקט מר. גאָלד, ווען די אָפּיס־מיידל האָט אויסגערופן „מר. גאָלד, מען דאַרף אייך צום טעלע־פאָן".

ווען מר. גאָלד איז אַוועק צום טעלעפאָן איז די אָפּיס־מיידל צוגעגאַנגען צו מאָרים'ן, און האָט אים שטיל איבערגעגעבן, אז פאר די צוויי יאָר, וואָס ווילי איז טויט, האָט זיין אלמנה שוין פיל מאָל זיך נאָכגעפרעגט וועגן אים, און אַז זי האָט איר געבעטן, איבערצוגעבן מאָריסן איר פארלאַנג צו באַזוכן איר.

:: :: ::

אין אָוונט האָט זיך מר. מאָרים אַוועקגעלאָזן מיט דער סאָב־וועי אין די בראָנקס. דאָס זעלבע הויז ווי מיט צען יאָר צוריק, די זעלבע טרעפּ וועלכע פירן צום פינפטן שטאָק, צו דער וואוינונג פון זיין פארשטארבענעם לאַנדסמאַנ'ס אלמנה, אָנגעקלונגען. באַם טיר האָט אים באַגעגנט א יונגע פרוי מיט אַ ליבלעכן שמייכל: „אַך, מר. מאָרים", האָט זי אויסגערופן און האָט זיך צעקושט מיט אים. „געווים האָט איר שוין פארגעסן ווער איך בין. איך בין פעני, די עלטערע טאָכטער", און שרייענדיק: מאַ: מר. מאָרים איז אונז געקומען זען, האָט זי אַריינגעפירט מאָרים'ן אין פּאַרלאָר צימער, וואו עס האָט אים באַגעגנט זיין חבר'ס אלמנה.

שטאַרק פארעלטערט, גאָר ניט צו דערקענען, אַז עס איז די זעלבע פרוי וואָס ער האָט געזען דעם ערשטן מאָל מיט צען יאָר צוריק. איצט איז פאר אים געשטאַנען א זקנה, איינגעבויגן, מיט אויגן, וואָס האָבן פארלוירן יעדן גלאַנץ פון לעבן. וויינענדיק, האָט זי איבערגעגעבן מאָרים'ן איינצלהייטן פון איר מאַנס פריי־צייטיקן טויט. „נאָך גאָר אַ יונגערמאַן געווען, אינגאַנצן זעקס און פופציק יאָר. אויפגעשטאַנען אַיין פרימאָרגן צו דער אַרבעט.

מיט אמאָל די הארץ, אוי די הארץ,, און איז א פּאָל געטאָן אַ טויטער".

אין דער קורצער צייט, וואָס מאָרים האָט פאַרבראַכט אין דער אלמנה'ס הויז האָט ער זיך דערוואוסט, אז זי וואוינט איצט מיט איר עלטערער טאָכטער, וואָס איז פאַרהייראַט צו זייער אַ פיינעם מאַן, וואָס איז אַנגעשטעלט אין אַ מעבל־קראָם. אויך די יונגערע טאָכטער האָט מיט אַ פּאָר מאָנאַטן צוריק געהייראַט. זי וואוינט ערגעץ אין ברוקלין.

פאַרלאָזנדיק דאָס הויז, האָבן די צוויי פרויען, די אלמנה מיט איר טאָכטער, שטאַרק געדאַנקט מאָרים'ן פאַר זיין באַזוכן זיי. ווען מאָרים האָט זיי געזאָגט, אז ער וועט פאַרברענגען אין ניו יאָרק עטלעכע טעג, האָבן זיי אים צוגעזאָגט צו טעלעפאָנירן אין פאַרלויף פון די טעג.

:: :: ::

איז מאָרים ווידער אין ניו יאָרק און איז ווידער געבליבן אָרומצובלאָנקען זיך איינער אליין אין דער גרויסער שטאָט. ס'איז זונטיק אינדערפרי, דער פיינלעכער ווייטיק פון איינזאַמקייט האָט ווידער שטאַרק געדריקט אויפן הארצן. מאָרים האָט זיך אָנגעטאָן און האָט באַשלאָסן צו גיין אין סענטראַל־פּאַרק. אָבער אזוי ווי ער איז שוין געשטאַנען באַם טיר האָט דער טעלעפאָן זיך צעקלונגען. „העלאָ! דאָס רעדט פעני, איך און מיין מאַן און מיין מוטער ווילן אייך האָבן מיט אונז פאַר „דינער". — אַ, זיכער וועל איך קומען, האָט מאָרים מיט פרייד צוגעזאָגט.

:: :: ::

ווען מאָרים איז מיט אַ שאַכטל שאָקאָלאַד אין האַנט אַריינ־געקומען אָרום איינס אזייגער אין הויז פון דער אלמנה, איז ער שטאַרק איבערראַשט געוואָרן צו דערזען פאַר זיך אַ פולע הויז מיט מענטשן. אָנגעטאָן יום־טוב'דיק, האָט אים פעני פאָרגע־שטעלט איר מאַן, איר אינגערע שוועסטער מיט איר מאַן, און

מיט אַ גאַנצער ריי פון עלטערע, און גאַר אַלטע פרויען מיט זייערע מענער. צווישן די פרויען איז אויך געווען ווילי'ס עלטסטע שוועסטער, אַן אַלמנה, וואָס האָט אויסגעזען שוין זייער אַלט, מיט אַ קאָפּ פון שיטערע גרויע האָר. אָך, האָט מאָריס זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן, „איר זאָלט עס זיין די זעלבע ברכה, וועלכע ווי איך געדיינק, האָט געהאַט אַ קאָפּ מיט גדעדיכטע רויטע האָר. די ברכה, וואָס האָט גע'שמ'ט פאַר דער שענסטער פון אַלע מיידלעך אין שטעטל"?

„וואָס די צייט קאָן מאַכן פון אַ מענטשן"!

ווען די איבעריקע שוועסטער פון זיין פאַרשטאָרבענעם חבר האָט מאָריס, ווען ער האָט זיי באַטראַכט, בשום אופן ניט געקאָנט זיך דערמאָנען ווי אַזוי זיי האָבן אויסגעזען אין זיין שטעטל, ווען זייענדיק אַ יונגער אינגל און שפּילנדיק זיך אין זייער הויז מיט זיין חבר וועלוול.

אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום אַ זייער לאַנגן טיש. אויבנאָן איז געזעסן די אַלמנה, וואָס האָט איצט אויסגעזען פיל מונטערער ווי לעצטן דאָנערשטיק, ווען מאָריס האָט איר באַזוכט. מאָריס האָט פאַר'חידוש'ט באַטראַכט יעדן איינעם פון די געסט. אַ געמיש פון געפילן, פריידיקע און צוגלייך טרויעריקע, האָבן אים באַהערשט און ניט אָפּגעלאָזן פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דער טומלדיקער און זייער פריינטלעכער געזעלשאַפט. עס איז געווען שוין שפּעט אין אָוונט, ווען מאָריס האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט יעדן פון דער גרויסער משפּחה. אַ שטאַרק מידער איז ער אַריינגעקומען אין זיין האָטעל־צימער.

:: :: ::

עס איז געווען פאַר מאָריס'ן אַ זייער אַנגענעמע איבעררא־שונג, ווען ער האָט אין איין פרימאָרגן, צווישן זיין פּאָסט, געפונען אַ שיין קאַרטל, באַצירט מיט אַ בלומען זוים אַרום די ברעגן. דאָס איז געווען אַ קאַרטל פון פעני'ן מיט איר מאַן, אין וועלכן זיי לאָזן אים וויסן, אַז עס איז זיי געבוירן אין אַ מזל'דיקער שעה, אַ זון, וואָס זיין נאָמען איז סקאָט דזשיי ליבערמאַן.

מאַרים האָט אַנגעשטרענגט זיין גאַנצע פאַנטאַזיע, צו אַנט־שיידן וועגן דער מעגלעכקייט, אַז דאָס ערשט־געבוירענע אינגל, זאָל טראָגן דעם נאָמען פון זיין זיידן ווילי, וועלכן מען האָט אין דער אַלטער היים צו בר־מצוה אויפגערופן — הבחור זאב וואָלף בן רב שמואל . . . ווער ווייסט עס, וואָס פאַר אַ גילגול אַ אידישער נאָמען קאָן דורכמאַכן?

ניט וואַרטנדיק אויף זיין אַנטשיידונג, וועגן דעם באַדייט פונעם ערשט־געבוירענעם קינדס נאָמען, האָט מאַרים טעלעגראַ־פיש צוגעשיקט די עלטערן אַ בוקעט בלומען, באַגלייטנדיק עס מיט די בעסטע וואונטשן פאַר אַ גליקלעכער צוקונפט. האָט ער אין אַ פּאָר טעג דערהאַלטן פון זיי אַ דאַנק־בריוו. געשריבן פון דער יונגער מוטער, האָט זי מיטגעטיילט מאַרים'ן, אַז איר גרעסטער וואונטש אין לעבן, איז אויפצוהאָדעווען און דערציען איר ערשט־געבוירן קינד, אין דעם גייסט פון איר זעליקן פאָטער, ווייל זי ווייסט, ווי געאַכטעט און באַליבט איר פאָטער איז געווען בא יעדן איינעם, וואָס האָט איר נאָר געקאַנט.

דאָס קאַרטל מיט דער בלויער זוים, אַזוי גוט ווי דעם בריוו, האָט מאַרים באַהאַלטן, צווישן זיינע אַנדערע פּערזענלעכע פּאַפּירן.

גאַנצע זיבן יאָר זיינען אַוועק, ווען מאַרים האָט שוין געהאַט ווי פאַרגעסן וועגן זיין פאַרשטאָרבענעם לאַנדסמאַן, וואָס אין שטעטל האָט מען אים גערופן וועלוול, און אין אַמעריקע האָט מען אים פאַרקירצט אויף ווילי, ווי אין איינעם אַ פרימאָרגן, אויפ־קלייבנדיק זיין פּאָסט, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ זייער שיין קאַרטל באַצירט בא די ברעגן — דאָס מאָל מיט אַ זוים פון אַ ראָזעווען קאָליר. מיט דעם ראָזעווען באַזוימטן קאַרטל לאָזט מאָס־טער סקאָט דזשיי ליבערמאַן צו ווּסן, אַז עס איז אים אָנגעקומען אין אַ מזל'דיקער שעה אַ שוועסטערל, וואָס איר נאָמען איז לאורי־בעטי. די מוטער, פעני, שרייבט אונטער מיט איר האַנט, אַז אין פאַל ער האָט שוין פאַרגעסן, דערמאָנט זי אים, מאַרים'ן, אַז דער מאַסטער סקאָט דזשיי ליבערמאַן און די שוועסטערל זיינע לאורי־בעטי, זיינען דאָס די אייניקלעך, פון איר זעליקן פאָטער און זיין לאַנדסמאַן וויליאַם פינק . . .

האָט מאַרים ווידער געמוזט אָנשטרענגען זיין גאַנצע פאַנ־

טאַזיע זוכנדיק צו אַנטשיידן דעם באַדייט פונעם נאָמען לאורי־בעטי: זאָל דאָס זיין נאָך אַן עלטער־באָבען, וואָס ערגעץ אין אַ שטעטל, האָט מען איר גערופן לאה־באַשע? נאָר אויך דאָס מאָל, אַזוי ווי מיט זיבן יאָר צוריק, האָט מאָריס טעלעגראַפיש צוגע־שיקט אַ בוקעט בלומען מיט דער באַגלייטונג פון זיינע בעסטע וואונטשן. איז ווידער אין אַ פּאָר טעג אַרום אָנגעקומען צו מאָ־ריס'ן אַ שיינער דאַנק־בריוו, מיט גרוסן פון זיי אַלעמען, און באַ־זונדערס פון דער מוטער, די אַלמנה.

האָט מאָריס דעם בריוו אויך באַהאַלטן אין זיינע פּערזענ־לעכע פּאַפּירן. פאַרשליסנדיק דעם שופלאָד האָט ער דערהערט ווי פון דער קליינער ראַדיאָ, וועלכע שטייט אויף זיין שרייב־טיש, האָט אַרויסגעזונגען אַ פרויען־שטימע: „אָ, זיסע מיסטעריע, פון לעבן!".

נאָוועמבער 1953,
בעת אַ באַזוך אין טאָראָנטאָ.

אין זומפּ

„אַ אידישע נשמה איז ניט אָפּצושאַצן“ —
(אַ פאָלקס ווערטל)

פּ ר אָ ל אָ ג

אַ שטיקנדיקער, הייסער זומער פאַרנאַכט. מאָריס ווייסבערג איז אַריינגעגאַנגען אין אַלפרעד גראָבמאַנ׳ס ביר־הויז, וואָס איז אויך אַן ערשט־קלאַסיקער רעסטאָראַן, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע מיטן פונ׳ם פינאַנציעלן און קאָמערציעלן געגנט פון שטאָט.

אין דער צייט, ווען די באַנקן און קאָמערץ־הייזער, אין דער גאַס, האָבן זיך פאַרריגלט און פאַרשלאָסן מיט גרויסע שלעסער, האָבן זיך די גלעזערנע טירן, פון גראָבמאַנ׳ס רעסטאָראַן ברייט צעעפנט, און מיט די קרישטאָלענע קאַנדעליאַברן זיך העל צעלויכטן.

אַלפרעד גראָבמאַנ׳ס ביר־הויז און רעסטאָראַן האָט גע׳שמ׳ט אַלס אַ העכסט־דעמאָקראַטיש פּלאַץ. מינדער־וויכטיקע באַאַמטע און נידעריק־באַלוינטע אַנגעשטעלטע, פון די פאַרשיידענע קאָמערץ־הייזער, זיינען דאָרט געוועזן פונקט אַזוי אָנגעלייגט ווי זייערע פּרעזידענטן. מ׳האָט צווישן די שטענדיקע קונדן אויך געקאָנט טרעפן ריכטער, און פאַרשיידענע העכערע און נידעריקערע יוסטיץ־ראַנגען, פון די דערבייאיקע געריכט־הייזער. אַדוואָקאַטן, וועלכע האָבן זיך אין משך פון טאָג געפונען אין קעגנזעצלעכע און אפילו פיינטלעכע לאַגערן, דאָס הייסט „אַנקלאָגער“ און „פאַרטיידיקער“ — זיינען דאָ געוואָרן, די בעסטע גוטע ברידער. די געשמאַקע מאכלים, די שטאַרקע געטראַנקען, און די שמעקעדיקע סיגאַרן האָבן געווירקט, אין די נאַכטיקע שעה׳ן, ווי אַ פאַרגעס־

מיטל פון די אַלע אויפרעגונגען, מיט וועלכע די אַרומיקע געלט־גייציקע גאַס, איז פול אין די קאַכעדיקע און טומלדיקע שעה׳ן פון טאָג.

מאָריס ווייסבערג, דער איד, און אַלפרעד גראַבמאַן, דער דייטש, האָבן זיך געקענט שוין מכּמה יאָרן. ווען מאָריס איז אַריינגעקומען, איז דאָס הויז געווען נאָך ליידיק. דורכגייענדיק די „באַר"־אָפּטיילונג, איז ער איילנדיק אַריין אין דעם גרויסן עס־זאַל. די טישן זיינען געווען באַדעקט מיט שניי־ווייסע טישטוכער, די זילבערנע גאָפּל־מעסער און לעפל צעלייגט אין אָרדענונג. די איינציקע שפּייז אויף די טישן איז געווען דער דין־צעריבענער כריין, אונטערריכט מיט אַ שטאַרקן עסיק, אין פלאַכע זילבערנע טעצעלעך מיט גלעזערנע דעקלעך. האָט מאָריס נישט לאַנג געטראַכט, און זיך צוגעכאַפּט צו נאַשן פון דעם כריין. אזוי כאַפּנדיק, האָט ער אויסליידיקט אַן ערך אַ האַלבן טוץ טעצעלעך כריין. אַלפרעד גראַבמאַן, ווייסנדיק גוט מאָריס׳עס שוואַכקייט, איז אַריינגעלאָפן אַ פאַרסאַפּעטער אין עס־זאַל, האָט אָנגעכאַפּט מאָריס׳ן בײַ דער האַנט און אים, גאַנץ אומהעפלעך, אַרויסגעשלעפּט פון עס־זאַל.

מאָריס האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ הויכער שטול בײַם „באַר" און אין שטיל־שווייגעניש, אויסגעהערט די גראָבע זידלווערטער, וועלכע האָבן זיך געשאָטן פונעם גרויסן מויל פון דעם כעסנ׳דיקן גראַבמאַן.

— „אזא חזיר", האָט ער מיט כעס געזידלט זיין שטענדיקן קונה, „נאָר כריין וואָלט עס געפרעסן. וועסט נאָך אַמאָל אוועקפאַלן אַ טויטער פון פרעסן אזוי פיל כריין . . . גיבן דיר אַ מאַרטיני?" — „גיב אַ מאַרטיני, און פאַרמאַך דיין פאַסקודנעם פּיסק" . . .

אזוי פלעגן זיי זיך, כמעט יעדן טאָג צעווערטלען, ביזוואַנען נאָך קונדן האָבן אָנגעהויבן אָנצופילן דעם פּלאַץ.

* * *

ס׳איז שוין געווען נאָך 12 אין דער נאַכט, ווען גראַבמאַן האָט אַ שטורכקע געטאָן אין זייט מאָריס׳ן, וועלכער איז געזעסן אויפן הויכן שטול, דעם קאָפּ אָנגעלייגט אויףביידע הענט, אויפן באַר־טיש, און שטאַרק געכראָפּעט . . .

— „רופֿן אַ טעקסי?״, האָט גראַבמאַן אויסגעשריגן הויך אויף אַ קול.

— „גיי אין דער ערד מיט דײַן טעקסי, איך קאָן נאָך גיין אויף מײַנע פֿיס״, האָט מאָריס געענטפֿערט פֿאַרשלאָפֿן.

— „גיי, ווער לאָזט דיר נישט!״

מאָריס האָט זיך אויפֿגעהויבן, און מיט וואַקלדיקע טריט, האָט ער זיך אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן.

די לופֿט איז געווען שטיקנדיק־געדיכט, עפּעס ווי אַ הייסער דאַמף וואָלט זיך געהויבן און אָנגעהיצט די הויכע שטיינערנע מויערן און די אַספֿאַלטענע טראָטוארן. מאָריס האָט זיך קוים דורכגעשלעפּט אַ צוויי הייזער־רייען, און האָט זיך פֿאַלנדיק, אויסגעצויגן אויפֿן טראָטואַר. אויסציִענדיק זײַנע לאַנגע, דאַרע פֿיס, האָט זײַן קאָפּ זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ שוועל פֿון אַן אַרײַנגאַנג צו אַ הויכן מויער. און אַזוי איז ער באַלד אײַנגעשלאָפֿן.

אָבער אויך דאָ האָט מען אים ניט געלאָזט רוען. אַ פּאָליציי־מאַן האָט אים אַ שטאַרקן שטורכע געטאָן, שרײַענדיק: „האָסט שוין קיין בעסער אָרט נישט געפֿונען, וואו צו שלאָפֿן?״

די געניטע אויגן פֿונעם פּאָליציי־מאַן האָבן אָבער תיכף באַמערקט, אַז דאָס איז נישט איינער פֿון די געוויינלעכע שיכורים. אויף דעם האָט עדות געזאָגט דער טייערער אָנצוג פֿון די בעסטע ענגלישע סחורות. האָט ער זיך אײַנגעבויגן און אין די קעשענעס געזוכט עפּעס אַ סימן, פֿונעם מאַנ׳ס וואוין־פּלאַץ.

אויסטאַפּנדיק די קליינע קעשענעס פֿון מאָריס׳עס פֿאַנאַנדערגעשפּיליעטן וועסטל, האָט דער פּאָליציי־מאַן געפֿונען אַ ביכעלע וויזיט־קאַרטלען, אויף וועלכע עס איז געווען געדרוקט „יוראָפּ וועסטמעיקערס קאָמפּאַני״; מאָריס ווייסבערג, פּרעזידענט, צוזאַמען מיטן טעלעפֿאָן און אַדרעס סיי פֿון געשעפֿט און סיי פֿון דער וואוינונג. דער פּאָליציי־מאַן האָט צוגערופֿן אַ טעקסי, און מיט דער הילף פֿונעם שאָפֿער, אַרײַנגעוואָרפֿן מאָריס׳ן אין דער מאַשין, וועלכע איז שנעל פֿאַרשוואונדן אין דער פֿינצטערניש פֿון שפּעטער נאַכט.

I

אזוי ווי אַלע גרויסע שטעט אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, אין אָנהויב פון דעם יאָר־הונדערט, איז אויך מאָנטרעאַל, געווען אַ פונקט, וואו אימיגראַנטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אויף אויס־צופּרואוון זייער מזל, אינעם נייעם לאַנד.

איינער אַזאַ אימיגראַנט, אינעם יאָר 1912, איז געווען בערל פּעדערמאַן. אַ יונגערמאַן פון נידעריקן וואוקס, פון אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק, אָבער לויטן אויסזען, האָט מען אים געקאָנט אָנ־נעמען פאַר אַ בחור׳ל, פון אַ יאָר זיבעצן, אָדער אַכטצן. צוליב זיין יוגנטלעכן אויסזען, פלעגן מענטשן שטוינען ווען ער פלעגט מעלדן, אַז ער איז אַ פאַרהייראַטער מאַן, און אַ טאַטע פון אַ טעכטערל, א יאָר אַלט.

אָנגעקומען איז ער צו זיינעם אַ עלטערן ברודער, אַן אַרבע־טער, וועלכער האָט אים געשיקט אַ שיפס־קאַרטע מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער לאָזט אים וויסן, אַז ער האָט קוים געקאָנט אָפּ־שפּאָרן די ערשטע 5 דאָלער, אַלס איינצאָל פאַר דער שיפס־קאַר־טע, וואָס קאָסט 45 דאָלער . . . „אַז דו וועסט קומען צופאָרן, וועסטו שוין אַליין שיקן נאָך דיין פרוי און קינד", האָט ער אים געשריבן.

אזוי ווי אַלע „גרינע", איז אויך בערל פּעדערמאַן, אויף מאָרגן, נאָך זיין אָנקומען, אַרויסגעגאַנגען צו זוכן אַרבעט. ניט אַכטנדיק אויף דעם, וואָס אין דער וועלט ווערט אָנגענומען אַלס אַ „ברכה פון גאָט", ווען איינער זעט אויס אינגער און שענער פון זיינע יאָרן, איז עס אָבער פאַר בערל פּעדערמאַן, געווען אַן אמת׳ע קללה. ווען ער האָט געמאָלדן זיין ערשטן באַלעבאָס, אַ פּוילישער איד, אַז ער איז אַ פאַרהייראַטער, אַ טאַטע פון אַ קינד — אַ געגנוגנדיקע אורזאַך פאַר בעסערע שכירות, האָט דער באַ־לעבאָס אויף אים געקוקט מיט גרויס פאַרדאַכט און אים גע־מוסר׳ט: „וואָוע, ביסט אַזוי ווי אַלע אייערע ליטוואַקעס־גנבים, וואָס נאַר דורך אָפּנאַרן, דורך קלוגינקע שמד־שטיק, מיינט עטץ שנעל רייך ווערן אין אַמעריקע? זאָלסט זיך אפילו שטעלן מיט איין פוס אויף דער ערד און מיט דער צווייטער אויפן הימל, וועל

יאָר דיר נישט גלויבן, אַז אַזאַ צוציק ווי דו, ביזט שוין אַ פאַר־הייראַטער מאַן!״ . . .

ס'האָט ניט געהאָלפן בערל'ן זיין פּיאַיקייט אויפצוכאַפּן שנעל דעם ריטם פון אַ נייער אַרבעט. ווען ס'איז געקומען „פּעי־דעי״ (דער טאָג פון אויסצאָלן די שכירות) פלעגט זיין קאָנווערטל פאַרמאָגן מיט עטלעכע דאָלער ווייניקער, ווי פון די אַנדערע אַר־בעטער. אָבער סיי ווי האָט בערל ניט געקראָגן קיין שטענדיקע אַרבעט פאַר אַ לענגערער צייט. יענעם יאָר איז אויסגעפאַלן אַ שלעכטע צייט, ס'איז געווען אַ גרויסע אַרבעטלאָזיקייט, אַ צייט ווען מער דערפאַרענע, און עלטערע באַלמעלאָכעס, זיינען אַרומ־געגאַנגען ליידיק.

*　　*　　*

אַרומגייענדיק אין איינעם אַ פרימאָרגן פון טיר־צו־טיר אין דעם אינדוסטריעלן געגנט פון שטאָט, האָט בערל זיך אָנגעטראָפן אויף אַ קליין פאַבריקל, וואו איינער אַ מאַן האָט אים באַגעגנט לעבן טיר, און אים באַטראַכט מיט אַ פּאָר גוטע, בלויע אויגן. דער מאַן, אַ דיקלעכער, מיט ראָזעווע באַקן, האָט געגעבן בערל'ן אַן אַדרעס וואו, ער האָט אים פאַרזיכערט, ער וועט קאָנען קריגן אַרבעט.

— „זאָלסט זאָגן, אַז דו ביסט געשיקט געוואָרן פון מיסטער גאָלדבערג. אָבער איך מוז דיר וואָרענען פון פאָרויס, אַז דער מאַן, צו וועמען איך שיק דיך, איז אַ שטיקל משוגע'נער. אָבער אַז דו וועסט וויסן ווי אָנצוגיין מיט אים, וועסטו בא אים זיין אָלרייט. זיין נאָמען איז מאָריס ווייסבערג . . . גוד באַי!״ . . .

דורכגייענדיק אַ ריי גאַסן און געסלעך, אָנגעפילטע מיט שטיקנדיקע גאַזן און ריחות, איז בערל צוגעקומען צו אַ קליינעם אַריינגאַנג, וואו עס איז געהאָנגען אַ קלײנטשיק, קוים־באַמערק־באַר שילדל, מיט כמעט פולשטענדיק אָפּגעריבענע אותיות, פון וועלכע מען האָט מיט שוועריקייט אַרויסגעלייענט: „יוראָפּ ווועסט־מעיקערס קאָמפּאַני״. אַרויפשטייגנדיק אויף שמאָלע, שמוציקע טרעפּ, האָט בערל אָנגעטאַפּט אין דער פינצטער, אַ שמאָלע טיר.

עפענענדיק די טיר, האָט זיך אויטאָמאַטיש צעקלונגען אַ גלעקל. נאָך אַ לאַנגן וואַרטן, איז ווי פון אַ שטייג, אַרויסגעלאָפן אַ דאַר בחור'ל, וואָס צוליב דער פינצטערניש, האָט בערל ניט געהאַט קיין אַנונג, ניט פון זיין עלטער און ניט פון זיין אויסזען. ער האָט אָבער יאָ דערשפּירט, אַז דאָס בחור'ל איז זייער אַ זשוואַ־וועך מיט אַ שאַרפן שטעכעדיקן בליק. בערל האָט אים געפרעגט — „קאַן איך זען מר. מאָרים ווייסבערג?"

אין אַ געבראָכענעם אידיש האָט אים דאָס בחור'ל געענט־פערט: „מר. ווייסבערג איז מיין פּאַ, ער וועט זיין צוריק עיבאַוט טען אָ'קלאָק" (אַרום 10 אַזייגער). און איז שנעל פאַרשוואונדן הינטער דער שטייג.

דער זייגער האָט געוויזן אויף 9, איז בערל אַרוים צוריק אין גאַס. די היץ פון סוף יולי איז געווען שטיקנדיק גענוג, אָבער די פאַרשיידענע ריחות, וואָס עס האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן די אַנצאָליקע פאַבריקן אינעם נידעריקערן טייל פון שטאָט, האָבן נאָך פיל שווערער געמאַכט צו אָטעמען. עס האָט זיך געדאַכט, ווי עפּעס אַ באַהאַלטענע כישוף־האַנט, מישט מיט אַ גרויסן, שטאָ־לענעם לעפל, פאַרשיידענע שטיקנדיקע געווירצן, מיט דעם טייוו־לאַנישן צוועק, צו פאַר'סמ'ען די לופט פון דער גרויסער שטאָט.

ווען פונקטלעך צען אַזייגער, איז בערל צוריקגעקומען, האָט ער דורך די לייסטלעך פון'ם שטייג באַמערקט, ווי אַ מאַן, אין די פּערציקער, זיצט אויף אַ נידעריק בענקל, לעבן אַ פענסטער, און לייענט אַ אידישע צייטונג. מיט ניט־דרייסטע טריט, איז בערל איבערגעשטיגן די שוועל פון שטייג, און שטיל אַ פרעג געטאָן: — „דאָס זייט איר, מר. מאָרים ווייסבערג?".

— „יעס, איך, וואָסי דען?" האָט דער מאַן געענטפערט, אויפשטעלנדיק זיך, און קוקנדיק אויף בערל'ן מיט פאַרשנדיקע בליקן.

מיט זיין הויכן געשטאַלט, מיט זיינע איינגעפאַלענע באַקן און דאַרע, לאַנגע הענט, האָט מאָרים אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף בערל'ן. עפּעס ווי אַ לעבעדיקער סקעלעט האָט ער אויסגעזען. נאָך צוקוקנדיק זיך נעענטער, האָט בערל באַמערקט מאָרים'עס

טיפע, בלויע אויגן, איבער־האַלב פאַרדעקטע מיט לאַנגע, בלאָנדע ברעמען.

— „מר. גאָלדבערג האָט מיך געשיקט צו אייך. איך דאַרפט אַ מאַן צו דער אַרבעט, האָט ער מיר געזאָגט".

— „זאָג דיין מיסטער גאָלדבערג, אַז ער איז אַ געמיינער ליגנער, און אַז ער קאָן גיין צו אַלדי רוחות" . . .

דאָס אָפּגעזאָגט, האָט זיך מאָריס צוריק אַוועקגעזעצט אויפן בענקל, און פאַרגעזעצט לייענען די צייטונג.

אַ פאַרצווייפלטער, איז בערל געבליבן שטיין, נאָכפאָלגנדיק מאָריס'עס נערוועזע באַוועגונגען, פון בלעטערן און קערעווען די צייטונג אויף אַלע זייטן. ענדלעך האָט מאָריס ווייסבערג אויס־געבורטשעט: „איך דאַרף נישט קיין מענער, איך דאַרף מיידלעך צו דער אַרבעט". אויף וואָס בערל האָט אים געענטפערט, אַז ער קאָן אַרבעטן אַזוי גוט ווי אַ מיידל, און אפשר נאָך בעסער.

— „יעס, ווערסט דאָך אָבער וועלן מער געלט" . . .

בערל האָט אים באַרואיקט, פאַרזיכערנדיק אים, אַז ער איז וויליק צו אַרבעטן פאַר די זעלבע שכירות ווי די מיידלעך.

בערל איז נאָך געבליבן שטיין פאַר אַ לענגערער צייט, ביז וואַנען מאָריס ווייסבערג האָט אים ענדלעך געהייסן קומען, מאָרגן פרי צו דער אַרבעט, וואָרענענדיק אים: „געדענק, זאָלסט ניט בעטן מערער געלט, ווי איך צאָל אַ מיידל . . . פינף דאָלער אַ וואָך, — ניט מער, גוד באַי! . . .

II

אויף מאָרגן, ווען בערל איז געקומען גאַנץ פרי צו דער אַר־בעט, האָט אים באַם טיר באַגעגנט דאָס דאַרע בחור'ל, וואָס האָט געהייסן סעם. 'קומט אַרויף אָפּסטערס", האָט ער באַפעלעריש אויסגעשריגן צו בערל'ן.

די שאַפּ „אָפּסטערס", איז באַשטאַנען פון אַ ניט־גרויסן, פיר־עקיקן צימער, מיט אַ גאַנץ נידעריקער סטעליע. אין איין זייט זיינען געשטאַנען אַ ריי פון פיר ניי־מאַשינען, נאָענט דערביי איז געשטאַנען אַ לאַנגער, שמאָלער טיש.

סעם האָט אָנגעוויזן בערל'ן, אויף דער לעצטער פון די פיר מאַשינען, ניט ווייט פונעם טיש. ווי סעם האָט אים דערקלערט, ווערן די וועסטן דאָ נאָר אויפגענייט, דאָס פרעסן ווערט געטאָן אין די גרויסע פאַבריקן, פונוואַנען זיי קומען.

אינגיכן האָט זיך באַוויזן אַ דיקלעכע מיידל, שוין ניט גאָר קיין יונגע, און האָט זיך אוועקגעזעצט נייען קנעפּלעך צו די וועסטן, וועלכע זיינען געווען אָנגעוואָרפן באַם ברעג פון שמאָלן טיש. אין אַ האַלבער שעה אַרום, זיינען אַריינגעקומען נאָך צוויי יונגע מיידלעך, איינע האָט אויסגעזען אַ זיבעצן יאָר אַלט, און די צווייטע, אַ דאַרינקע מיט בלויע אויגן און מילך־ווייסע באַקן, האָט אויסגעזען אַ יאָר זעכצן.

איין שאַרפער שטריך, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין בערל'ס אויגן, באַאַבאַכטנדיק צום ערשטן מאָל, די דריי קינדער — דאָס בחור'ל סעם, און די צוויי אַריינגעקומענע מיידלעך, — איז דער טיפער טרויער, וואָס איז אַזוי גאַרנישט קינדעריש, געלעגן אין זייערע אויגן. אָט־דער ניט־נאַטירלעכער, גאַרנישט קינדערישער טרויער, האָט אָנגעווייעט אויף בערל'ן אַ שטימונג פון מיטגעפיל, עפּעס ענלעכעס, וואָס איינער פילט אין אַ הויז פון אבלים . . .

די צוויי יונגע מיידלעך, האָבן זיך אוועקגעזעצט לעבן דער עלטערער דיקלעכער מיידל, און אויך אָנגעהויבן צו נייען קנעפּ־לעך צו די וועסטן. און באַלד באַם ערשטן קנעפּל, האָט בערל שוין אויפגעכאַפּט, דעם זייער לעבהאַפטן געשפּרעך, וואָס די דריי מיידלעך האָבן אָנגעהויבן צווישן זיך.

אָנפאַנגענדיק מיט דעם „העלאָ" פון די אינגערע מיידלעך, האָט די עלטערע מיידל אויסגעזוונגען צעצויגן: „וועל, וואָס מאַכט עפּעס היינט, אונזער טייערע, מיסעס האָפּמאַן?" אויף וואָס די עלטערע האָט אַן אויפגערעגטע אויסגעשריגן — „דו מיינסט דהעט דעם אַלד וויטש" (יענע אַלטע פאַרפלוכטע מכשפה), און באַלד טאַקע האָט די אינגערע צוגעגעבן אין טיפן ערנסט: „אַי וויש, טו סי הער הענגד, אַן עי ראָפּ" . . . בערל האָט, הגם נאָך אַ „גרינער", געקאָנט שוין באַווייזן צו איבערזעצן אַז דאָס מיינט, אַז זי וואָלט זיך ווינטשן צו זען דער אַלטער מכשפה הענגען אויף אַ שטריק . . .

שוין אינעם ערשטן טאָג האָט זיך בערל דערוואוסט, אַז דער דיקער מיידעלס נאָמען איז פּאָלי, און אַז זי איז אַ לאַנדספרוי פונעם באַלעבאָס, מר. מאָריס ווייסבערג. זי אַרבעט באַ אים זינט ער האָט געעפנט אָט־די קליינע שאָפּקע. די צוויי אינגערע מיידלעך, זיינען זיינע טעכטער. די עלטערע הייסט סאַפי און די אינגערע ראָזי. זיצנדיק באַ דער אַרבעט נאָענט איינע צו דער אַנדערער, האָבן זיי אַנגעהאַלטן אַן אומאויפהערלעכן געשפּרעך.

צוויי ווערטער, וועלכע האָבן זיך אָמאָפטסטן געהערט, זיינען געווען: „מיסעס האָפּמאַן". האָט בערל פאַרשטאַנען, אַז די מיסעס האָפּמאַן, איז דער געשפּרעך פון טאָג, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונגען זיינען פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן נאָמען. אינגאַנצן קלאָר איז אָבער, אין די ערשטע טעג, בערל נישט געווען וועגן דעם געהיימען פּלאַנטער מיט וועלכן עס איז פאַרבונדן דער נאָמען פון „מיסעס האָפּמאַן".

אַ דאַנק דעם, וואָס די שאָפּקע איז געווען אַ קליינע, מיט די אייגענע קינדער און אַ לאַנדספרוי אַלס די אַרבעטער, האָט בערל אויפגיך זיך דאָרט אַנגעהויבן פילן ווי איינער פון דער משפּחה. אין דעם אונטערשטן שטאָק פּלעגט מאָריס ווייסבערג דערהאַלטן די פּעק צוגעשניטענע וועסטן, און אויף דעם אויבערשטן שטאָק, פּלעגן בערל מיט סעמ'ען שטעפּן, און די מיידלעך פּלעגן אַנגייען די קנעפּלעך, אויסנייען די לעכלעך, און דאַן פּלעגן די וועסטן צוריקגעשיקט ווערן צו די גרויסע קליידער־פאַבריקן.

* * *

עס זיינען אַוועק עטלעכע וואָכן זינט בערל האָט געאַרבעט אין דער קליינער שאָפּ. אין איינעם אַ טאָג, ווען בערל איז מיטאָג־צייט אַראָפּגעגאַנגען צום אונטערשטן שטאָק, האָט ער געטראָפן דעם באַלעבאָס, זיצנדיק אויף אַ לאַנגער שמאָלער באַנק, עסנדיק פון אַ קליין שיסעלע. לעבן מר. ווייסבערג'ן איז געשטאַנען אַ בלאָסער בחור'ל פון אַ יאָר צען־צוועלף, וועלכער האָט מיט אַ שקלאַפישער געטריישאַפט, נאָכגעפאָלגט זיינע באַוועגונגען.

דערזעענדיק בערל'ן, האָט אים ווייסבערג צוגערופן.

— „דו ווייסט, אַז היינט איז פּרייטיק?״, ווענדט ער זיך צו בערל׳ן. „אַלע פּרייטיק ברענגט מיר אָט־דער יאַטל — מיין צווייטער פרוי׳ס זינדל, — געפילטע פיש פאַר מיטיק. ווילסט פאַרזוכן אַ שטיקל? נאַ, שעם זיך ניט, זעץ זיך און עס. ווילסט אַ שנאַפּס, קאָן איך דיר געבן״.

און ניט וואַרטנדיק אויף בערל׳ס צושטימונג, האָט ער אים דערלאַנגט אַ גרויסע שטיק פיש.

— „ניין, אַ דאַנק, קיין שנאַפּס טרינק איך נישט״, האָט אים בערל געמאָלדן, צוזעצנדיק זיך לעבן ווייסבערג׳ן, אויף דער באַנק.

— „נו, וועסט זיך אויסגרינגען, וועסטו שוין טרינקען״, האָט ווייסבערג אַ בורטשע געטאָן.

שווייגנדיק, זיינען זיי אַ קורצע צייט אַזוי געזעסן, און געגעסן פון די געפילטע פיש. האַלב־ווענדנדיק זיך צו בערל׳ן, און האַלב ווי רעדנדיק צו זיך אַליין, האָט מאָרים ווייסבערג אַרויסגערעדט: „וואָס אמת, איז אמת, קאָכן קאָן זי גראָדע, איר קאָכן און באַקן, און אויפפּאַסן אויף דער הויז איז ניט ערגער ווי יענע ערשטע ווייב מיינע. איך וועל דיר מוזן אַמאָל נעמען צו מיר אויף סאַפּער, וועסטו זען אַז איך בין גערעכט״.

סוף אויגוסט האָט מאָרים ווייסבערג אַרונטערגערופן בערל׳ן, און אים געמאָלדן, אַז אַזוי ווי זיין זינדל סעם דאַרף צוריקגיין אין סקול, וויל ער, אַז ער, בערל, זאָל איבערנעמען די שליסלען פון שאַפּ, און זאָל האָבן די אַרבעט פון עפענען און פאַרמאַכן די שאַפּ, און בכלל אַכטונג געבן, אַז אַלץ זאָל זיין אין גוטער אָרדענונג. דערפאַר גיט ער אים 5 דאָלער אַ וואָך עקסטראַ.

אין משך פון די עטלעכע וואָכן, וואָס בערל האָט געאַרבעט אין דעם שאַפּ, האָט ער זיך נעענטער באַקאַנט מיט דער דיקלעכער פאַלי, וועלכע, שוין אַ מיידל אין די דרייסיקער און גאָרנישט קיין שיינע, איז זי אָבער געוועזן אַ גאַנץ קלוגע, אַ מענטש, מיט וועלכן עס איז געווען אינטערעסאַנט צו רעדן און פאַרברענגען. עס איז טאַקע געווען פאַלי, וואָס האָט אויסגערערציילט בערל׳ן, וועגן דער פאַמיליע־טראַגעדיע, פון מאָרים ווייסבערג.

„מאָרים ווייסבערג איז אָנגעקומען פון לאָנדאָן, ענגלאַנד,

קיין מאָנטרעאָל נאָך מיט יאָרן צוריק, צוזאַמען מיט זיין ערשטער פרוי, מיט וועמען ער האָט געהייראַט נאָך אין דער אַלטער היים, און זייערע פיר קינדער, צוויי זין און צוויי טעכטער. באַלד נאָך זיין אָנקומען, האָט ער געעפנט אַ שאָפּ, אָנגעשטעלט אַר־בעטער און אָנגעהויבן מאַכן געלט. צו יענער צייט האָט ער באַ־שעפטיקט אַ פופציק אַרבעטער. האָט זיך דערוואָרבן אַן אייגענע צוויי־שטאָקיקע הויז אין דער פראַנצויזישער געגנט. וואָלט אַלץ געווען גוט, ווען ניט זיין שיכרות . . . מיט שיכרות גייען צוזאַמען קאָרטן און פרויען . . .

מאָריס פלעגט קומען אַהיים שפּעט אין דער נאַכט אַ שי־כור'ער, זיך אַריינוואַרפן אין בעט, ניט אויסרעדנדיק אַ וואָרט. זיין פרוי, דערצויגן אין דער אַלטער היים, באַ אָרעמע אָבער פרו־מע עלטערן, האָט זיך דערפון גענומען שטאַרק צום האַרצן. נאָך לאַנגע פּיינלעכע קריגערייען, איז זי אַוועק צו איר מאַנ'ס קונדן, און פון זיי אַריינגעקראָגן אַ באַדייטנדיקע סומע געלט אויף זיין חשבון. באַזאָרגט מיט דעם געלט, האָט זי אין איינעם אַ בייטאָג, אָפּגעוואָרט אירע צוויי מיידלעך, און דעם זון סעם, (דער עלטס־טער זון איז שוין געווען אַוועק פון דער היים) בעת זיי זיינען געגאַנגען אַהיים פון סקול, האָט זיי אַרומגעכאַפּט קושן, און מיט אַ ביטערן געוויין זיי געזאָגט: „זייט געזונט מיינע קינדער, מער וועט איר שוין ניט זען אייער מאַמען. איך פאָר צוריק קיין לאָנ־דאָן". און אַזוי איז זי פאַרשוואונדן.

די קינדער פון וועלכע די עלטסטע איז געווען אַלט אַ יאָר עלף, זיינען געבליבן שטיין אין אומבאַהאָלפנקייט. ניט באַנע־מענדיק מיט זייער קינדערישן שכל, וואָס מיט זיי איז דאָ פאָר־געקומען.

ווען מאָריס איז געקומען אַהיים שפּעט אין דער נאַכט, האָט ער געפונען די קינדער וויינענדיקע. אָבער אויף מאָרגן שוין, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ניו יאָרק, און אויפן דריטן טאָג האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, ברענגענדיק מיט זיך די מיסעס האָפּמאַן, מיט אירן אַ אינגעלע.

מאָריס'עס דריי קינדער, ווי יונג זיי זיינען נאָך דאַן געווען, האָבן בשום אופן ניט געוואָלט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק, פון

האָבן דער מיסעם האָפּמאַן אויפֿן פּלאַץ פֿון זייער מוטער. זיי האָבן זיך פֿאַרקליבן אויפֿן אויבערשטן שטאָק פֿון הויז, וואו זיי וואוינען נאָך ביז היינט־צו־טאָג. טראָץ אַלע באַמיאונגען פֿון מיסעם האָפּמאַן, זיינען זיי געבליבן איינגעשפּאַרט, און אָנערקענען נישט איר אויטאָריטעט. מיט אַ ביטערן האַס זיינען אַנגעפּילט זייערע קינדערישע הערצער קעגן איר. מיט יעדן יאָר ווערט דער האַס אַלץ שטאַרקער און פֿאַרביטערטער, און ווער ווייסט מיט וואָס אַט־דער טרויעריקער צושטאַנד וועט זיך אַמאָל ענדיקן . . ."

אויסהערנדיק פּאָלי'ס האַרץ־רייסנדיקע געשיכטע, האָט בערל איצט פֿאַרשטאַנען, דעם טרויער אין די אויגן, פֿון די צוויי מיידלעך, און די ווייט ניט־קינדערישע נערוועזע באַוועגונגען, פֿון סעמ'ן.

III

מאָריס ווייסבערג האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט איינגעלאָדן בערל'ן צו זיך אויף סאַפּער. עפּעס דורך אומדערקלערבאַרע סיבות, איז מאָריס געוואָרן אַלץ נעענטער און פֿריינטלעכער מיט בערל'ן. מעגלעך, אַז ס'האָט עפּעס געהאַט צו טאָן, מיט דעם פּסיכאָלאָגישן געזעץ, וואָס מ'רופֿט די „האַרמאָניע פֿון ווידערשפּרוכן" . . .

דער אויסגעגרינטער מאָריס, מיט זיין דערפֿאָלג אין געשעפֿט (ווי בערל האָט זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט מאָריס געהאַט נאָך אַנדערע געשעפֿט־אינטערעסן, ניט גאָר קיין כשר'ע . . . דער קליינער שאָפּ איז נאָר געווען לפּנים ווענן); מיט זיין ברייטער באַקאַנטשאַפֿט, מיט זיין ליידנשאַפֿט צום ביטערן טראָפּן, צו קאָרטן־שפּיל און פֿרויען, האָט זיך פֿאַרטרויט, מיט זיין גאַנצן וועזן צו דעם אָרעמען בערל, וואָס איז שטענדיק אַזוי טרויעריק־פֿאַרטראַכט, און ערנסט־ניכטער. ניט איינמאָל האָט שוין געטראָפֿן, אַז זיצנדיק מיט מאָריס'ן אין גראָבמאַנ'ס ביר־הויז, האָט בערל געמוזט אים אָפּפֿירן, אַ שיכור'ן, אין אַ טעקסי אַהיים. און דאָס איז געווען איינע פֿון די אורזאַכן, פֿון זיין צוטרוי צו בערל'ן.

איינלאַדנדיק בערל'ן פֿאַר סאַפּער, רופֿט זיך אָפּ מאָריס: „ווילסט שאָפֿן אַפּעטיט פֿאַר סאַפּער, לאָמיר נעמען אַ „וואָק" (שפּאַציר) צו מיין הויז". אָבער עס איז געווען ניט נאָר דער

חשק צו א שפּאַציר . . . שוין באַלד באַ די ערשטע טריט, האָט מאַרים אָנגעהויבן אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן.

— בערל, האָט ער אויסגערופן, אָ, ווי שווער עס איז אַ טאַטנס ליידן! עס איז מיר אַזוי ביטער צוצוקוקן, ווי די אָרעמע קינדער, קומען אָפּ פאַר די זינד פון זייער טאַטן אַ שיכור . . . איך מוז דיר זאָגן, אַז אַ שיכור בין איך נאָך געווען אין דער אַלטער היים. בעת מיין עלטערער ברודער פלעגט זיצן און לערנען, פלעג איך ארומלויפן אַ שיכור'ער, מיט די אויסוואורפן פון שטאָט. בלויז פאַר אַ קורצער צייט, בעת איך האָב געוואוינט אין לאָנדאָן, און איך פלעג זיך דאָרט צוהערן צו די אַנאַרכיסטישע רעדעס פון יענע צייטן, האָב איך אויפגעהערט טרינקען. אין יענער צייט, ווען איך פלעג יעדן אָוונט באַזוכן די אַנאַרכיסטישע מיטינגען האָב איך געמיינט, אַז אָט־אָט און די וועלט וועט איינפירן אַ יושר'דיגע געזעלשאַפט, און מענטשן וועלן זיך אויפפירן ווי גע־טרייע ברידער. איך האָב דאַן געגלויבט באמונה שלימה, אַז נאָך איין יאָר, העכסטנס צוויי, וועט די איבערקערעניש קומען. אָבער ווען איך האָב זיך אָפּגעפּלאָגט גאַנצע פינף יאָר אין לאָנדאָן, איז ביי מיר פון אַלץ געבליבן ניט מער ווי אַ פּוסטער חלום.

ווי אַ סך אַנדערע, האָב איך אַ שפּיי געטאָן אויף לאָנדאָן און בין אָנגעקומען קיין מאָנטרעאָל. כ'האָב זיך אַ נעם געטאָן צו גע־שעפט, און עס האָט מיר אָפּגעגליקט, גענומען מאַכן אַ סך געלט. אין אַ קורצער צייט האָב איך שוין געהאַט 50 מענטשן אַרבעטן ביי מיר, ריכטיקער געזאָגט צוליב מיר, פאַר מיינע פאַרגעניגנס וועגן.

— און דאָ איז מיין אומגליק . . . די אַנאַרכיסטישע רעדעס גייען מיר ניט אַרויס פון קאָפּ. איך פיל שטענדיק, ווי עמיצער וואָלט מיך שטאַרק געזידלט: „גנב, וואָס דו ביסט, רוצח, ווייסט דען נישט, אַז מ'טאָר נישט רייך ווערן אויף יענעמס חשבון, פון דעם אָרעמאַנ'ס פּראַצע, פון זיין שוויים און בלוט?” . . .

איז מיין איינציקע רפואה — שנאַפּס. אין שיכרות פאַרגעס איך אַלץ. אָבער די שיכרות האָט מיר געקאָסט טייער. כ'האָב פאַרלוירן מיין גרויסע שאָפּ, זיך געמוזט דערקלערן באַנקראָט. מיין גוטע, געטרייע פרוי איז פון מיר אַנטלאָפן. כ'האָב געמוזט

פאָרן קיין ניו יאָרק און אָראָפּברענגען די פּרויקע מיסעס האָפּמאַן מיט איר אַ זינדל. זי האָט געהאַט אַ מאַן, אַן אָרעמער אַרבעטער, אָבער ניט קיין שיכור. זי האָט אים פאַרלאָזן אַן אַ גוד־באַי . . . אוודאי נישט יושר'דיק פון איר זייט . . .

— „בערל, מיר זיינען שוין לעבן מיין הויז. אַט־דאָ לאָד איך . . .” אַזוי האָט מאָרים וויסבערג פאַרענדיקט זיין אָראָפּ־רעדן זיך פון האַרצן.

* * *

אַריינקומענדיק אין הויז, איז מאָרים גלייך אַריין אין וואַש־צימער.

דערזעענדיק אין קיך אַ מיטל־יאָריקע פרוי, מיט אַ קיילעכ־דיקן, עטוואָס טונקעלן פּנים, מיט אַ פּאָר לעבעדיקע שוואַרצע אויגן, האָט בערל, ניט טראַכטנדיק אפילו, אויסגערופן „גוד איוור־נינג, מיסעס האָפּמאַן!”.

— מ־י־ס־עס ה־אָ־פּ־מ־אַ־ן ! איר אויכעט,מיסעס, האָפּמאַן! זייט וויסן, איר גרינהאָרן, וואָס איר זייט, אַז איך בין ניט מיסעס האָפּמאַן, איך בין מיסעס ווייסבערג. איר זאָלט זיך עס גוט אַריינגעמען אין קאָפּ — מיסעס ווייסבערג! קיין מיסעס האָפּמאַן! דערביי האָט זי געוואָרפן פייערדיקע בליקן צו מאָרים'ן, וועלכער איז ערשט אַריינגעקומען אין קיך.

מאָרים האָט געעפנט אַ פלאַש בראָנפן, אַ זאָג געטאָן צו בערלען „לחיים”, אויסטרינקנדיק אַ פול, היבש גלעזל.

דער סאָפּער איז שוין אַדורכגעגאַנגען אין אַ געדריקטער שטי־מונג. בערל האָט זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן, אַז ער האָט גאָר־נישט געמיינט קיין שלעכטס, עס האָט זיך באַ אים אַזוי אַרויס־געכאַפּט דער נאָמען . . . מאָרים האָט דערווייל אויסגעטרונקען נאָך עטלעכע גלעזלעך, און ס'האָט ניט לאַנג גענומען, ווי ער האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן ברעג טיש, און איז איינגעשלאָפן.

בערל האָט ווי עס איז פאַרענדיקט דאָס עסן, זיך אויפגעהויבן געזאָגט אַ דאַנק און אַ „גוד־נאַיט”, און איז אוועק.

* * *

ס'איז אָבער געווען אַ גאַנץ איינגענעמע איבערראַשונג פאַר בערלען, ווען אויפן דריטן טאָג נאָך דעם אינצידענט האָט די מיסעס האָפמאַן־ווייסבערג אים טעלעפאָנירט, צי ווייסט ער אפשר, וואו ס'איז לעצטע נאַכט געווען מאָריס, ווייל ער איז יענע נאַכט ניט געקומען אהיים. אַזעלכע טעלעפאָן־געשפּרעכן האָבן זיך זינט דאַן זייער אָפט איבערגע'חזר'ט.

נאָך בעת'ן ערשטן באַזוך, האָט בערל באַמערקט, אַז ווייס־בערג'ס פרוי איז אויף דער צייט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זי טאַקע געבוירן אַ מיידעלע; מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט זי געבוירן נאָך אַ מיידעלע. בערל איז געוואָרן אַן אָפטער אריינגייער אין זיין באַלעבאָס' הויז. די מיסעס האָפמאַן־ווייסבערג האָט אים שוין גאַנץ פריינטלעך אויפגענומען, און אַלץ איז געווען אין אָרדענונג, אַ חוץ דעם, וואָס די דריי עלטערע קינדער, האָבן נאָך אַלץ געוואוינט אָפּגעזונדערט אויפן אויבערשטן שטאָק, אָנהאַלטנ־דיק זייער גערעכטן צאָרן קעגן פאָטער, און נאָך מער קעגן דער שטיף־מאַמע.

און אין אָט־דער צייט, אין 1914, האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. ס'האָט לאַנג ניט גענומען, ווי מאָריס ווייסבערג, האָט געקראָגן צוגעשיקט פון אַ גרויסער קליידער־פאַב־ריק, אַ גאַנצן לאַסט־וואָגן מיט צוגעשניטענעם געוואַנט, פאַר זעלנערישע בגדים. ווייסבערג האָט אריבערגעצויגן זיין שאָפּ אין אַ גרויסער געביידע, איינגעשטעלט נייע מאַשינען, באַזעצט זיי מיט מענטשן — מענער און פרויען פון פאַרשיידענעם עלטער און אָפּשטאַמונג. דער אויסגעגרינטער בערל האָט זיך שוין דער־דינט צום טיטל „פאָרמאַן". מאָריס ווייסבערג איז נאָך רייכער געוואָרן, און וואָס רייכער ער איז געוואָרן, אַלץ מער אויסגעלאַסן האָט ער זיך אויפגעפירט. די זומער־טעג, פלעגט ער פאַרשווענדן ביי די „רעיסעס" (פערד־געלויפן), דורך די נעכט „אויף זיין" אין די פאַרדעכטיגע נאַכט־קלובן, וואו אין די צימערן, אָנגעפילט מיט געדיכטן טאַבאַק־רויך, ווערן געוואונען און פאַרלוירן גאַנצע פאַרמעגנס אין קאָרטן־שפּיל.

אין דער זעלבער צייט, איז די מלחמה־נייעס געוואָרן שרעק־לעכער מיט יעדן טאָג. דער דייטש איז שוין אַריין אין קאָוונע — מאַרים'עס היים־שטאָט.

* * *

אין איינעם אַ זונטיק בייטאָג, האָט בערל מיטגענומען מאַ־רים'ן צו אַ מיטינג אין דער גרעסטער שול פון שטאָט, וואָס איז פאַררופן געוואָרן צו שאַפן הילף פאַר די מלחמה־קרבנות, די שול איז געווען געפּאַקט. נאָך די פאַרשיידענע רעדנער, האָט זיך אויפגעשטעלט דער הויפּט־רעדנער, דער רב הכולל פון שטאָט, רבי קאַהן, דאָן אַ מאַן אין די פופציקער. מיט זיין הויכן ווייסן שטערן, מיט זיינע טיפע, גרויסע און קלוגע אויגן, מיט זיין ברייטער העל־רויטלעכער באָרד, האָט ער געמאַכט אַ טיפן איינדרוק, מיט זיין דערשיינען אויף דער בימה. אַ הערלעכע שטימונג האָט אַלעמען באַהערשט, ווען ער האָט אָנגעפאַנגען רעדן. דער גרויסער עולם, האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, אויפגעכאַפּט דעם מינדסטן קלאַנג פון זיינע ווערטער.

— רבותי, שוועסטער און ברידער! האָט ער אָנגעהויבן זיין רעדע מיט זיין טיפער, ברוסטיקער שטימע. „מיר לעבן איצט אין אַ צייט ווען שיינע רעדעס, זיינען נוצלאָז און איבעריק. מיר זיינען איצט אין אַ לאַגע פון יענעם גביר, וואָס ווען ער האָט אויסגעגעבן זיין ערשטע טאָכטער, האָט זיך ביי אים אַל'ץ געבאָדן אין לוקסוס און רייכטום. די בעסטע סאַרווערס און די בעסטע מוזיקאַנטן. אָבער נאָך בעסער פון אַלעמען האָט געמוזט זיין דער בדחן. ווייסט איר, פאַרוואָס? ווייל ס'איז דאָך אַ אידישע טראַדיציע, אַז אַ כלה זאָל וויינען פאַרן גיין צו דער חופּה. האָט דער גרויסער בדחן טאַקע אָנגעווענדט זיין גאַנצן טאַלאַנט, און ער האָט געדאַרפט האַרעווען זייער שווער, ביז וואַנען די כלה האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּאָר טרערן . . . אָבער ווי גאָר אַנדערש עס איז געווען ביי דער חתונה פון זיין צווייטער טאָכטער! פאַר דער צייט האָט דער פאָטער, דער נגיד, פאַרלוירן זיין גאַנצן פאַרמעגן, געוואָרן אַ יורד. זיין גוטע פרוי איז אים אָפּגעשטאָרבן. ביי ד ע ר חתונה, רבותי, האָט מען שוין גאַרנישט באַדאַרפט קיין בדחן . . . פון

זיך זעלבסט האָבן זיך געגאָסן טייכן טרערן פון דער אָרעמער כלה׳ס אויגן, אַז השם יתברך זאָל זיך מרחם און מציל זיין . . .״

— „מיינע ברידער און שוועסטער: אַ וויי־געשריי טראָגט זיך צו אונז פון יענער זייט ים. הונדערטער אידישע שטעט און ישובים זיינען אַרומגעכאַפּט מיטן פייער פון מלחמה. טויזנטער לעבנס קומען אום יעדן טאָג. די, דורך נסים, לעבן געבליבענע, שרייען צו אונז: „העלפט אונז אין אונזער פיין! שטרעקט אויס צו אונז אייער ברודער־האַנט פון הילף!״ ניין, מיינע פריינט, נישט איצט איז די צייט פאַר שיינע רעדעס. אונזער שנעל־אויסגעשטרעקטע ברודער־האַנט, דאַרף זיין אונזער ענטפער אויף דעם הילפס־געשריי פון אונזערע טייערע און געליבטע, פון דער אַלטער היים . . ״

ווען בערל האָט אַרויפגעקוקט צו מאַרים׳ן, האָט ער דערזען ווי טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן; אַזוי האָבן אויך גע־וויינט אַלע פאַרזאַמלטע.

ווען מ׳האָט אויסגערופן: „ווער גיט דעם ערשטן טויזנטער פאַר די מלחמה־קרבנות?״ האָט מאַרים אויסגעשריגן — „איך!״, הייסנדיק בערלען תיכף אויסמאַכן אַ טשעק.

ווען זיי זיינען אַרויס פון שול, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויפן ראָג־גאַס, איינצואָטעמען אַביסל פרישע לופט. דער זייגער האָט שוין געוויזן אויף זעקס פאַרנאַכט.

— „נו, בערל, וואוהין גייט מען איצט?״, האָט מאַרים אויס־גערופן.

— „איך מיין, אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט איצט געווען צו גיין אַהיים״, האָט בערל גע׳עצה׳ט.

— „לאַיק העל אַהיים . . . אויך מיר אַ היים!, אויך מיר אַ ווייב! לאָמיר דיר זאָגן, בערל, אַז די ריכטיקע היים און די ריכ־טיקע ווייב איז געווען יענע, די ערשטע . . . יענע, פאַרשטייסטו מיך, ווען איך פלעג קומען שפּעט ביינאַכט אַ שיכור׳ער, פלעג איך איר טרעפן אַ וויינענדיקע. זי פלעגט מיר אָנהויבן מוסר׳ן, אַזוי ווי אַ מאַמע מוסר׳ט אויס אַ שלעכט קינד. אָבער די . . . שלאָפט ווי אַ גע׳הרג׳עטע . . . ווען איך שטיי אויף אינדערפרי, געפין איך מיינע הויזן קעשענעס, אויסגעליידיקטע . . . אַזוי טוט אַן ערליכע פרוי? ניין, בערל, קום שוין בעסער צו גראָבמאַנ׳ס כאַפּן אַ שנאַפּס.

צוליב דעם, וואס ס'איז געווען זונטיק, איז גראבמאנ'ס גע־וועז צוגעמאכט. אבער הארט דערביי איז פאראן א פלאץ, וואס באלאנגט אויך צו גראבמאנ'ען און איז אפן אויך אין זונטיקס. ניט מער, אויפן טיר הענגט א קליין שילדל: „פאר מיטגלידער בלויז". און מ'דארף אנקלינגען מיט א דרוק אויף א קנעפל, די טיר זאל זיך פאר אייך עפענען.

מאַרים און בערל זיינען ארויף אויף א העכערן שטאק. דאס פלאץ איז געווען פול מיט קונדן — ווער שוין גאר שיכור, און ווער נאך האלב שיכור. א בלויער געדיכטער רויך איז געהאנגען איבער דעם צימער. מארים האט זיך געהייסן דערלאנגען א פלאש מארטיני, א פלעשל סאדא־וואסער און צוויי וויין־גלעזער, און מיט א „לחיים" צו בערלען, שנעל אויסגעטרונקען דאס גאנצע גלאז. דערביי האט ער באמערקט, אז בערל'ס גלאז איז געבליבן פול, אומבארירט.

— „גאר דעם איט, ביסט משוגע, אזא טייערן שנאפס ניט צו טרינקען!" האט זיך מארים צעשריגן אויף בערלען. פון פאר־דרוס, האט ער שוין אויסגעטרונקען אויך בערל'ס גלאז . . . און אט אזוי האט זיך די פלאש אויסגעליידיקט. מארים, א שטארק־שיכור'ער איז איינגעשלאפן, אנשפארנדיק זיך אויפן ברעג פון טיש. ווי אלעמאל, האט אים בערל אויך דאס מאל אפגעפירט אהיים.

אזוי האבן זיי פארבראכט דעם זונטיקדיקן טאג . . . טויזנט דאלער פאר די מלחמה־קרבנות, און א שיכור'ער אפגעשלאפן ביים טיר, אין זיין היים ביז מאנטיק פארטאג.

אויף מארגן, מאנטיק, ווען בערל איז מיטאג־צייט, פארביי־געגאנגען דעם אפיס, האט אים מארים צוגערופן:

— 'נו, בערל, קאנסט מיך דערקענען איצט? נעכטן, ווען דו האסט מיך אריינגעפירט אין הויז, האב איך זיך אויסגעצויגן טא־קע ביים טיר, און אזוי אפגעשלאפן ביז פינף פארטאג . . . כ'בין אויפגעשטאנען, זיך אפגעראזירט, זיך אויסגעבאדן און זיך אויס געפוצט, ווי דו זעסט, מיט א ווייסער זיידענער העמד, מיט אן ענגלישן שניפס און א דימענטענער שפילקע . . . געגעסן פרישטיק ביי טשאילד'ס, אריינגעקומען אין שאפ, אפגעטאן ארבעט פאר צווייען . . . דיין באס איז נאך אלראיט, זאלסט שוין גארנישט מורא האבן . . . "

V

אַ דאַנק די פּראַקטישע עצות און מיטהילף פון מאַרים ווייס־בערג, איז בערל געוואָרן אַ באַלעבאָס פאַר זיך. זייענדיק ביידע זייער שטאַרק פאַרנומען, האָבן זיי זיך אַלץ זעלטענער געזען. אַלס פאַרגיטיקונג, פלעגט מאַרים פון צייט־צו־צייט טעלעפאָנירן בערלען נאָך די געשעפט־שטונדן, ווען דער טומל האָט זיך איינ־געשטילט. אַזוי האָט ער איינמאָל אָנגעקלונגען בערלען:

— „העלאָ, בערל! מיין טאָכטער סאָפי האָט זיך אָנגעהויבן אַרומשלעפּן מיט עפּעס אַ באָי . . . מ'ווייסט ניט ווער ער איז, וואָס ער איז, אַז טאַטע־מאַמע און דערצו איז ער נאָך אַ שיכור אויך . . . געננוג וואָס זי האָט אַ טאַטן אַ שיכור . . . כ'וועל אים אַראָפּוואַרפן פון די טרעפּ ווען ער וועט צו איר קומען נאָכאַמאָל... גודבאָי!”

שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן, קלינגט דער טעלעפאָן:

— „העלאָ, בערל! זיי האָבן אויסגעפירט — ניט איך. מ'וועט מוזן שטעלן אַ חופּה . . . זיי זיינען אַוועק אין סיטי האָל, און אַרויסגענומען מערידזש לייסענס . . . גוד באָי!”

אין אַ מיטן־וואָכעדיקן אָוונט, האָבן זיך פאַרזאַמלט בערל, מאַרים'ס אינשורענס־אַגענט, און אייניקע לאַנדסלייט אין הויז פון רב־הכולל. פון פרויען איז נאָר בייגעווען איינע אַן עלטערע לאַנדספרוי. מ'האָט געשטעלט אַ חופּה . . . רבי קאָהן האָט גע־לאָסן און שטיל, געמאַכט די ברכות, וואַרפנדיק דערביי מיט זיינע קלוגע אויגן, פאַרדעכטיקע בליקן אויף דעם פאַררעטערישן בויך פון דער כלה . . .

נאָך דער חופּה איז מען אַריין אין אַ גרויסן עס צימער, וואו מען האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום אַ לאַנגן עס־טיש. מאַרים ווייס־בערג האָט אויפגעעפנט אַ גרויסע פלאַש מיט בראָנפן און אָנגע־פילט דעם ערשטן כוס און דערלאַנגט אים צום רב, וועלכער האָט געמאַכט די ברכה, און פאַרזיכטיק פאַרזוכט פון דעם בראָנפן. ווישנדיק די ליפּן, האָט ער אַ באַגייסטערטער אויסגערופן: „אייער משקה, מיסטער ווייסבערג, איז דאָך פון אַ גאָר־גאָר געהויבענעם מין, שוין לאַנג ניט געטרונקען אַזאַ געהויבענע משקה!”

נאכפאלגנדיק דעם רב האט דער עולם זיך גענומען צו די גלעזלעך, ווינטשנדיק דערביי דעם ערשט־פארהייראט פארל, א גליקלעכן צוזאמענלעבן.

נאכדעם ווי דער רב האט באוויזן אפצוזאגן א קליינע טייל פון די שבע ברכות, האט מען זיך אפגעזעגנט מיט חתן־כלה, און מען איז זיך פאנאנדערגעגאנגען.

מארים ווייסבערג האט ביים ארויסגיין, איינגערוימט בערלען אין אויער, אז ער וויל מיט אים גיין דאן־טאון עסן סאפער. אבער אנשטאט צו גיין אין א רעסטאראן, האט מארים אויפן וועג, גע־קויפט א הערינג מיט א שווארצן ברויט, מיט עטלעכע געזויערטע אוגערקעס, און צוזאמען מיט בערלען אריין צו זיך אין פאבריק.

אויפשליסנדיק א שופלאד פונם שרייב־טיש, האט מארים ארויסגענומען א פלעשל מיט בראנפן און האט מכבד געווען בער־לען און אויך זיך מיט נאך א „לחיים". זיצנדיק ביים שרייב טיש האבן זיי געטרונקען און פארביסן מיט דעם שטארק־געזאלצענעם הערינג און מיט די צוגלייך שטארק־זויערע אוגערקעס.

אזוי עסנדיק, ווענדט זיך מארים צו בערלען: „נו, בערל, גיב מיר עפעס אן עצה, וואס איך זאל טאן מיט דעם טרעמפל, מיט דעם שיינעם איידעם מיינעם?"

— „מיין עצה איז, אריינגעמען אים צו אייך אין געשעפט, און איר וועט זען, אז ער וועט נאך אמאל זיין זייער א לייטישער מענטש". „דיינקסטו אזוי?", האט מארים געפרעגט מיט א גע־מיט פון הילפלאזיגקייט.

ווען בערל איז מיט א חודש שפעטער אריינגעקומען צו מארים'ן אין פאבריק, האט ער דארט געטראפן דעם איידים, זיצנדיק מיט די פיס פארלייגט אויפן שרייב־טיש מיט א גראבן סיגאר אין מויל . . .

מיט דריי חדשים שפעטער האט מארים ווידער טעלעפאנירט בערלען . . . ער לאדט אים איין בייצוזיין ביים ברית, פון זיין ערשטן אייניקל. עטלעכע וואכן שפעטער, בערל'ס טעלעפאן קלינגט:

— „העלא בערל! ס'איז אנגעקומען א טעלעגראמע פון לאנ־דאן . . . מיין ערשטע פרוי איז געשטארבן . . . מיין סעמעלע האט

מיך געוואַלט שלאָגן . . . אַוודאי איז ער גערעכט . . . איצט וועל איך שוין קאָנען געזעצלעך הייראַטן מיט מיין פרויקע, די מיסעם האָפמאַן . . . וועט זי זיך שוין אָביסל באַרואיקן . . . די צוויי מיידלעך וועלן שוין מער ניט זיין קיין ממזרות . . ."

עס זיינען דורכגעגאַנגען נאָך עטלעכע וואָכן. אין איינעם אַ טאָג האָט מאָריס דורכן טעלעפאָן געלאָזט וויסן זיין פריינט:

„ . . . בערל טייערער, איך בין שטאַרק קראַנק . . . כ'קום ערשט פון דאָקטאָר, ער זאָגט עס קומט פון צופיל טרינקען . . . אַניט וויסן זיי פון זייערע הענט און פיס . . . גוד באַי!"

1930. מיט דער גרויסער קליידער־פאַבריק פאַרוואַלטעט איצט אַ יונגערמאַן, אַ פראַנצויז, מוסיע לאַפּאַינט. די הויפּט־דירעקטאָרן פונעם געשעפט, זיינען די צוויי זין מיטן איידעם. מיט די פיס אויסגעצויגן אויף די שרייב־טישן, איז זיך יעדער פון די דריי דירעקטאָרן, געזעסן אין זיין באַזונדערן קאַבינעט, מיט אַ גראָבן ציגאַר אין מויל, און געבלעטערט אַ צייטונג.

פון די צוויי טעכטער איז געבליבן נאָר די עלטערע. די אינ־גערע, שוין זייענדיק פאַרהייראַט, איז קראַנק געוואָרן און גע־שטאָרבן, איבערלאָזנדיק אַ קליין מיידעלע. און טאַקע אָט־דער פלוצימדיקער טויט פון זיין טאָכטער, האָט מאָריס'ן שטאַרק גע־טראָפן, ווייל זי איז געווען ביי אים די באַליבטסטע, פון זיינע קינדער. פאַר אַ גאַר לאַנגער צייט איז מאָריס נישט אַרויס פון הויז. דער אַסטמאַטישער הוסט איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער פון טאָג־צו־טאָג.

עפּילאָג

אין איינעם אַן אָווענט, אין מאַי 1931, איז בערל, צוזאַמען מיטן אינשורענס־אַגענט, מיט אייניקע עלטערע לאַנדסלייט, און דער פראַנצויז לאַפּאַינט געזעסן אַרום בעט פון מאָריס וויסבערג, און נאָכגעפאָלגט אין אַנגסטן, די לעצטע גסיסה־ווייען זיינע. אַלע ווײלע האָט זיך אַריינגעשלייכט דער דאָקטאָר מיט אַ נוירס, און תיכף אַרויסגעגאַנגען צוריק, מורמלנדיק „שוין ניט פיל געבליבן אים צו ליידן . . . דער סוף קומט, ער קומט . . !"

דער גוסס האָט כליפּנדיק, מיט די לעצטע כוחות געקלאָגט:
„אָפּגעלעבט אַ הינטיש לעבן . . . אין זומפּ פון שיכרות און אוי, אוי, אוי . . .״

אזוי האָט מאָרים ווייסבערג אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

* * *

ניט זייענדיק קיין מיטגליד פון קיין שול, אָדער פון וועלכער עס איז געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, האָט דער פראַנצויז, מוסיע לאַפּאַינט, דורכגעפירט מאָרים׳עס לוויה. אַ גרויסער עולם פון געשעפטסלייט האָט אָנגעפילט דעם ניט־אידישן פיונעראַל פּאַרלאָר. אין דער ערשטער ריי ביים ארון זיינען געזעסן: די אלמנה מיט אירע צוויי טעכטער און זון פון איר ערשטן מאַן, די עלטסטע טאָכטער מיט איר מאַן, און די צוויי זין מיט בערלען אינדערמיט.

די לופט איז געווען אַ שטיקנדיקע. איבערהויפּט האָט בערלען פאַרכאַפּט דער אָטעם, פון דעם בראָנפן־געריך, וואָס האָט זיך גע־טראָגן פון די מיילער פון די צוויי זין . . . אַ ראַבאַי פון אַ רייכן טעמפּל, אָנגעטאָן ווי אַ גלח, האָט געהאַלטן אַ לאַנגע הספּד־דרשה. „. . . מיינע טייערע ברידער״, האָט ער פאַרענדיקט, „איך בעט צו גאָט, און איך האָף, אַז די זין, די יורשים פון אונזער חשוב׳ן נפטר, וועלן געטריי און איבערגעבן, גיין אין די פוס־טריט, פון זייער זעליגן פאָטער . . . איי־מען!״

די מאַמע
מיט דער טאָכטער

„החיים והמות ביד הלשון".

אין וואָסערע קנאַפּע צען יאָר צייט, האָט זיך דער געגנט געביטן, גאָרנישט צו דערקענען. דוכט זיך ווי אָט־ערשט, האָבן די ערשטע קאַנאַדער „גרינע" פּאַרנומען דעם בלאָק הייזער צווישן דאָרטשעסטער און סט. קעטרין גאַס, און שוין אין איינע צען יאָר האָבן זיי באַוויזן „אויסצוגרינען" זיך . . . האָבן שוין באַוויזן צו קאָנען פאַרלאָזן די סוועט־שעפּער, געוואָרן אַליין באַלעבעסלעך פון קראָמען און פון קליינע פאַבריקן, האָבן פאַרלאָזן דעם געגנט פון נידעריקן טייל־שטאָט, און זיך אַריבערגעקליבן אין די העכערע און שענערע געגנטן פון דער גרויסער מעטראָפּאָליע.

אָבער דער נידעריקער געגנט מיט די אַלטע און ענגע שטיבער, איז דורך דעם ניט געבליבן ליידיק און פאַרלאָזן. אזוי גיך ווי די „אויסגעגרינטע" האָבן זיך אַרויסגעקליבן, האָט זיך עס באַלד אָנגעפילט מיט די נייע, ערשט־אָנגעקומענע, „גרינע", וואָס האָבן געהאַלטן אין איין שטראָמען מיט אַלץ אַ גרעסערן אימפּעט. פון די אַלטע איינוואוינער זיינען דאָרט געבליבן בלויז דריי פרויען: אַן עלטערע אלמנה, מיסעס גאָלדבערג, וועלכע האָט פאַרנומען איין־און־אַ האַלב צימער אויף דעם אונטערשטן שטאָק, מיט איין פענצטער צום גאַס, און אין שכנות מיט איר, אַ אינגערע פרוי, מיסעס לעווין מיט איר טאָכטער פעני, אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן.

צוליב דעם, וואָס די נייע ערשט־געקומענע „גרינע" זיינען נאָך געווען פרעמד אין דער גאַס, האָבן זיי גערופן דער מיסעס לעווין „די מאַמע מיט דער טאָכטער". ווי נאָר די ערשט־באַזעסענע שכנים האָבן זיך איינגעשטעלט אין זייערע נייע היימען, האָבן זיי שטענדיק געטראָפן דער מיסעס לעווין אַרומגיין צוזאַמען מיט

דער מיידל פּעני. די מוטער און די טאָכטער האָבן געאַרבעט דורך די טעג, אין דער זעלבער פאַבריק, זיצנדיק דאָרט איינע לעבן דער אַנדערער בײַ צוויי ניי־מאַשינען, אויספּאַרטנדיק מענערשע אויבער־העמדער.

נאָך דער אַרבעט פלעגן זיי ביידע אַנקומען, געאַרעמט, אַהיים, און אַזוי געאַרעמט, זיינען זיי געגאַנגען אַ פּאָר מאָל אַ וואָך, צו פאַרווײַלן זיך אין אַ מואווי.

אַזוי, יערנפאַלס האָבן עס באַמערקט די נייע שכנים פון דער גאַס. אָבער אַ גאַנץ אַנדער געשיכטע האָט געוואוסט צו דערציילן וועגן דער מיסעס לעווין מיט איר טאָכטער פּעני, די אַלטע שכנה זייערע, מיסעס גאָלדבערג.

די מיסעס גאָלדבערג איז געבליבן אַ יונגע אַלמנה. בעת איר מאַן האָט שוין באַוויזן „אַרויפצואַרבעטן זיך״ און איז געוואָרן אַ לענדלאָרד פון זעקס „טירן״, איז ער איינמאָל אין אַ פאַרטאָג אויפגעשטאַנען, געקראָגן אַ האַרץ־שלאַג און איז געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק די „זעקס טירן״ פאַר זיין אַלמנה. איז זי פון דעמאָלט אָן געבליבן אין דער געגנט, באַקאַנט אַלס די „לענדלעידי״ מיסעס גאָלדבערג.

בעת די נייע שכנים, האָבן זיך באַצויגן מיט ליבע און אַכטונג, צו דער מוטער מיט דער טאָכטער, איז אָבער די מיסעס גאָלדבערג שטענדיק געווען אייפערזיכטיק אויף די צוויי פרויען. מיסעס לעווין איז געווען אַ דיקלעכע פרוי אין די פערציקער יאָרן. זי איז נאָך געווען פול מיט ענערגיע און לעבנס־לוסט. פון די צוויי אייגנשאַפטן אירע, האָט זי אַ טייל אָפּגעגעבן צו איר אַרבעט אין שאַפּ, און דעם צווייטן טייל, פאַר איר מוטערלעכער ליבע און צערטלעכקייט, צו דער זייער שיינער, און הויך־וואוקסיקער טאָכטער אירער, פּעני.

מיט צונויפגעלייגטע הענט, אָנגעשפּאַרט אויף אַ קליין קישעלע, מיט איר קאָפּ אַרויסגעשטעקט דורכן אָפענעם פענסטער, פלעגט מיסעס גאָלדבערג זיך אָנצינדן מיטן פייער פון אייפערזוכט יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט זען אָנקומען די מיסעס לעווין פון דער אַרבעט, אין דער באַגלייטונג פון איר טאָכטער. געאַרעמט, פלעגן זיי, ווי אויף צו להכעיס, פאַרלאַנגזאַמערן זייערע

טריט, בעת זיי פלעגן אין די זומערדיקע פארנאכטן פארבייגיין דאס פענסטער, וואו מיסעס גאלדבערג איז געזעסן און באאבאכ־טעט די באוועגונגען פון גאס. מיט אירע לאנגע, דארע באקן און ציינלאזן מויל, מיט איר לאנגער שפּיציקער נאז, און מיט אירע שיטערע גרויע האר, — האט זי ניט געקאנט פארטראגן דעם אנבליק פון דעם גליקליכן פּארל, וואס פלעגט מיט א פריי־לעכן געלעכטער אנקומען פון דער ארבעט.

ווי נאר זי פלעגט מיט אירע גרינע אויגן, דערזען זיי אנקור־מען, האט מיסעס גאלדבערג אנגעהויבן צו בורטשען מיט כעס: „די מאמע מיט דער טאכטער!" . . . ניט טראגנדיק, ניט האבנדיק, אן ווייטיק און לייד איז זי געווארן א מאמע, צו מיינע צרות"...

איר בורטשען און שילטן, איז גליקלעכערוויז פארלוירן גע־גאנגען אין דעם פריילעכן געטומל און געשרייען פון די פילע שפּילנדיקע קינדער פון דעם ארעמען געגנט.

אזוי איז זיך אנגעגאנגען אויף דער גאס דאס לעבן, פאר שיינע עטלעכע יאר. לעבן מיר דאך אבער אין א וועלט, אין וועל־כער קיין שום זאך איז ניט זיכער און דויערהאפטיק; אין א וועלט אין וועלכער, מיטאמאל, ווי עפּעס דורך א מאנסטערהאפטן כוח, עס גיט א טראג־אן א שטורעם, וואס הויבט אן ארויסצורייסן מיט דיווארצלען אלץ וואס עס האט זיך געדאכט, ווי צו זיין אויף אייביק פעסט און אייזן־שטארק . . .

דער קריזיס, ארבעטלאזיקייט, — איז דער נאמען פון אט־דעם פארשאלטענעם כוח, פון דער שרעקלעכער קללה, וואס הויבט זיך אן צו טראגן אזוי ווי א פייערדיקער אויפרייס איבער די קעפּ פון די מענטשן . . .

די מאמע מיט דער טאכטער זיינען שוין פאר א לאנגער צייט ארבעטסלאז. שוין דריי מאנאטן, ווי זיי האבן נישט פונוואנען צו צאלן דער לענדלעידי די רענט (דירה־געלט).

— איצט איז מיין צייט..! האט זיך אנגעהויבן טרייסטן די מיסעס גאלדבערג. איצט קאן איך גרינג ארויסווארפן פון דער דירה, דער מיסעס לעווין מיט איר מיידל, און אזוי ארום שטילן דעם פייער פון מיין אייפערזיכט. און זי האט אנגעהויבן צו פּלאנעווען ווי אזוי פּטור צו ווערן פון דער מיסעס לעווין.

גרענעצלאָז איז די מאַכט פון קנאה און שנאה.

קיין חיה אויף דער וועלט איז ניט אַזוי שלעכט, ווי די צוויי־פיסיקע חיה־מענטש, ווען עס ווערט באַהערשט דורך דעם שוואַרצן אייפער פון קנאה.

זיצנדיק מיט איר אַרויסגעשטעקטן קאָפּ אין אָפענעם פענס־טער, האָט מיסעס גאָלדבערג געטראָפן איין טאָג פעני'ן, גייענדיק אַליין.

— „פענע'לע טייערינקע, קום נאָר אַהער, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן", אַזוי האָט מיסעס גאָלדבערג צוגערופן צו זיך פעני'ן. האָט איר אַריינגערופן אין הויז, און זייער ליבלעך געבעטן איר זיך צו זעצן. צוזעצנדיק זיך האַרט לעבן פעני'ן, האָט מיסעס גאָלדבערג אָנגעהויבן איינצו'טענה'ן מיט איר:

— „דו ווייסט פעני, אַז די מיסעס לעווין איז ניט דיין מאַ־מע, און אַז דיין אמת'ע מאַמע האָט דיך מיידלווייז געבוירן, ווען זי איז געווען מיינע אַ „רומערקע" (לאָקאַטאָרן): אַז נאָכדעם ווי דו ביסט געבוירן, איז זי אַוועק קיין ניו יאָרק, און אַז מיסעס לעווינ'ס מאַן איז באַלד נאָכדעם פאַרשוואונדן געוואָרן, מען ווייסט ניט וואוהין, ביז היינטיקן טאָג . . .

„אַזוי ווי די מיסעס לעווין קומט מיר פאַר דריי מאָנאַטן דירה־געלט, וועל איך איר אַרויסוואַרפן, און אויב דו ווילסט, קאָנסטו קומען וואוינען מיט מיר. עס וועט דיר בא מיר זיין בעסער, איידער בא דער מיסעס לעווין. וועסט ניט דאַרפן גיין אין שאַפּ שקלאַפן, עס וועט דיר זיין בא מיר גוט; ווי די וועלט".

אויסהערנדיק די רייד פון מיסעס גאָלדבערג'ס ציינלאָזן מויל, האָט פעני אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. „איר זענט אַ גרוי־סע ליגנערן!" האָט זי וויינענדיק געשריען צו איר, „איר זענט אַ שלעכטע פרוי", און איז אַרויסגעלאָפן פון הויז.

* * *

אַריינקומענדיק אין איר צימער, האָט פעני געפונען אַ צע־טעלע צוגעשפּיליעט צו איר קישן. אין צעטעלע לאָזט איר מיסעס לעווין צו וויסן אַז זי איז אַוועקגעפאָרן צו אַ פריינדינע און זי וועט זיין צוריק אויף מאָרגן אינדערפרי.

די גאַנצע נאַכט האָט פעני ניט געקאָנט איינשלאָפן. מיסעס

גאָלדבערג׳ס אַנטפּלעקונג, האָט איר אויפגערודערט אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט ניט געקאָנט קומען צו זיך. אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, האָט זי זיך אָנגעטאָן און געלאָזן אַ צעטעלע פאַר מיסעס לעווין, אַז זי איז אַוועק זוכן אַרבעט.

— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

אין איינער אַ שטיקנדיקער, זומערדיקער נאַכט, האָט די פּאָ־ליציי אַרומגערינגלט און באַפאַלן, אַ פאַרדעכטיקטן נאַכט קלוב, אין דעם נידעריקן טייל פון שטאָט, און האָט אַרעסטירט דאָרט אַ צאָל מענער און פרויען. איינציקווייז זיינען זיי שטיל און גע־האַרכזאַם, מיט איינגעבויגענע קעפּ, אַריינגעקומען אין דעם שוואַרצן פּאָליציי־וואַגן און זיך שעמעוודיק באַזעצט אויף די בענק, לענג־אויס דעם וואַגן. אָבער ווען עס איז געקומען די ריי פון דער לעצטער פרוי, די שענסטע און העכסטע פון דער גרופּע אַרעסטירטע, האָט זי זיך געגעבן אַ דריי־אויס צום הויפּט פון דער פּאָליציי, און איז אים באַפאַלן מיט אירע לאַנגע נעגל, רייסנדיק זיינע גראָבע רויטע באַקן.

— „זי איז משוגע געוואָרן, מען דאַרף איר בינדן", האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי פון אַלעמענס מיילער.

עס האָט ניט לאַנג גענומען, ווי עס איז אָנגעקומען מיט אַ געפּילדער און פייפעריי אַן אַמבולאַנס. פיר פּאָליציייער האָבן אַריינגעוואָרפן די יונגע פרוי אינעם אַמבולאַנס, וועלכער איז שנעל פאַרשוואונדן אין דער ריכטונג פון דעם שטאָטישן משוגעים־אַנשטאַלט.

דער נאָמען פון דער יונגער פרוי, ווי געמאָלדן אויף מאָרגן אין די צייטונגען איז — פעני לעווין, די אַדאָפּטירטע טאָכטער פון מיסעס לעווין.

אין אַ קנאַפּן יאָר צייט, האָט מען פעני׳ן אַרויסגעפירט פון משוגעים־הויז אין אַ טויטן־וואַגן.

פאַר דער צייט אַ פאַרעלטערטע, אַ צעבראָכענע, איז מיסעס לעווין נאָכגעגאַנגען נאָכן טויטן־וואַגן . . .

מיידלעך

אין אַרויסשיקן די מיט גאָלד־געדרוקטע איינלאַדונגען צו איר חתונה, האָט די צוואַנציק־יאָריקע טערעז נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל פון אירע חבר'טעס, אויף וועמעס חתונות זי איז געווען געלאַדן, צו „טאָן זיי די ערע מיט איר אָנוועזנהייט".

אַפריער, פאַרשטייט זיך, גייען די נאָענטע קרובים, ווי די פעטערס מיט די מומעס און די קוזינען. דאַן דאַרף מען רופן די יונגע חבר'טעס און חברים פון שאַפּ, וואו זי האָט אָפּגעאַרבעט גאַנצע פינף יאָר צייט.

עס האָט איר אַזוי „אָפּגעגאָלטן", אַז באַלד ווי זי האָט צו אירע פופצן יאָר געענדיקט די עלעמענטאַר־שול האָט זי אָנגעפאַנגען אַרבעטן אין דער זאָקן־פאַבריק, און איז שוין דאָרטן געבליבן אַרבעטן פאַר די גאַנצע פינף יאָר צייט. זי האָט זיך דאָרט שטאַרק באַפריינדעט מיט אַ צאָל מיידלעך און בחורים, איז ניט מער ווי ריכטיק, איינצולאַדן זיי אויף דער חתונה.

אָבער אַ חוץ די יונגע פריינט אירע, האָט טערעז נאָך באַדאַרפט איינלאַדן די פיר עלטערע מיידלעך פון שאַפּ. ניט אַזוי ווי אויס נאָענטער פריינטשאַפט מיט זיי, ווי צוליב דעם אַלגעמיינעם געפיל פון רעספּעקט, וואָס יונגע מיידלעך פילן צו מער עלטערע און מער דערפאַרענע פון זיי.

די פיר זיינען: די בוכהאַלטערן מאַדעמואַזעל פאָרטען; די פאָרלעידי, מאַדעמואַזעל לאַראַז; די מאַדעמואַזעל לאַבעל, וועמען אַלע אין שאַפּ רופן „דער מלאך דער רעטער". האָט ווער אין שאַפּ דערפילט, ווי עס איז אים אַריינגעפאַלן עפּעס אין אַן אויג, איז עס געווען מאַרגאַרעט לאַבעל, וואָס האָט דאָס אויג אויסגערייניקט. האָט זיך ווער פאַרשטאָכן אַ פינגער, איז עס ווידער געווען מאַדעמואַזעל לאַבעל, וואָס האָט דעם שפּליטער אַרויסגענומען. טאַקע, — אַ „מלאך, אַ רעטער"!

און אַוודאי קאָן מען ניט פאַרפעלן איינצולאַדן די איינציקע אידישע מיידל, פעני קאָהן, וועמען אַלע רופן „די גוטע נשמה". שוין אַ מיידל אין די פערציקער, איז פעני'ס האַרץ, וואָס אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן, וואָלט עס געווען איבערגעגעבן צו אַ מאַן און קינדער, איז אַנשטאָט דעם געווידמעט די אינטערעסן און

נויטן פון אירע מיטארבעטער אין שאַפּ.

ניט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז טערעז האָט געליען בּאַ פעני'ן אַמאָל אַ קוואָדער, און אַמאָל אַפילו גאַנצע צען דאָלער. עס איז ניט געווען די מיידל אין שאַפּ, וואָס איז ניט געווען שול־דיק פעני'ן אַ חוב.

האָט ווען געטראָפן, אַז אימיצער פון שאַפּ איז קראַנק גע־וואָרן, איז עס געווען פעני, וואָס איז געגאַנגען מבקר חולה זיין. האָט ווער באַדאַרפט אַ קלייד און האָט זיך באַקלאָגט, אַז עס פעלט איר אויס די נויטיקע סומע געלט, איז עס געווען פעני וואָס האָט געבראַכט אין שאַפּ אַריין דאָס קלייד פון איר'ן אַ ברודער'ס קראָם, און עס אַוועקגעגעבן דער מיידל פאַר האַלב פּרייז.

פעני איז אויך אַ שטענדיקע אַריינגייערן צו אַלע געוועזענע שאַפּ־חבר'טעס. נאָכדעם ווי פילע פון זיי האָבן שוין געהייראַט, און געוואָרן מאַמעס פון קינדער, פלעגט פעני נאָך אַלץ אָנהאַלטן פריינטשאַפט און זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט אין זייערע היי־מען. טאַקע — אַ „גוטע נשמה".

:: :: ::

דער קלויסטער, וואו עס איז פאָרגעקומען טערעז'ס חתונה־צערעמאָניע, האָט זיך געפונען אין אַן אַרבעטער־געגנט פון שטאָט. די געביידע איז באַשטאַנען פון אַ נידעריקן שטאָק, גרוי געפאַרבט. די פענסטער־ראַמען האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אַן דעם אַספאַלטענעם טראָטואַר. נאָר דער אַריינגאַנג איז געווען געבויט מיט אַ הויכן גלאָקן־טורעם. אינוויייניק איז אַלץ געווען אויסגעשטאַט זייער באַשיידן, אַזוי נאָר ווי אויף צייטווייליק, מיט דער אַבזיכט צו פאַרגרעסערן און פאַרשענערן די געביידע, ווען דער געגנט וועט זיך פאַרגרעסערן און די איינוואוינער וועלן זיין ביכולת, צו ביי־שטייערן אַ גרעסערן חלק צו די פאָנדן פון דער קירכע.

אָבער דערפאַר זיינען די קירכע־באַזוכער געווען באַלוינט מיט אַ זייער טאַלאַנטפולן אָרגל־שפּילער. די שטענדיקע דאַוונער

פון דער קירכע האָבן זיך אַנדערצײלט װאונדערלעכע געשיכטעס װעגן דעם מערקװירדיקן אָרגל־שפּילער. אַ מאַן אין די זעכציקער, אַ פעסט־געבױיטער, אָנגעטאָן אין אַ געלבלעך־װײסן קיטל, מיט אַ װײסער סאַמעטענער יאַרמעלקע אױפן קאָפּ, זיצט ער דעם גאַנצן טאָג באַם אָרגל און שפּילט. אין די באַשטימטע תּפילות־שטונדן באַגלייט ער מיט זיין שפּילן דעם קליינעם קירכע־כאָר. אָבער אין דער צייט, װען די קירכע איז ליידיק, זעצט ער פאָר, דער אַלטער אָרגל־שפּילער, צו שפּילן זיינע פּאַסטאָראַלע מעלאָ־דיעס, פאַר די הייליקע בילדער באַלױכטענע מיט פאַרטונקלטער שײַן פון די װעקסענע ליכטלעך . . .

אַ זון פון אָרעמע טאַטע־מאַמע, װידמעט ער איצט, אױף דער עלטער אױך זיינע אױונט־שטונדן, געבנדיק אומזיסטן אונטער־ריכט, פון דער נאָבעלער מוזיק־קונסט, צו די קינדער פון דער אַרבעטער־געגנט. דערפאַר, די גרױסע אַכטונג מצד די קירכע־באַזוכער פאַר זייער מערקװירדיקן אָרגל־שפּילער. אַלע רעדן װעגן אים, װי װעגן אַן אמת־הייליקן מאַן.

:: :: ::

טערעזע׳ס חתונה איז פאָרגעקומען אין אַ שבת׳דיקן פרי־מאָרגן. די קליינע קירכע איז שױן פון גאַנץ פרי געװען אָנגע־פילט מיט די איינגעלאַדענע געסט, װי אױך מיט די שטענדיקע דאַװנער. עס האָט געהערשט אַ הייליקע שטילקייט . . .

אָבער פּלוצלונג האָט דער אָרגל פאַרהילכט די קירכע מיט דעם הייטערן הימן „דאָ קומט אָן, די כּלה"! דער גאַנצער עולם האָט זיך אױפגעשטעלט. די כּלה, באַגלייט פון איר פאָטער איז צוגעקומען צום אַלטאַר. נאָך איר, איז צוגעקומען דער חתן אין באַגלייטונג פון זיין פאָטער. די חתונה־צערעמאָניע האָט זיך אָנ־געהױבן.

אין האַרמאָנישער אָרדענונג, האָבן געפּליסט די שטילע תּפילות פונעם פּריסטער, באַגלייט פון די קרעפטיקע, ברוסטיקע שטימען פון דעם קירכע־כאָר. אָבער גאָר הערלעך און נשמה׳דיק

זיס, האָבן אַריינגעדרונגען אין אַלעמענס הערצער, די וואונדער־לעכע טענער פון דעם אָרגל. העכער אַ שעה צייט זיינען חתן־כלה געשטאַנען אין ערפורכט, דורכגענומען מיט דער ערנסטער שטימונג פון די הייליקע תפילות, ספּעציעל געווידמעט פאַר זיי־ערטוועגן.

דער קירכע־כאָר האָט פאַרענדיקט די תפילות מיט אַ לאַנג־זאַם צעצויגענעם און עטלעכע מאָל ווידערהאָלנדיקן אָמן, אַ מ ן .

דער אָרגל האָט זיך צעשפּילט מיט די מונטערע טענער פון דעם פינאַל־מאַרש, וועלכער האָט אַרויסבאַגלייט די חתונה־געסט, בעת זייער פאַרלאָזן די קירכע.

:: :: ::

אַלע כלות זיינען שיין. אָבער טערעז איז אויסערגעוויינלעך שיין. מיט אירע בלויע אויגן, אירע בלאָנדע האָר, מיט די חן־גריב־לעך און אירע לענגלעכע ראָזעווע באַקן, און אין איר ווייסן חופּה־קלייד האָט זי פרייידיק געשיינט, אַזוי ווי אַ בליענדיקע רויז אין־מיטן זומער.

זי מיטן חתן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין פאָדערהויז פונעם חתונה־זאַל. יעדער פון די אָנקומענדיקע געסט האָט זיך צעקושט מיט דער כלה און מיט דעם חתן, ווינטשנדיק זיי דערביי גליק און פרייד, אין זייער פאַרהייראַטן לעבן.

די לאַנגע געגרייטע טישן זיינען באַזעצט געוואָרן פון די געסט, מיט חתן־כלה אויבנאָן. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט, ווען דער גלח האָט געמאַכט די ברכה פאַרן עסן. מיט גלעזער וויין אין האַנט, האָבן אַלע סאַלוטירט חתן־כלה, און די חתונה־סעודה האָט זיך אָנגעהויבן. מ'האָט געגעסן פאַרשיידענע סאָנד־וויטשעס און פאַרטרונקען מיט ביר, וויין און שטאַרקער קאַווע.

:: :: ::

עס איז שוין געווען אַרום צוועלף, מיטאָג־צייט, ווען אַ קליי־נער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ מאַרש צום טאַנצן. די געסט, אויפגעמונטערטע פון וויין און שטאַרקער קאַווע האָבן זיך

אוועקגעלאָזט ווער מיט זייערע פרויען, און ווער מיט זייערע גע־ליבטע, אין אַ פריילעכן טאַנץ צום ריטם פון דער מוזיק.

אַלע האָבן געטאַנצט, אַ חוץ די פיר עלטערע מיידלעך, וועל־כע האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אַ ווינקל פון זאַל, און פונדער־ווייטנס נאָכגעפאָלגט די טאַנצנדיקע פּאָרלעך.

געטריי צו זייער נאַטור און געוואוינהייט, האָט ניט געדויערט לאַנג, ביז זיי האָבן פאַרפירט צווישן זיך, אַ זייער לעבהאַפטיקן געשפּרעך.

אָנגעפאַנגען האָט פעני, ווענדנדיק זיך צו מאַדעמואַזעל פּאַר־טען: „סעי, זאָג מיר, ווי אַזוי פאַרבסטו דאָס דיינע האָר אַזוי טונקל־שוואַרץ? אָט נעם מיין קאָפּ האָר, איז עס אַ געמיש פון אַ שרעקלעכער פיל־קאָלירקייט, דאָ איז עס טונקל־רויט, דאָ איז עס העל־רויט, אינמיטן איז אַ גרויסער בלאָנדער פלעק, און בא די שלייפן שטעקן מיר אַרויס די גרויע האָר, שפּילנדיק מיט מיר אַ שטענדיקן צו להכעיס . . . ”

אויף דעם האָט מאַדעמואַזעל פּאַרטען געענטפערט: „וועל, מיין טייערע, מען דאַרף זיין קלוג, אויף צו פאַרבן זיך די האָר!” אויף וואָס פעני האָט תיכּף אַ זאָג־געטאָן: „אויב דו ביסט טאַקע אַזאַ חכמה, טו זאָג מיר, ווי קומט עס, וואָס דו ביסט פאַרבליבן אַן אַלטע מויד, אַזוי ווי מיר דאָ אַלע, אַ „באָנטש” אַלטע מוידן”.

„דאָט׳ס ראַיט”, ריכטיק, ריכטיק האָבן זיך אָפּגערופן די אַנדערע צוויי מיידלעך, לאַראַז און לאַבעל. — זאָג אונז טאַקע, מאַדעמואַזעל פּאַרטען, ווי קומט דאָס טאַקע, וואָס דו אַזאַ געראָ־טענע און קלוגע, האָסט ניט געהייראַט, און ווי מיר פאַרשטייען, ביסטו אַמאָל געווען אַ גאַנץ שיינע אויך . . . ווי קומט עס טאַקע?”

— „יאָ, איר זענט גערעכט. איך בין טאַקע אַמאָל געווען אַ שיינע” — האָט טרויעריק געענטפערט מאַדעמואַזעל פּאַרטען. „אָבער מיינע אומשטענדן האָבן גורם געווען, איך זאָל פאַרבלייבן די אַלטע מויד, וואָס איר קאָנט איצט”.

— צוויי שוועסטער זיינען מיר געווען, איך די אינגערע, און אויך צוויי ברידער. אין שול בין איך געווען די בעסטע פון גאַנצן קלאַס, ספּעציעל אין אַריפמעטיק. אָבער צו 16 יאָר בין איך

קראַנק געוואָרן און האָב אָפּגעקרענקט גאַנצע זיבן יאָר. דאָקטוי־רים האָבן געזאָגט, איך האָב „טי. בי" (טובערקולאָזים). אָבער אפילו קראַנקערהייט האָב איך פאַרגעזעצט מיין שטודירן, און ווען איך האָב זיך אביסל דערהאָלט, האָב איך אָנגעפאַנגען צו ארבעטן.

אָבער דאָ איז עפּעס געשען מיט אונזער פּאָטער. ער האָט אָנגעהויבן שכור'ן און מאַכן סקאַנדאַלן אין די אָוונטן, קומענדיק אהיים. די ברידער מיט דער שוועסטער זיינען שוין געווען פאַר־הייראַט, און איך בין געבליבן די איינציקע צו זיין מיט דער מאַ־מען. וואָס מיך האָט אָמשטאַרקסטן געאַרט אין זיין שלעכטע באַנעמונג צו דער מאַמען. ער פלעגט איר זידלען מיט די שמור־ציקסטע ווערטער און וואַרפן זיך צו איר שלאָגן. האָב איך איין אָוונט זיך אָנגענומען מיט מוט, אים אַרויסגעטריבן פון הויז, און אים אָנגעזאָגט, ער זאָל קיינמאָל ניט וואָגן קומען צוריק צו אונז. פון דאַן אָן, שוין אַ צייט מיט יאָרן, אַז איך האָב אים ניט געזען.
— און לאָמיר אייך זאָגן, איך בין העכסט צופרידן, וואָס ער איז פולקאָם פאַרשוואונדן און פאַרגעסן דורך מיר, אַזוי גוט ווי דורך מיין מוטער.

— איך האָב שטענדיק געאַרבעט און אויפגעהאַלטן מיין מור־טער. און אַזוי זיינען אַוועק מיינע יונגע יאָרן!... איך דאַרף אייך ניט דערציילן, ווי אַזוי איך האָב געפילט, ווען אין איינעם אַ פרימאָרגן האָב איך דערזען אין שפּיגל מיינע ערשטע גרויע האָר . . . זינט דאַן פאַרב איך זיי, און ווי איר זעט בין איך אַ פּערפעקטע ברונעטן . . . אָבער דאָס האָט ליידער ניט געהאָלפן צוציען די בחורים צו זיך. די פון זיי, וואָס האָבן מיך געקאַנט נאָך יונגערהייט, האָבן אָפּגעווייכט פון מיר ווי פון אַ פּעסט, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט וועגן מיין קראַנקהייט. אין די שפּעט־טערע יאָרן, ווען מיין יוגנט איז פאַראיבער, איז שוין אויך מיין פּנים געוואָרן ווייט פון שיין . . . אוודאי, וועט איר זיך ניט וואונ־דערן ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז איך בין ווייט פון זיין אַ היי־ליקע „סיינט מערי". אויב דאָס לעבן האָט מיר שוין אַזוי געמיין צוגעשפּילט, האָב איך באַ זיך באַשלאָסן, צו נעמען פון לעבן, וויפיל

עס לאָזט זיך נאָר. אַזוי, אַז בײַ היינט־צו־טאָג, האָב איך ניט קיין אורזאַך, זיך צו באַקלאָגן.

— איז מיר ניט באַשערט געווען צו הייראַטן און באַזיצן איין מאַן, אַזוי ווי עס פּירט זיך, האָב איך דערפאַר פיל מענער... און לאָמיר אייך זאָגן, אַז אין מיינע דערפאַרונגען האָב איך געלערנט, אַז די גרינגסטע זאַך אין דער וועלט, איז אַריינגאַרן, און אָפּנאַרן אַ מאַן . . . ניט אַכטנדיק אויף זייער גאַנצער חכמה, זייער שטאָלץ, און כלומר'שטן זעלבסט־רעספּעקט; מיט זייער גרויסער חשיבות אין דער געזעלשאַפט, זיינען זיי אָבער אין מיינע הענט, ניט מער, ווי נישטיקע שמאַטעס . . . איך קען טאָן מיט זיי, וואָס מיר נאָר גלוסט זיך.

— אָט האָב איך איינעם אַזש פון פּאַריז. ער קומט קיין מאָנטרעאָל פיר מאָל אין יאָר צוליב זיינע געשעפטן, איז כמעט יעדע וואָך דערהאַלט איך פון אים אַ בריוו. ווען איר לייענט די בריוו, געשריבן אויף פּערפומירטן ראָזעווע פּאַפּיר, וואָלט איר געמיינט, אַז דאָס שרייבט אַ צוואַנציק־יאָריק בחור'ל, צו זיין ערשטער געליבטער.

— שוין אַ מאַן אין די פופציקער, און ווי איך פאַרשטיי, האָט ער אין פּאַריז אַ פרוי מיט קינדער. יעדן מאָל ווען ער קומט, גיט ער מיר אַ „גוד טאַים", און ווען ער פאָרט אַוועק, לאָזט ער מיר נאָך אַ פיינעם טשעק, אַלס מתנה.

— די ערשטע צייט בין איך אפילו ניט געווען זיכער מיט אים. עס איז געווען אין דעם ערשטן אָוונט, ווען ער האָט מיך געטראָפן אין לאָבי פונם האָטעל, און ער האָט מיך אַרויפגענומען צו זיין צימער. באַטראַכטנדיק מיך אָקעגן דער העלער ליכט פונם צימער, האָט ער זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן אַז איך האָב אים אָפּגענאַרט, אַז מיין „מייק־אַפּ" האָט אים פאַרפירט. וואָס האָט ער געמיינט דער טיפּוש! אָבער שוין אויפן צווייטן טאָג, קלינגט ער מיר, אַז ער וויל מיך אַרויסנעמען. און אָט אַזוי נעמט ער מיך אַרויס און גיט מיר אַ „גוד טאַים", פאַר די לעצטע דריי יאָר צייט. זעט איר שוין ווי גרינג עס איז זיי, די מענער אָפּצונאַרן.

— נאָך איינעם האָב איך, אַ היגן. איז ער עפּעס אַ גאַנצער מאַכער אין העכערן געריכט, אַן אַדוואָקאַט. האָט איר באַדאַרפט

זען, וואָס איך צעמאַך עס מיט אים. ער איז זייער אַ פּינקט־לעכער אין דער נאַטור. יעדן צווייטן מיטוואָך קלינגט ער מיר אָן. ס'איז געווען לעצטן ווינטער. דער פראָסט האָט געברענט, אפשר 18 אונטער זירא. הייס איך אים צו וואַרטן אויף מיר זעקס אַזייגער אין אָוונט אויף סיינט קעטרין גאַס. אַליין בין איך מיר אַוועק צו מיין „ביוטי פּאַרלאָר" און אַרויס פון דאָרטן שוין אַכט אַזייגער. נו, טראַכט איך מיר, מיין אַדוואָקאַטל האָט שוין געמוזט לאַנג אַוועקגיין צו זיין ווייב אַהיים. ערשט איך קום־צו צום באַשטעלטן פּלאַץ, מיינער טאַנצט זיך אַרום הין־און־צוריק אויפן טראָטואַר אַ דערפרוירענער, קוים געקאָנט אויסרעדן אַ וואָרט . . .

— עס איז געווען לעצטן יאָר, אינעם סיינט דזשאָן באַפּטיסט טאָג. איך שטיי אויפן ראָג און פּאַלג נאָך די יום־טוב'דיקע פּראָ־צעסיע. איז וואָער מיינט איר, גייט פאַראויס אין דעם פּאַראַד, אנגעטאָן אין אַ לאַנגן שוואַרצן פראַק, מיט אַ צילינדער־הוט אויפן קאָפּ, מיט אַ גראָבן שטעקן אין האַנט, דעם קאָפּ פאַרריסן אַרויף, און אַנגעבלאָזן ווי אַן אינדיק? טאָקע מיין ליבינקער אַדוואָקאַטל, מיין צאַצקעלע . . .

אַ פריילעכער געלעכטער האָט זיך געלאָזט הערן פונעם ווינקל מיט די פיר מיידלעך. אַזוי האָט פאַרענדיקט איר לעבנס־געשיכ־טע מאַדעמואַזעל פּאַרטען.

:: :: ::

דער קליינער דזשעז־אָרקעסטער האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים. די טאַנצנדיקע פּאַרלעך האָבן זיך געדרייט אין אַ שווינד־לענדיקן קאַראַהאָד. אַ קעלנער האָט אונטערגעטראָגן אויף אַ טאַץ פאַרשיידענע געטראַנקען און צובייסנס. מאַדעמואַזעל לאַראָז, האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזל וויין, און ווענדנדיק זיך צו אירע חבר'טעס, האָט זי אויסגערופן:

— מיט מיר איז געשען אַ פאַרקערטע צרה. מיין פּאַטער איז שוין געווען צופיל גוט. ווי נאָר איך בין אויפגעוואַקסן, האָב איך זיך פאַרליבט אין מיין פּאַטער. שוין זייענדיק אַ גרויסע מיידל פלעג איז אין די זונטיקס, ווען אַלע מיידלעך גייען אין

גאס שפּאַצירן און זען זיך מיט מענטשן, פּלעג איך זיצן אין הויז, און זיך צוהערן מיין פאָטער׳ס שפּילן פידל. איר האָט באַדאַרפט אים הערן שפּילן. אַ חוץ דעם איז ער געווען אַזאַ וואונדערלעכער שיינער מאַן, אַ הויכער מיט אַ קאָפּ געדיכטע שוואַרצע האָר, שטענדיק מיט אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן, פּלעגט ער יעדן מאָל ווען כ׳פּלעג זיך נעמען אַנטאָן, אַרויסצוגיין אין גאַס, איינ׳טענה׳ען מיט מיר: „פאַרבלייב אין הויז, איך וועל שפּילן פאַר די „אַווע מאַריאַ״, „אַליועטאַ״, „וויוו פאַריזיען״ א. א. וו.״ פּלעג איך שוין פאַרבלייבן אין הויז.

— די מוטער אונזערע, האָט געקרענקט גאַנצע צען יאָר. איך בין געווען די איינציקע אין הויז, פאַרבליבן ניט פאַרהייראַט, און געמוזט אַכטונג געבן אויף איר. זי איז געשטאָרבן יונג, אין אירע פערציקער יאָרן. אין אירע לעצטע גסיסה־ווייען, האָט זי מיך באַשוואוירן, איך זאָל גוט אַכטונג געבן אויפן פאָטער. און אַזוי זיינען דורכגעלאָפן מיינע יונגע יאָרן. פאַר דער צייט איז דער פאָטער געוואָרן אַלט און קראַנק. ער איז אַ בלעכער. אַר־בעטנדיק איינמאָל אויף אַ דאַך, איז ער אַראָפּגעפאַלן, און פון דאַן אָן קרענקט ער. שוין קוים וואָס ער קאָן עפּעס אויסשפּילן אויף זיין באַליבט פידעלע.

— אָבער, ווי פאַנטאַסטיש און טראַגיש ס׳איז די שפּיל פון לעבן!

— פאַר די לעצטע צען יאָר, האָבן זיך פאַרליבט אין מיר, דריי בחורים. און וואָלט איך מיט וועמען פון די דריי פון זיי, געווען געהייראַט, וואָלט איך, היינט־צו־טאָג, געווען אַ יונגע אַלמנה, אַנשטאָט אַן אַלטע מויד . . .

דער ערשטער געליבטער מיינער איז געווען זייער אַ פיינער בחור פון אַ זייער חשוב׳ער משפחה, האָט מען אים צוגענומען אויף מלחמה, און ער איז שוין צוריק ניט געקומען. אָרעמער, גאָס־טאַן מיינער!

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, פאַרליבט זיך אין מיר איינער, וועמעס אַפּשטאַמונג איז פאַר מיר ניט געווען קלאָר. ער איז געווען אַ טונקל־הויטיקער, ווי אַ מולאַטאָ. נאָך ביז היינטיקן

טאג געדענקט ער זיך מיר, ווי עפּעס אַ געהיימע רעטעניש.

ער האָט מיך איינמאָל אַרויסגענומען צו אַ פּלאַץ, וואָס ער האָט גערופן „גאָטס הויז״. עס איז געווען אין אַ גרויסן זאַל, אין אַ פּרעכטיק הויז, אין רייכן געגנט פון שטאָט. ער האָט באַלאַנגט ווי ער האָט מיר דערקלערט, צו אַ רעליגיעזער סעקטע „באַהאי״. דער זאַל איז געווען פול מיט מענער און פרויען פון פאַרשיידענעם עלטער און פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. אַן עלטערער מאַן האָט געפּריידיקט לאַנג און מאַנאָטאָן וועגן גאָט, וועגן דער מענטשהייט, אָבער איך האָב זייער ווייניק פאַרשטאַנען פון זיין רעדע. אין אַלגעמיין איז מיין נייער געליבטער געווען אַ גאַנץ ליבלעכער מענטש. מיט זיין שמייכל און זיינע קלוגע, שוואַרצע אויגן האָט ער מיר שטאַרק דערמאָנט אין מיין פאָטער. און איך האָב אים טאַקע זייער ליב געקראָגן.

— און שטעלט אייך פאָר, איינמאָל, דריי אַזייגער באַנאַכט, איך ליג אין בעט, און דער שלאָף נעמט מיך ניט. פּלוצים, דער טעלעפאָן קלינגט. איך שפּרינג אַראָפּ . . . „העלאָו!״ דאָס איז מיין געליבטער . . . פונוואַנעט האָט ער געוואוסט, פרעג איך אים, אַז איך בין וואַכעדיק? — „זעסטו דאָך, מיר האָט, זאָגט ער, מיין האַרץ געזאָגט, אַז דו שלאָפסט נישט, און אַז דו טראַכסט וועגן מיר״, וואָס אַזוי איז דאָס טאַקע געווען.

— געאַרבעט האָט ער פאַר דער „בעל טעלעפאָן קאָמפּאַני״, אין איינעם אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן, ווען ער האָט זיך געפונען אויפן שפּיץ פון אַ הויכן טעלעפאָן־סלופּ, אין אַ קנויל פון עלעקטרישע דראָטן, איז ער אַראָפּגעפאַלן און דער׳הרג׳עט געוואָרן.

— צו זיין לוויה האָט איך אָנגעטאָן אַ שוואַרצע קלייד, און טאַקע בײַ דער לוויה זיינער, האָב איך זיך שטאַרק אַנטוישט אין אים . . . צווישן דעם גאַנץ גרויסן עולם, האָבן מיר זיך געוואָרפן אין די אויגן זייער פיל מיידלעך אָנגעטאָן אין שוואַרצן. ווען איך האָב איינער אַזאַ אַ פרעג געטאָן, וועגן איר קרובה׳שאַפט מיטן פאַרשטאָרבענעם, האָט זי זיך פאַנאַדערגעוויינט, און געזאָגט, אַז ער איז געווען, איר לאַנג־יאָריקער געליבטער.

אַ פּאָר יאָר נאָכדעם, איז מיר באַשערט געווען צו פאַרליבן זיך אין אַ קצב. שוין געווען אַן עלטערער בחור, אָבער זייער אַ

וואוילער. מיר זיינען שוין ארומגעגאנגען צוזאמען אז ערד א פולן יאר און שוין כמעט ווי באשלאסן חתונה צו האבן. קומט ער אריין איין פרימארגן צו דער ארבעט, וויל אנטאן זיין ווייסן פארטוך, אז ער גיט א פאל אוועק . . . און מ׳הויבט אים שוין אויף א טויטן . . .

— א לאנגע צייט האב איך אים באוויינט און געטרויערט נאך אים. איך צווייפל שטארק, צי וועלכע עס איז אלמנה, טרויערט אזוי נאך איר מאן ווי איך האב געטרויערט נאך אט־דעם דריטן געליבטן מיינעם . . . איז צוליב דעם זאג איך, אז ווען איך וואלט געהייראט סיי וועמען פון די דריי געליבטע מיינע, וואלט איך געווען א יונגע אלמנה, אנשטאט אז אלטע מויד, ווי איר קאנט מיך איצט . . .

אזוי האט פארענדיקט מאדעמואזעל לאראז איר געשיכטע.

נאך א לענגערן שטיל־שווייגן, האט מאדעמואזעל מארגארעט לאבעל זיך אפגערופן: „זאל דיך גארנישט ארן, וואס דו ביסט געבליבן אן אלט מיידל! אט נעם א ביישפיל פון מיר. איך שעץ מיך גאר גליקלעך, וואס איך טייל ניט דעם שיקזאל פון אנדערע, פארהייראטע פרויען". און מאדעמואזעל לאבעל דערציילט:

— צוויי שוועסטער האב איך, ביידע פארהייראט. ביידע זיינען שטארק קראנק געווארן אינגיכן ווי זיי האבן חתונה געהאט. בא איינער האלט זיך ניט קיין קינדער. אין משך פון די זעקס יאר זינט איר חתונה, האט זי געבוירן — און אין עטלעכע מאנאטן ארום באגראבן זעקס קינדער. ס׳איז פון איר געווארן א סקעלעט, א שטן פון א מענטשלעכן געשטאלט. די צווייטע שוועסטער, קאן אינגאנצן קיין קינדער ניט האבן.

גלויבט מיר, אז זיינען מיך זייער מקנא, וואס איך ווייס נישט פון אזוינע צרות.

— און ניט נאר מיינע שוועסטער אליין. איך האב א באקאנטע, איז זי פאראייראט. איר מאן איז א מאשיניסט־מעכאניקער. די ארעמע פרוי איז בא אים ווי א געפאנגענע אין א תפיסה. ווי איך האב געקאנט די פרוי, — ווען זי איז נאך געווען א מיידל — איז זי געווען פול מיט לעבן. אבער איצט וואלט איר באדארפט זען, וואס פון איר איז געווארן.

באַלד נאָך זייער חתונה האָט ער זיך איינמאָל דערוואוסט, אַז זי האָט באַזוכט באַטאַג אַ מואווי . . . האָט ער איר גוט אָנגעשלאָגן און איר פאַרזאָגט, אַז זי זאָל אינערגעץ מער ניט אַרויסגיין. ווי נאָר ער קומט אַהיים פון דער אַרבעט, עסט ער אָפּ, טוט זיך אָן די „אָוועראָלס" (אַרבעטס־קליידער) און אַרבעט־אָפּ אין בעיסמענט (קעלער) ביזוואַנען ער גייט שלאָפן . . . עפּעס אַ ריכטיקער משוגע'נער . . . נאָר געאַרבעט, סיי אינדערוואָכן, סיי זונטיקס. די אָרעמע פרוי, נעבעך, טוט קיינמאָל ניט אויס איר פאַרטעך, זעט ניט אָן די ליכטיקע וועלט. דערצו, האָבן זיי קיין קינדער אויך נישט . . .

:: :: ::

דער סאַקסאָפאָן, געבלאָזן פון אַ דיקן מאַן, האָט פאַרהילכט די לופט פונעם טאַנץ־זאַל. אין צוגאָב צום טומל פונעם סאַקסאָפאָן, האָט נאָך מער אימפּעטיקער זיך געלאָזט הערן דאָס קלאַפּן פון דעם גרויסן, בייכיקן פויק. די איינציקע פידל, האָט קוים באַוויזן אָנצוזאָגן מיט אירע באַשיידן־וויבּרירנדיקע טענער, די פּאָר אָנגעבלאָזענע רוישנדיקע אינסטרומענטן.

די עלטערע פּאָרלעך זיינען געזעסן אויף די שמאָלע בענק, האַרט בײַ דער וואַנט. זיי האָבן מיט די אויגן נאָכגעפאָלגט די אינגערע פּאָרלעך, וואָס האָבן זיך נאָך גאַנץ לעבעדיק געדרייט אינעם טאַנץ.

אונזער פילאָזאָפיש־געשטימטע מאַדעמואַזעל לאַבעל, האָט פאַרגעזעצט אירע פאַרניכטנדיקע באַאָבאַכטונגען, וועגן דער אינסטיטוציע — „פאַרהייראַט לעבן".

— אָט איז טערעזע'ס פאָטער. שוין לאַנג ווי ער וואוינט ניט מער מיט איר מוטער. נאָך אַ פיינקייט פון אים, וואָס ער איז געקומען צו דער חתונה.

— אָט דרייען זיך דאָרט אַרום צוויי פּאָרלעך. אָט יענער קורצער און דאַרער. מ'רופט אים באַרבאַט, איז באַוואוסט אַלס אַ גרויסער שיכור. ער איז טערעזע'ס אַ קוזין. די פרוי מיט וועלכער ער טאַנצט איז ניט זיינע . . . דער חברה־מאַן האָט

אפגעלעבט מיט זיין פרוי אַ קנאַפּע דריי יאָר, האָבן שוין געהאַט אַדאָפּטירט אַ קינד (ווייל די פרוי האָט זייער געוואָלט האָבן אַ קינד אין הויז). איינמאָל, אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט, איז ער געקומען אַ שיכור'ער אַהיים, האָט ארויסגעטריבן זיין פרוי צוזאַ־מען מיט דער בעיבי אין קאַלטן, פראַסטיקן דרויסן. די אָרעמע פרוי האָט נעבעך געדאַרפט רופן אירן אַ ברודער, אַ טראַק־דראַי־ווער, וועלכער האָט זיי אַריינגענומען אויף זיין טראַק, און זיי געבראַכט צו פירן צו אירע עלטערן אין הויז. די בעיבי איז אינ־גיכן געשטאָרבן. די פרוי האָט זיך אָפּגעזוכט עפּעס אַן עלטערן מאַן, מיט וועמען זי לעבט איצט.

— אָבער אַ מאָדנע זאַך איז מיט אונז, נאַרישע פרויען! אָט־דער ערשטער מאַן אירער, „באַרבאַט דער שיכור", ער קומט נאָך אַריין צו איר, פון צייט־צו־צייט, ווען דער אַלטער איז בײַ דער אַרבעט. ער קומט צו איר דאַן, ווען ער איז הונגעריק ווי אַ הונט, און האָט ניט קיין סענט בײַ דער נשמה און זי, דער נאַר, גיט אים אָפּצועסן און לייגט אים נאָך אַריין עטלעכע דאָלער אין דער קעשענע.

— גיי באַגרייף, וואָס דאָ טוט זיך?! אָבער איך האַלט זיך בײַ מיינס: איידער אַזעלכע פאַרהייראַטע לעבנס, איז שוין פיל בעסער צו זיין אַן אַלטע מויד . . . נייַן, עס אַרט מיך גאָרניט, וואָס איך בין געבליבן אַזאַ ווי איך בין, אַן אַלטע מויד.

אַ קעלנער האָט נאָכאַמאָל צוגעטראָגן אַ פולן טאַץ מיט מיט פאַרשיידענע געטראַנקען און נאַשערייען.

„מיידלעך", רופט אויס מאַדעמואַזעל פאַרטען, „לאָמיר איצט הערן, וואָס פעני האָט אונז צו דערציילן".

פעני איז געזעסן שטאַרק פאַרטראַכט, מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויי־גן דערט צום דיל. ענדלעך האָט זי אָנגעפאַנגען.

מיינע טייערע פריינט! איר האָט אַלע געהערט וועגן דעם, ווי איר זייט אַמאָל געווען יונג און שיין. גלייבט מיר, אַז ווען איך טו אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל טראַכט איך בײַ זיך, אַז שיין בין איך אוודאי קיינמאָל ניט געווען, אָבער מיר גלייבט זיך אַפילו נישט, אַז איך בין ווען עס איז געווען יונג. אין איין זאַך בין איך

יאָ זיכער, און דאָס איז, אַז איך בין אַמאָל געווען אַ זייער גרויסער נאַר . . .

— איך זאָג דאָס אָקעגן מיינער אַ ליבע, וואָס איך האָב געפירט מיט איינעם אַ מאַן, אין יענע אַמאָליקע יאָרן. עס איז געווען אַ זייער אויסערגעוויינלעכע ליבע. מיין געליבטער איז שוין געווען אַ פאַרהייראַטער מאַן און אַ טאַטע פון אַ קינד, אַ מיידעלע, אָבער דערוואוסט האָב איך זיך וועגן דעם, אַביסל שפּע־טער . . .

— דאָס איז געווען מיט לאַנגע יאָרן צוריק, ווען איך בין אַלט געווען ניט מער ווי 21 יאָר. איך האָב געוואוינט דאַן מיט מיין מוטער און אַ פאַרהייראַטע שוועסטער אין טאָראָנטאָ. אונ־זער פאָטער איז געשטאָרבן זייער יונג, און מיר אַלע האָבן געאַר־בעט אין די פאַרשיידענע סוועט־שעפּער פון יענע צייטן.

— עס איז געווען אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען איך בין געזעסן בא דער ניי־מאַשין און געאַרבעט, איז צוגעקומען צו מיר דער פאָרמאַן מיט אַ „גרינעם" בחור, און בעט מיך, איך זאָל וויזן דעם „גרינעם" ווי צו אַרבעטן אויף דער מאַשין, וואָס איז גע־שטאַנען צו דער רעכטער האַנט פון מיר. און, ווי איר קאָנט מיך שוין, אַלס די „גוטע נשמה" וואָס איך בין, האָב איך זיך באַלד אַ נעם געטאָן צו מיין „גרינעם" בחור, און אָנגעהויבן אים צו מושטירן, ווי אַנצוגיין מיט דער מאַשין. עס האָט לאַנג ניט גע־נומען, און ער האָט שוין געקאָנט אַרבעטן אַזוי גוט ווי איך.

— איך דאַרף זאָגן, אַז אַ חוץ אַלעמען, איז ער מיר טאַקע פונעם ערשטן טאָג אָן, זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער איז געווען זייער אַ שיינער, האָט אויסגעזען צו זיין ניט מער ווי אַ יאָר דריי־און־צוואַנציק, אַ יונגיטשקער פּנים אַזאַ, מיט קיילעכדי־קע ווייסע באַקן. סוף וואָד האָב איך אים איינגעלאָדן צו זיך אין הויז אַריין, באַקענט אים מיט מיין מוטער, שוועסטער און שוואָגער. אָבער איך האָב באַלד באַמערקט אין זיין האַלטונג, עפּעס אַ מאָדנע באַציאונג צו מיר. די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט בא אונז אין הויז, האָט ער נאָר גערעדט מיט מיין שוואָגער. וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט, געדענק איך שוין

נישט. דוכט זיך, זיי האָבן אָפט דערמאָנט דאָס וואָרט „ציון”, מיין שוואָגער איז געווען אַ הייסער ציוניסט.

— דער „גרינער”, וואָס האָט געהייסן אייבי, האָט בײַ אונז פֿאַרבראַכט עטלעכע שעה, האָט זיך זייער העפֿלעך אָפּגעזעגנט מיט אונז, צוזאָגנדיק ווידער צו קומען דעם קומענדיקן זונטיק.

— אַזוי ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט אונז דער שוואָגער געמאָלדן, אַז אייבי איז אַ פֿאַרהייראַטער מאַן און אַ פֿאָטער פֿון אַ קינד. אוודאי האָט עס מיר שטאַרק פֿאַרדראָסן.

— אין דעם זעלבן יאָר איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. רוסלאַנד, אייבי׳ס געבורטס־לאַנד, איז געוואָרן אָפּגעשניטן פֿון אַמעריקע. ער האָט אונז באַזוכט יעדן זונטיק. צוליב דער מלחמה האָט ער אויפֿגעהערט צו הערן פֿון זיין ווייב און קינד. איר וועט דאָך געווייס ניט גלייבן, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז נאָכדעם ווי איך האָב שוין געוואוסט, אַז אייבי איז אַ פֿאַרהייראַטער מאַן, האָב איך דאָך זיך געפֿילט מיט אים אַזוי, ווי ער וואָלט געווען דער אמת׳ער געליבטער מיינער. שולדיק אין דעם איז אויך געווען מיין שוואָגער, וועלכער האָט זיך שטאַרק באַפֿריינדעט מיט אייבי׳ן. זיי פֿלעגן אָפּזיצן שעה׳ן צוזאַמען און אַלץ ריידן וועגן ציוניזם, וואָס איז דאַן געווען דער געשפּרעך פֿון טאָג בײַ פֿיל אידן. מיין שוואָגער פֿלעגט מיר איינרעדן, אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט אייבי סיי־ווי, ניט באַמיען זיך אָראָפּצוברענגען זיין פֿאַמיליע פֿון אייראָפּע; אַז ווען ער האָט געהייראָט איז ער געווען זייער יונג; און האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס ער טוט; אַז איצט האָט ער חרטה, אַזוי ווי עס טרעפֿט זיך, מיט פֿיל אַנדערע „גרינע” יונגערמאַנטשיקעס . . .

— פֿאַר גאַנצע פֿינף יאָר צייט בין איך אַרויסגעגאַנגען מיט דעם אייבי׳ן. און שטעלט זיך פֿאָר, ווי איך האָב געפֿילט, ווען אין איינעם אַ פֿרימאָרגן, זאָגט מיר אייבי אַן, אַז זיין פֿרוי איז געקומען צו אים פֿון אייראָפּע, און אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן נאָך מיט דריי יאָר פֿריער. צוליב דעם, וואָס דאָס קינד איז נישטאָ, פֿילט ער זיך שטאַרק אַנטוישט און צעבראָכן . . .

— בין איך שוין אַ גאַנצע נאַכט געלעגן אין בעט און געוויינט.

— אבער אַ מאָדנע זאַך! נאָכדעם ווי איך האָב זיך גוט אויסגעוויינט, האָב איך זיך אָנגעהויבן טרייסטן, און בארואיקן זיך, מיט מיין באוואוסטזיין, אז ענדלעך, איז אייבי שוין אין זיין אייגענער היים, מיט זיין ווייב, וועלכע איך האָב זיך פאָרגע־שטעלט, מוז זיין זייער אַ שיינע און גראַטענע. נאָך אַלעמען, האָב איך געטראַכט, — ווי קום איך צו אים, מיט מיין אבשיילעך מיאוס׳ן פנים, מיט מיין ווייניק געבילדעטן קאָפּ? פאַרגעסט נישט, אז מיין מוטער האָט מיך אַרויסגענומען פון סקול צו 12 יאָר, און מיר אוועקגעשיקט אַרבעטן.

— איז אָט, באוויינענדיק פון איין זייט, מיין אייגענעם שיק־זאַל, און טרייסטנדיק זיך פון דער צווייטער זייט, מיט דעם, וואָס אייבי איז ענדלעך איינגעאָרדנט אין זיין היים, גיי איך איינמאָל אַ זונטיק באַטאָג פאַר אַ שפּאַציר, און באַגעגן מיין אייבי׳ן צוזאַ־מען מיט אַ שרעקלעך מיאוס׳ער פרוי, פיל עלטער פון אים . . . גייענדיק, הער איך ווי די פרוי זידלט אים מיט די שמוציקסטע ווערטער, וואָס אַ מויל קאָן נאָר אוסרעדן. מיין אָרעמער אייבי איז געגאַנגען מיטן קאָפּ נידעריק געבויגן צו דער ערד. איך האָב אפילו ניט געוואָגט צוצוגיין נעענטער צו זיי. אַ שווינדער און שרעק האָט מיך באַפאַלן פון דעם קוויטשן פון דער דאָזיקער פרוי. איך בין שנעל אוועק אַהיים, אַריינגעוואָרפן זיך אין בעט, און אָפּגע־וויינט מיט ביטערע טרערן, דעם רעשט פונעם זונטיק, און אַ גאַנצע נאַכט, ביז מאָנטיק אינדערפרי.

ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אין שפּיגל יענעם פרימאָרגן, האָב איך זיך אַליין ניט דערקענט. אַ גאַנצע זשמעניע גרויע האָר האָט זיך באוויזן אויף מיין קאָפּ . . . האָב איך דאַן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן טאָראָנטאָ, און האָב זיך באַזעצט אין מאָנטרעאַל.

— —

„אזוי זיינען מיר אַלע געווען נאַריש אין די יונגע יאָרן, דו ביסט ניט די איינציקע אויף דער וועלט", האָבן אָנגעהויבן טרייסטן פעני׳ן די אַנדערע דריי מיידלעך.

:: :: ::

דער זייגער האָט שוין געוויזן דריי בייטאָג.

איבערן זאַל האָבן זיך דערהערט אויסרופן: דער לעצטער

טאַנץ! — די „מערי גאָ ראַונד" — אַלע אין ראָד אַריין! קומט אַלע אין ראָד אַריין! אין גרויסן ראָד אַריין — צו דעם לעצטן טאַנץ!

די פיר מיידלעך האָבן זיך אויפגעהויבן און זיך אַנגעשלאָסן, אין דעם גרויסן ראָד, פונעם לעצטן טאַנץ.

די כלה מיטן חתן האָבן זיך מיט אַלעמען אָפּגעזעגנט, און זיינען אַוועק אויף זייער „האָני מון" (האָניק־חודש). ווי פיל אַנדערע פּאָרלעך זיינען אויך טערעז מיט איר באַשערטן, אַוועק פאַרברענגען זייער „האָני מון" בא די ניאַגאַראַ וואַסער־פאַלן, פון די זיבן וואונדערס פון דער וועלט, מיט וואָס די קאַנאַדער מענטשן זיינען אַזוי שטאָלץ.

צוויי אלמנות

געדענקט איר, טורגענעוו׳ס הארציקע פּאָעמע „נאָ פּאָראָגע״
— אויפן שוועל?

— אַ יונגע פרוי פון אַ רוסישער, רייכער משפחה, איז פאַר־משפּט געוואָרן צו אַ לאַנגן תפיסה־טערמין צוליב אירע רעוואָלו־ציאָנערע טעטיקייטן.

שטייענדיק אויף דער פרייער זייט פון תפיסה־שוועל, ברומען אין אירע אויערן צוויי דרינגענדיקע שטימען.

איין שטימע זאָגט:

„קאָנסט זיך נאָך העלפן, אַלץ וואָס דו דאַרפסט טאָן, איז אָפּ־זאָגן זיך פון דיין אידעאַל, גיב־אַרויס דיינע חברים, די מיטאַרבע־טער, פאַרראַט זייער צוטרוי, און דו ביסט אַ פרייער מענטש. וועסט חתונה האָבן פאַר אַ רייכן פּריץ, און וועסט געניסן רייכ־טום און גליק אין דיין פּריצ׳ישן לעבן״.

די צווייטע שטימע זאָגט אָבער:

„טו דאָס נישט! זיי שטאַרק ווי אייזן. מיטן אָפּפּערן דיין לעבן פאַרן אַרבעטער־פאָלק, וועסטו פאַרצייכענען אַ גאָלדן בלאַט אין דער ליטעראַטור געשיכטע פון מיליאָנען נאָבעלע הערצער, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף פאַר דער ענדלעכער באַפריי־אונג פון דער מענטשהייט. וועט דיין נאָמען דערמאָנט ווערן אויף דורות־לאַנג, מיט גרויס ליבשאַפט אויף אַלעמענס ליפּן״.

די צווייטע שטימע האָט געוואונען איר נאָבעלע האַרץ! מיט אַ געהויבענעם קאָפּ האָט זי איבערגעטראָטן די תפיסה־שוועל.

:: :: ::

צוויי אַרבעטער־פירער האָבן געוואוינט אין דער זעלבער שטאָט, אין דער זעלבער צייט.

זיי האָבן אָנגעפירט מיט אַ סטרייק.

אין איין טאָג האָבן די באַלעבאַטים אַריינגערופן אַפריער איינעם, נאָכדעם דעם צווייטן פון די צוויי אַרבעטער־פירער. די באַלעבאַטים האָבן אָנגעבאָטן אַ גרויסע באַלוינונג פאַר צוריקרופן דעם סטרייק.

דער ערשטער האָט געענטפערט: „קיינמאָל!, איך וועל ניט פאַרראַטן מיין אידעאַל!״.

אָבער דער צווייטער האָט געזאָגט: „איך בין וויליק״.

א ברודער־קאַמף האָט זיך אויף צומאַרגנס צעפּלאַקערט איז די רייען פון די סטרייקנדיקע אַרבעטער.

די אַלטע, די מוטלאָזע פון זיי, האָבן אויפגעגעבן דעם קאַמף, די יונגע און דרייסטע האָבן פאַרגעזעצט דעם סטרייק.

דער פירער־פאַררעטער האָט געשטייגט מיט יעדן טאָג אויפן לייטער פון מאַטעריעלן וואוילזיין. פּאָליטישנס האָבן אים אַריינגענומען אַלס זייערס גלייכן. ער האָט דערוואָרבן רייכטום. זיין פאַרמעגן האָט זיך געציילט אין די שווערע טויזנטער.

דער צווייטער האָט אין דער זעלבער צייט געליטן אָרעמקייט און נויט. ער האָט געטיילט דעם שיקזאַל פון זיינע חברים אַרבעטער.

נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט איז ער אוועקגעשטאָרבן פאַר דער צייט.

אין אַ קורצער צייט, איז אויך דער רייך־געוואָרענער פירער־פאַררעטער געשטאָרבן.

דער טויט מאַכט ניט קיין אונטערשייד. ער נעמט אַריין אַלעמען גלייך . . . זיינען געבליבן צוויי אלמנות.

די אלמנה פונעם פאַררעטער איז באַזאָרגט: זי באַוואוינט אַ גרויסע הויז פון זיבן חדרים, אין באַנק האָט זי אַ פאַרמעגן מיט געלט, אָבער איר לעבן איז איינזאַם און טרייסטלאָז; קיין פריינט, קיין קרוב. אירע רייכע קינדער זיינען צופיל פאַרנומען מיט זייער לוקסוס־רייכן לעבן, עס בלייבט זיי ניט קיין צייט צו באַזוכן, אַמאָל כאָטש, זייער מוטער, די אלמנה.

די אלמנה פון דעם געטרייען אַרבעטער־פירער, איז געבליבן אָן קיינע מיטלען צום לעבן. זי איז באַלד נאָך איר מאַנס טויט אוועק אין שאַפּ אַרבעטן. זי באַוואוינט אַ קליין, באַשיידן צימער אין אַ הויז פון אַן אַרבעטער־פאַמיליע. די ווענט פון איר צימער זיינען באַצירט, פון איין זייט פענצטער מיטן בילד פון דעבס און פון דער צווייטער זייט מיטן בילד פון אַלגין. איבער איר בעט שטראַלט אַראָפּ דאָס געזיכט פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. איר פרייע צייט גיט זי אָפּ דער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר וועלכער איר נאָבעלער מאַן האָט אוועקגעגעבן זיין לעבן

אין דער זעלבער צייט, אין דער זעלבער שטאָט וואוינען צוויי אלמנות . . .

אין אַ קאָונטרי הויז

א

א הייסער זומערדיקער שבת־פרימארגן. איזי איז ארויף אויפן סאמע שפּיץ בארג, וואס איז געלעגן ניט ווייט פון שטוב און האט טיף אריינגעאטעמט די ריינע און פרייע לופט. די סאסנע בוימער מיט זייערע געדיכטע גרינע צווייגן האבן געשפּרייט א קילן שאטן. מיט א צייטונג אין האנט האט זיך איזי אויסגע־לייגט אונטער א בוים.

עס איז ריכטיק אפּנים, וואס דער דאקטאר האט אים געראטן, אז פרישע בארג־לופט וועט זיין גוט פאר זיינע לונגען. „נאך גוט — האט ער געטראכט, — וואס מען קאן קריגן א קאונטרי־הויז אזוי ביליק, אינגאנצן הונדערט דאלער. אמת, הארט אין שכנות מיט זיין קליינער הייזקע שטייט א גרויסע הויז, אין וועלכער עס וואוינט זייער א רייכער מאן, א מיסטער מאקס גאלדמאן. דער פארמער, מוסיע בילעיר, האט אפילו פארזיכערט איזי'ן, אז ער קאן אומגעשטערט פארברענגען אויפן שפּיץ בארג אין די שאטנס פון די סאסנע בוימער — „אטעמען פרייע לופט, ווער קאן עס אייך שטערן?” אזוי האט דער פארמער פארזיכערט איזי'ן, ווען ער האט געדונגען בא אים פארן זומער, די קליינע הייזקע, וועלכע איז געשטאנען אנגעשפּארט אן דער גרויסער הויז וואס ער האט פארדונגען פאר א גוטער פּרייז צום מיסטער גאלדמאן. איז ער, איזי, דאס ארויסגעקומען מיט זיין יונגער פרוי סערא און זייער פיר־יאריק טעכטערל, דעם ערשטן שבת, צו געניסן (לויט דער עצה פון דאקטאר) די פרישע און געזונטע דארפישע לופט.

אוודאי, לויט די פארדינסטן זיינע, האט ער עס גארנישט געקאנט באווייזן, אבער זיין סערא איז צו אים צוגעשטאנען און איינגערעדט, אז א דאנק אירע פארדינסטן פון מאכן קינסטלעכע בלומען — אן ארבעט, וואס זי טוט אין דער היים — וועלן זיי, ווי עס איז קאנען באווייזן צו באצאלן די הונדערט דאלער.

האט סערא טאקע מיטגעבראכט מיט זיך אין קאונטרי־הויז, א גאנצן פּאק מיט אנגעשניטענע שטיקער זייד, און סאמעט פון פארשיידענע בונטע קאלירן. באלד נאך פרישטיק האט זי זיך באקוועמלעך ארויפגעזעצט אויפן גאנעק און אנגעפאנגען שנעל צו פלעכטן, אויף דינע גרינלעכע דראטן, די פיל־קאלירנדיקע שטי־

קער מאַטעריאַלן. אַזוי ווי דורך אַ כישוף זיינען די שטיקער זייד און סאַמעט, באַרירט מיט אירע צויבער־פינגער, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואונדערבאַרע שיינע בלומען.

אויפהויבנדיק אירע אויגן, האָט סעראַ דערזען, ווי אַ פרוי אין אַ רויטן שלאָף־ראָק קוקט אויף איר דורך דער שכנות׳דיקער גלעזערנער טיר. אָבער ווי נאָר סעראַ האָט אויף איר אַ קוק געגעבן, איז זי געשווינד אַריינגעלאָפן אין הויז אַריין, און באַלד טאַקע, האָט זי פון דער אָפענער טיר דערהערט אַ געדרעריי און אַ געטומל. סעראַ האָט בלויז אויפגעכאַפּט דער פרוי׳ס שטימע, טענה׳דיק: „דו ווייסט, מאַקס, עפּעס האָבן זיך באַזעצט באַ אונז אין שכנות אַ בינטל שנאָרערם אַרבעטער". אויף דעם מאַנ׳ס פראַגע — „פונוואַנען ווייסטו, אַז דאָס זיינען אַרבעטער?" ענטפערט די פרוי: „וואָס הייסט, איך האָב דאָך ערשט אַליין געזען, ווי אַ פרוי דאָרטן, זיצט און מאַכט פאַרטיק עפּעס אַן אַרבעט, דער רוח ווייסט איר, וואָס עס איז אַזוינס".

ב

אַזוי ווי איזי איז געלעגן אונטערן בוים, זיין פּנים פאַרדעקט מיט אַ צייטונג, האָט ער דערהערט אַן אויסגעשריי פון אַ מאַן, „געט אויס, יו דוירטי בעגער!, האָסט ניט קיין ביזנעס צו זיין אויף דעם פּלאַץ, דו פּאַסקודנער שנאָרער! אַראָפּ פון דאַנען און טאַקע שנעל אויך!" און ניט וואַרטנדיק לאַנג האָט ער אַ ריס געטאָן די צייטונג פון איזי׳ס הענט און גענומען עס טרעטן מיט זיינע גראָבע פיס.

איזי האָט זיך אַ געפּלעפּטער האַסטיק אַ הויב־געטאָן פון פּלאַץ און אַראָפּגעלאָזט זיין פויסט אין דעם מאַנ׳ס פּנים אַריין. דער מאַן, האָט אַ וואָרף געטאָן איזי׳ן צום שטיינערנעם באַרג. בלוט האָט אַ שטראָם געטאָן פון איזי׳ס קאָפּ. אַ קוויטשעריי פון ווייבער און קינדער. מענטשן האָבן אָנגעהויבן אָנצולויפן. די דאָרפישע פראַנצויזן האָבן געשמייכלט: „אידן שלאָגן זיך" . . .

מאַנטיק אינדערפרי זיינען די צוויי אידן, איזי מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, און מאַקס גאָלדמאַן מיט אַ שוואַרצער אויג, געשטאַנען פאַרן פראַנצויזישן ריכטער, אַלס באַשולדיקטע אין

פאַראורזאַכן אַ געשלעג איבער דעם באַזיץ־רעכט פון דעם שטיי־נערנעם באַרג.

ווען דער אַלטיטשקער ריכטער האָט געפרעגט דעם פּאַרמער, מוסיע בילעיר, צי ער האָט געהאַט אַ געשריבענעם אָפּמאַך מיט זיינע צוויי אידישע שכנים, וועגן זייער רעכט צו באַנוצן זיך מיטן שטיינערנעם באַרג, האָט דער פּאַרמער דערקלערט, אַז עס איז אים גאָר נישט איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז אידן, זאָלן זיך גאָר שלאָגן איבער אַזוינע זאַכן. נאָך אַלעמען, דענקען דאָך מיר אַלע, אַז די אידן, זיינען איינס מיט דעם אַנדערן, אַזוי ווי אייגענע ברידער". אויף וואָס דער ריכטער האָט אים געזאָגט — „זעסטו, פאַר דעם וועל איך דיר גאָר ניט טאַדלען. אויך איך זעלבסט,, אַז אַלטער ריכטער, האָב געהאַט די זעלבע מיינונג וועגן די אידן, אָבער ווי עס ווייזט זיך אויס, האָבן מיר ביידע געהאַט דעם זעלביקן טעות. ווייזט־אויס, אַז קנאה־שנאה, איז אויך באַ זיי פאַראַן, אַזוי גוט ווי באַ אונז אַלעמען. עס איז מיר אַ שאָד, וואָס דיינע צוויי אידן, האָבן צעשטערט אונערביידנס וואוילע אילוזיע.

ארויסגעבנדיק זיין פּסק־דין, האָט דער ריכטער דערקלערט, אַז מאַקס גאָלדמאַן, ווי דער ערשטער וואָס האָט פאַראורזאַכט דעם געשלעג, ווערט באַשטראָפט מיט פינף־און־צוואַנציק דאָלער, אַ חוץ באַצאָלן די געריכט־הוצאות.

איזי׳ן האָט ער ארויסגעלאָזט אומבאַשטראָפט. אָבער צום שטיינערנעם שפּיץ־באַרג, איז ער שוין מער ניט געגאַנגען . . .

דעצעמבער 25, 1952

נומער זעקס און פופציק

פון סטיפען ליקאָק — אידיש: י. בעקער

וואָס איך דערציייל דאָ, האָט מיר איבערגעגעבן אין איינעם אַ ווינטער־אָוונט, מיין פריינט אַה־יען, אינעם קליינעם צימערל הינטער זיין וועשעריי. אַה־יען איז אַ שטילער, קליין־וואוקסיקער כינעזער, מיט אַן ערנסטן און שטענדיק פאַרטראַכטן פּנים, און מיט יענעם מעלאַנכאָלישן געמיט, וואָס איז אַזוי אָפט צו באַמערקן בא אַלע פון זיינע לאַנדסלייט. שוין זינט עטלעכע יאָר, ווי מיר האָבן זיך באַפריינדעט צווישן זיך, און ווי מיר פאַרברענגען אין די לאַנגע אָוונטן אין דעם טונקעלן צימערל הינטער זיין וועשעריי, רויכערנדיק אונזערע ליולקעס און טרוימענדיק אונזערע שטילע חלומות. איבערהויפּט האָט מיך צוגעצויגן מיין פריינט'ס זעלטענע פאַרשטעלונגס־קראַפט וואָס איז, ווי איך גלויב, די אייגנשאַפט פון די מזרח־נאַטורן, אַ דאַנק וועלכער ער האָט געקענט פאַרגעסן זיך אויף זיין געמיינעם באַרוף, און האָט זיך אַנשטאָט דעם, געקאָנט אויסלעבן אין אַ וועלט פון זיין אייגענער פאַרשטעלונגס־קראַפט. איך האָב זיך דערוואוסט ערשט דעם אָוונט וועגן וועלכן איך דערציייל דאָ, וואָס פאַר אַ שאַרפן אַנאַליטישן מוח מיין פריינט האָט פאַרמאָגט.

דער קליינער און טונקעלער צימער וואו מיר זיינען געזעסן האָט פאַרמאָגט גאַנץ ווייניק מעבל, אויסער אונזערע בענקלעך און אַ קליין טישל, אויף וועלכן מיר האָבן אָנגעפילט אונזערע ליולקעס און וועלכער איז געווען קוים באַלויכטן מיט אַ וואַקסענעם ליכטל. די בילדער אויפן וואַנט, זיינען געווען, אויסשניטן פון טעגלעכע צייטונגען, און וועלכע האָבן פאַרשטעלט די אָרעמקייט פון די ווענט. נאָר איין בילד האָט זיך אויסגעטיילט, אַ בילד געמאָלן דורך אַ האַנט מיט טינט און פעדער. דאָס פּנים איז געווען פון אַ יונגן מענטשן, אַ זעלטן שיינער פּנים, אָבער אַ שטאַרק פאַרטרויערטער.

שוין זינט אַ צייט ווי איך האָב געוואוסט, אפילו אומבאַשטימט ווי אַזוי, אַז מיין פריינט אַה־יען, האָט געטראָפן עפּעס אַן אומגליק, און אַז דאָס בילד פון דעם יונגנמאַן האָט אַ געוויסע פאַרבינדונג מיט יענעם אומגליק־צופאַל. אָבער איך האָב זיך אָפּגעהאַלטן צו פרעגן אים וועגן דעם, און עס איז געווען אין היינטיקן אָוונט, ווען איך האָב זיך דערוואוסט פון דער גאַנצער געשיכטע.

מיר האָבן גערויכערט אונזערע ליולקעס פאַר א געוויסער צייט אין שטיל־שווייגן, ביז וואַנען אַה־יען האָט פאַרפירט זיין געשפּרעך. מיין פריינט איז אַ קולטורעלער מענטש, איז באַלעזן, און זיין ענגליש איז פּערפעקט אין געבוי, אויסער וואָס זיין אויס־שפּראַך איז אַביסל צעצויגן, ווי עס איז דער פאַל מיט די מענטשן פון זיין לאַנד.

„איך זע — זאָגט ער, אַז דו באַטראַכסט דאָס בילד פון מיין אומגליקלעכן פריינט „זעקס און פופציק". איך האָב דיר נאָך קיינמאָל ניט דערציילט וועגן דעם פאַרלוסט פון מיין פריינט. און אַזוי ווי היינט איז גראָדע אַ יאָר נאָך זיין טויט, וואָלט איך טאַקע א בעלן געווען, צו רעדן וועגן אים אַביסל".

אַה־יען האָט זיך פאַרטראַכט. איך האָב פאַררויכערט אַ פרישע ליולקע, און האָב אַרויסגעוויזן מיין גרייטקייט אים אויס־צוהערן.

„איך ווייס נישט — האָט ער אָנגעפאַנגען — פּינקטלעך, אין וואָס פאַר אַ צייט „זעקס און פופציק" האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ אין מיין לעבן. איך וואָלט עס אפילו געקאָנט אויסגעפינען פון מיינע ביכער, אָבער איך האָב עס קיינמאָל ניט געטאָן. ווי צו אַלע מיינע קונדן, האָב איך אויך צו אים געשענקט גאַנץ ווייניק אויפמערקזאַמקייט, אפשר נאָך ווייניקער, ווייל דורך דער גאַנצער צייט פון אונזער פאַרבינדונג, האָט ער קיינמאָל אַליין ניט געבראַכט זיין וועש, נאָר געשיקט עס יעדן מאָל מיט אַ אינגל. אַזוי גיך ווי איך האָב איינגעזען, אַז ער ווערט איינער פון מיינע שטענדיקע קונדן, האָב איך אים אויסגעטיילט מיטן נומער „זעקס און פופציק", און האָב אָנגעהויבן צו אורטיילן וועגן זיין כאַ־ראַקטער. אינגיכן האָב איך שוין געקראָגן אַ געוויסע פאַרשטע־לונג וועגן די זייטן פון מיין אומבאַקאַנטן קונד. פון דעם אויס־וואַל פון זיינע וועש האָב איך געקאָנט זען, אַז אויב ער איז ניט קיין רייכער מאַן, איז ער אָבער פאַרהעלטניסמעסיק גוט איינ־געאָרדנט, אַז ער איז אַ יונגערמאַן פון גוטע קריסטלעכע זיטן, און אַז ער איז אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש. דאָס האָב איך גע־קאָנט אורטיילן לויט דעם, וואָס זיין אונטערוועש איז אַלעמאָל געווען פון דער זעלבער צאָל, וועלכע ער פלעגט אַריינשיקן פּינקט־

לעד יעדן שבת פאַרנאַכט, און פון דעם וואָס ער פלעגט בייטן נאָר איין אויבער־העמד אַ וואָך. אַז ער איז פון נאַטור אַ גאַנץ באַ־שיידענער, האָבן באַשטעטיקט די קאָלנערס, וואָס זיינען געווען נאָר 2 אינטשעס הויך".

איך האָב אָנגעקוקט אַה־יען פאַר'חידוש'ט. דער אַנאַליטי־שער אַרט־דענקען, איז מיר גראָדע באַקאַנט געווען, פון אַ ראָמאַן, געשריבן פון אַ זייער פאָפולערן שרייבער, אָבער איך האָב עס גאָרניט דערוואַרטעט פון מיין כינעזישן פריינט.

„ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל דערקענט" — האָט פאַרגעזעצט אַה־יען, „איז „זעקס און פופציק" געווען אַ סטודענט פון אַן אוניווערסיטעט. עס האָט אפילו גענומען אַ געוויסע צייט, ביז וואַנען איך האָב דאָס אויסגעפונען. און אויסגעפונען האָב איך עס פון דעם, וואָס איך האָב ניט געהערט פון אים פאַר די פיר זומער־מאָנאַטן, פון די אוניווערסיטעט־וואַקאַציעס, און אויך פון דעם, וואָס פאַר דער צייט פון די עקזאַמענס אין די אוניווערסי־טעטן זיינען אויף די מאַנזשעטן פון די העמדער געווען אויפ־געשריבן אַלערליי ציפערן, דאַטעס, און געאָמעטרישע צייכענונ־גען. איך האָב מיט נייגיר נאָכגעפאָלגט זיין אוניווערסיטעט־קאַריערע. פאַר די פיר יאָר צייט, וואָס איך האָב געוואַשן זיינע זאַכן, האָב איך געהאַט די פולע געלעגנהייט צו לערנען דעם דאָזיקן מענטשנס כאַראַקטער, אַזוי אַז איך האָב מיט דער צייט דער־פילט צו אים אַ טיפע ליבע און אַכטונג, און בין געוואָרן שטאַרק באַזאָרגט וועגן זיין דערפאָלג. איך האָב געטאָן אַלץ, וואָס איך האָב געקאָנט צו העלפן אים אין זיינע עקזאַמענס, און פאַר דעם צוועק, פלעג איך אָנקראָכמאָלן און אויספּרעסן די אַרבל פון זיינע העמדער ביז ווייט אַריבער די עלנבויגנס, אַזוי אַז ער זאָל האָבן גענוג פלאַץ וואו צו פאַרצייכענען די נויטיקע אינפאָרמאַציעס. מיין זאָרג פאַר אים דורך דער גאַנצער צייט פון עקזאַמענס קאָן מען גאָרניט איבערגעבן אין ווערטער.

אַז מיין פריינט „זעקס און פופציק" האָט דורכגעלעבט אַ טיפן קריזיס אין זיין אַקאַדעמישער קאַריערע, האָב איך זיך אָנ־געשטויסן פון דעם אויסזען פון זיינע נאַז־טיכלעך, וועלכע ער האָט אין זיין אויפרעגונג גענוצט פאַר ווישן די פּען אין די לעצטע

פארהערן פון די עקזאמענס. ווערליק זיין אויפפירן זיך, איז לייכט געווען נאכצופאלגן זיין מאראלישע אנטוויקלונג, וואס עס האט געפורעמט זיין כאראקטער, נאכדעם ווי ער האט געהאט געענדיקט זיין שטודירן. דאס אלץ האבן עדות־געזאגט זיינע צייכענונגען אויף די מאנזשעטן, וועלכע זיינען געווען באשריבן שוין ניט אזוי פיל, און נאר מיט אזוינע טערמינען וואס נאר גע־ציילטע קאנען זיי פארגעדענקען.

מיט א ציטערדיקער פרייד האב איך ענדלעך דערהאלטן אין א שבת פארנאכט, אנפאנג יוני, זיין בינטל וועש, און איך האב דארט געפונען א צעקנייטשטע אויבער־העמד, פון וועלכער דער פארנט איז פארפלעקט געווען מיט וויין. האב איך פארשטאנען, אז מיין פריינט האט געפייערט זיין דאקטאר טיטול אויף א גרויס־ארטיקן באנקעט.

אין דעם קומענדיקן ווינטער, איז זיין געוואוינהייט צו ווישן די פען מיטן נאז טיכל שוין געווארן א כראנישער פעלער, פון וואס איך האב פארשטאנען, אז ער האט זיך פארנומען מיט שטודירן געזעצגעבונג. ער האט שווער געארבעט דורכן ווינטער. קיין אויבער־העמד, אין זיין בינטל וועש.

עס איז געווען אויף דעם צווייטן ווינטער, פון זיין שטודירן געזעצגעבונג, ווען די טראגעדיע פון זיין לעבן האט זיך אנגע־פאנגען. איך האב באמערקט, אז זיין בינטל וועש האט גע־קראגן א נייעם אויסזען. אנשטאט דעם, וואס פריער פלעג איך אנטרעפן נאר איין אויבער־העמד, העכסטנס צוויי א וואך, האב איך איצט אריינגעקראגן גאנצע פיר אויבער־העמדער. זיידענע נאז־טיכלעך — אנשטאט די פריערדיקע לייווענטענע. ניט אנ־דערש, אז „זעקס און פופציק" האט אויפגעגעבן זיין פריערדיקן באשיידענעם סטודענטישן ארט־לעבן, און האט אנגעפאנגען ארומ־צודרייען זיך אין רייכערער געזעלשאפט.

איך האב אפילו דערוואוסט זיך וועגן אים נאך עפעס: מיין „זעקס און פופציק" איז פארליבט. א זאך וואס איז אנטשיידן אויסער צווייפל. גאנצע זיבן אויבער־העמדער נוצט ער אויס פאר איין וואך. קיין סימן פון לייוועטענע נאז־טיכלעך. די הויך פון זיינע קאלנערס זיינען שוין איצט צוויי אינטשעס מיט

א פערטל, און האָבן שוין לעצטנס דערגרייכט צוויי מיט א האַלב אינטשעס. איך האָב באַ מיר אַ צעטל פון זיינע וועש פון יענער צייט, וואָס צייגט מיט וואָס פאַר אַ פּינקטלעכקייט ער האָט דאַן באַהאַנדלט זיין פּערזאָן. איך געדענק גאַנץ גוט די האָפענונגס־פולע דערוואַרטונגען, און די ביטערע אַנטוישונגען זיינע פון יע־נער צייט.

מיט גרויס נייגיר פלעג איך יעדן שבת עפענען זיין בינטל וועש, זוכנדיק אין דעם שפּורן פון זיין הייסער ליבע, ווי זי ווערט אים אין פולן באַפרידיקט. איך האָב געהאָלפן מיין פריינט מיט וואָס איך האָב נאָר געקאָנט. זיינע העמדער און קאָלנערס זיינען אַרויס פון מיינע הענט, ווי שאַפונגען פון העכסטער קונסט. ניט אַכטנדיק וואָס מיינע הענט פלעגן מיר ציטערן פון פריידיקער אויפרעגונג ווען איך פלעג קראַכמאַלען און פּרעסן זיינע זאַכן.

אַז זיין מיידל איז פון אַ נאַבעלער נאַטור, האָב איך ניט געצווייפלט. אונטער איר איינפלוס, איז דער כאַראַקטער פון מיין „זעקס און פופציק" שטאַרק דערהויבן געוואָרן. עס איז רעכט אַז ער האָט אינגאַנצן אָוועקגעוואָרפן די קינסטלעכע פאַרנט־שטיקער פון די אויבער־העמדער, אַזוי גוט ווי די צוגעשפּיליעטע מאַנזשעטן, ווי זאַכן וואָס קאָנען באַדייטן ווי באַטרוג און פאַלש־קייט.

עס איז מיר אַזוי וויי טיקלעך צו דערמאָנען זיך אָן יענע גליקלעכע טעג פון ליבע! דאָס גליק פון „זעקס און פופציק" האָט ווי באַהערשט מיין גאַנצן וועזן. איך האָב נאָר געלעבט פון איין שבת ביז דעם צווייטן שבת. עס וואָלט מיך געבראַכט אין העכסטער פאַרצווייפלונג, דאָס ווידער־דערשיינען פון די פאַל־שע פאַרנט־שטיקער, דאַן ווען זייער פאַרשווינדן איז געווען פאַר מיר אַ קוואַל פון פרייד.

און עס איז געווען, ווען דער ווינטער איז אַוועק און ווען מיט דעם אָנקומען פון פרילינג האָט מיין „זעקס און פופציק" אָנגענומען זיך מיט מוט און האָט ענדלעך באַשלאָסן צו דערגיין וואָס דער שיקזאַל גרייט צו פאַר אים. אין איינעם אַ שבת שיקט ער מיר צו אַ ווייסן זשילעט, אַ בגד וועלכן ער האָט, אין

זיין באשיידענער נאטור, קיינמאל ניט גענוצט. איך האב אנגעווענדעט מיין גאנצן טאלאנט אין רעכטפארטיקן עס, ווייל איך האב וואויל געוואוסט דעם נוצן פון אזא בגד. דעם קומענדיקן שבת האב איך עס צוריקגעקראגן. מיט טרערן פון פרייד האב איך אנגעטראפן שפורן פון א קליין, ווארעם מיידלשער האנט, וועלכע איז געווען אנגעשפארט אויפן רעכטן אקסל. האב איך געוואוסט שוין אז „זעקס און פופציק" איז ענדלעך אויסדערוויילט געווארן פון זיין טייערער געליבטער".

:: :: ::

אהער־יען האט געשוויגן א ווײַלע. זיין ליולקע איז געלעגן א קאלטע אין זיין האנט. זיינע אויגן האט ער געווענדעט צו דער וואנט, אויף וועלכער עס האבן זיך ארומגעשפילט די שאטנס און ליכט, אין דעם טונקעלן שיין פון דער חלב'נער ליכטל. ענדלעך האט ער זיך ווידער צערעדט:

„איך וועל שוין ניט רעדן וועגן די אלע גליקלעכע טעג וואס האבן נאכגעפאלגט; טעג פון זומערדיקע שניפסן, און ווייסע זשילעטן, טעג פון פלעקלאזע העמדער מיט הויכע קאלנערס, געטראגן נאר פון איין טאג פון אונזער גליקלעכן געליבטן. אונזער גליק האט אויסגעזען צו זיין גרענעצלאז, און מער האב איך פון לעבן ניט דערווארטעט.

לײדער איז עס ניט באשערט געווען צו געדויערן אויף לאנג. נאכדעם ווי די הייסע זומער־טעג זיינען פאראיבער און עס איז אנגעקומען דער הארבסט, האב איך שוין מיט טרויער געפונען אין בינטל וועש סימנים פון אייניקע קריגערייען. שוין מער ניט ווי פיר העמדער, אנשטאט די פריערדיקע זיבן, און דאס ווידער־דערשיינען פון די פאלשע פארנט־שטיקער, מיט די מאנזשעטן. טרערן פון חרטה אויף די אקסלען פון ווייסן זשילעט, געשלאסן שלום, און ווידער די זיבן העמדער צוגעשיקט. אבער די קריגערייען אלץ אפטער ווידערהאלן זיך. אפילו שטורמישע, לײדנשאפטלעכע סצענעס, וועלכע האבן נאכגעפאלגט מיט א צאל

צעבראָכענע קנעפּלעך לעגנאוים דעם ווייסן זשילעט. פון העמ־דער זיינען שוין אָנגעקומען נאָר דריי און צוויי, און די הויך פון די קאָלנערם איז שוין אַראָפּגעפאַלן ביז איינע און דריי־פערטל אינטש.

אומזיסט זיינען געווען מיינע באַמיאונזען פאַר מיין אומ־גליקלעכן פריינט. א האַרץ פון שטיין האָט געקאָנט צעגיין אונטער דער גלאַטקייט פון מיין פּרעס־אייזן, וואָס איך האָב אָנגעווענדעט אין מיין פאַרצווייפלונג אויף די העמדער און קאָלנערם פון מיין פריינט. אָבער ניט געהאָלפן האָט מיין מיען זיך. אַ פיינלעכער מאָנאַט איז אריבער, און ווידער האבן אָנגעהויבן אַריינקומען די פאַלשע פאָרנט־שטיקער, מיט די אָפּגעקנעפּלטע מאַנזשעטן. עס האָט אויסגעזען ווי מיין אומגליקלעכער געליבטער וואָלט הנאה געהאַט פון די פאַלשע זאַכן. ביז איך האָב אין איין טרויעריקן אָוונט, געפונען אין זיין בינטל וועש, אַ צאָל צעלולאָידענע קאָל־נערם. מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איצט האָט זי שוין אים פאַרלאָזן אינגאַנצן.

עס איז מיר שווער איבערצוגעבן, ווי שטאַרק מיין פריינט האָט געליטן. עס וועט זיין גענוג צו דערמאָנען, אז ער האָט שוין אפילו די צעלולאָידענע קאָלנערס פאַרביטן אויף העמדער פון בלויען פלאַנעל, און פון בלויען איז ער אינגיכן אַריבער צו גרוי. דאָס געפינען אַ לייווענטענע רויטע נאָז־טיכל האָט מיר אינגאַנצן דערשראָקן פאַר מיין פריינט׳ס מענטאַליטעט. אַזוי אַז איך האָב אָנגעהויבן צו דערוואַרטן עטוואָס שרעקלעכעס.

און דאַן זיינען פאַראיבער דריי פיינלעכע וואָכן, ווען איך האָב פון אים גאָרניט באַקומען. אָבער ענדלעך האָב איך אַריינ־געקראָגן זיין לעצטן בינטל וועש. עס איז געווען אַ גרויסער פּאַק, וואָס האָט אַנטהאַלטן, ווייזט אויס אַלעס וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אין אָט־דעם גרויסן פּאַק, האָב איך אין מיין גרויסער שרעק, אויפ־געקליבן אַ העמד, וואָס דער גאַנצער פאָרנט איז געווען רויט פון בלוט, מיט אַ קיילעכדיקן רים אינמיטן; אַ דייטלעכער באַווייז פון אַ קויל געטראָפן גלייך אין האַרצן. איך האָב זיך דערביי

דערמאנט, ווי די צייטונגס־אינגלעד, האבן אויסגעשריען מיט א צוויי וואכן צוריק, וועגן א זעלבסטמארד. העכסט ווארשיינלעך איז עס געווען וועגן מיין גוטן פריינט.

נאך מיין ערשטער אויפטרייסלונג, ווען איך בין געקומען אביסל צו זיך, האב איך באשלאסן צו פאראייביקן, זיין גוטן אנ־דענק, און האב אנגעצייכנט זיין בילד, וואס איר זעט אויף דער וואנט. איך טויג זיך אויס אביסל אין דער קונסט פון מאלן. איך בין זיכער, אז איך האב ריכטיק אויפגעפאסט די שטריכן פון זיין געזיכט. עס פארשטייט זיך, אז דאס בילד איז געמאלן לויט מיין פארשטעלונגס־קראפט, ווייל ווי איר ווייסט האב איך קיינמאל ניט געזען מיין פריינט „זעקס און פופציק".

:: :: ::

דאס טיר־גלעקל האט א קלונג געטאן. מיין פריינט אה־יען איז ארויסגעגאנגען צו באדינען דעם אריינגעקומענדיקן קונד. ווען ער איז צוריקגעקומען האט מיין פריינט שוין קיין שום חשק ניט געהאט צו רעדן מער וועגן זיין פארלוירענעם פריינט. איך האב אים באלד פארלאזן און בין מיט א טרויעריקן געמיט אוועק צו מיין וואוינונגס־פלאץ.

גייענדיק האב איך אלץ געטראכט וועגן מיין כינעזישן פריינט, וועגן זיין טיף־פילנדיק הארץ, און זיין מערקווירדיקער פארשטע־לונגס־קראפט. אבער אין דער זעלבער צייט האב איך געפילט ווי עפעס דריקט מיר אויפן הארצן, עפעס וואס איך האב אפשר באדארפט ארויסזאגן פאר מיין פריינט, אבער צו דעם האב איך ניט געהאט דעם נויטיקן מוט. עס וואלט געמיינט, איינצוווארפן דעם אויסגע'חלומ'טן לופט־שלאס פון מיין גוטן פריינט.

אויך מיין אייגן לעבן איז דאך אזוי שרעקלעך טרויעריק און איינזאם, און מיין פריינטס ליבע צו מיר, איז געווען די איינציקע ליבע וואס איך האב ווען געוואוסט. און דאך האט מיך פאר־פאלגט די דעראינערונג, אז איך האב אים טאקע געשיקט א גרויסן פאק וועש מיט אן ערך א יאר צוריק.

זייענדיק אויסער שטאָט פאַר גאַנצע דריי וואָכן האָט זיך אָנגעזאַמלט בא מיר די וועש מער ווי געוויינלעך, און אויב איך מאַך ניט קיין טעות, האָט זיך צעבראָכן אין מיין רייזע־טאַש אַ פלאַש מיט רויטן טינט, וואָס האָט פאַרפלעקט דערמיט מיין העמד, און אויך אַז אַ פונק פון מיין סיגאַר איז אַראָפּגעפאַלן אויפן זעלבן העמד און דורכגעברענט אַ לאָך. אויף אַזוי פיל גרייכט מיין היפּאָטעזע, אויף זיכער ווייס איך עס ניט. אָבער איין זאַך ווייס איך דאָך אויף זיכער, אַז ביז מיט אַ יאָר צוריק, ווען איך האָב אָנגעהויבן שיקן מיינע וועש־זאַכן צו אַ מער מאָדערנער וועש־ערייי, איז דער נומער וואָס אַה־יען האָט באַשטימט פאַר מיינע זאַכן געווען „זעקס און פופציק”.

דער „אידן-פרינץ"

דער זומער־האָטעל „האָט ספּרינגס" (הייסע קוואַלן) איז געװען באַרימט מיט צװיי מעלות. ערשטנס, װאָס עס האָט זיך געפונען אין אַ טאָל, אַרומגערינגלט מיט אַ װאַלד פון הויכע סאָסנע בוימער; צװייטנס מיט דעם, װאָס ער האָט פאַרמאָגט קוואַלן פון פאַרשיידענע מינעראַלע װאַסערן. האָט דער האָטעל צוגעצויגן צו זיך צװיי קאַטעגאָריעס געסט, — אַזעלכע, װאָס ליידן פון שװאַכע הערצער, װאָס די טאָל־לופט איז פאַר זיי גרינגער צו אָטעמען; און אויך אַזעלכע, װאָס ליידן פון רעוומאַטישע פעלערן. די רעוומאַטיקער האָבן זיך געבאָדן אין זאַמד, געמישט מיט שװעבל, און פאַרטרונקען נאָכדעם מיט קוועלנדיקע מינעראַלע װאַסערן. ביידע זאַכן, װאָס מען גלויבט, אַז עס איז אַ סגולה צו רעוומאַטישע קרענק.

האָט דער האָטעל „האָט ספּרינגס" באַדינט אין פאַרלויף פון אַ װאָסערע פופציק יאָר די גאָר ערשטע איינוואוינער פון דער ענגלישער פּראָווינץ אָנטעריאָ, אין קאַנאַדע. דער אייגנטימער פון האָטעל, מיסטער דזשאָנסאָן, אַליין אַן אימיגראַנט פון לאָנדאָן, ענגלאַנד, האָט זיך דערוואָרבן אַ רעפּוטאַציע ביי זיינע ענגלישע לאַנדסלייט, אַלס אַ העכסט אָרנטלעכער, און ביז גאָר העפלעכער מאַן, וועלכער איז שטאַרק איבערגעגעבן צו זיין באַרוף אויף צו באַדינען זיינע זומערדיקע געסט, אויף אַ העכסט־ענגלישן, דזשענטלמענישן אופן.

אָבער אַ מענטש לעבט נישט אייביק. נאָך אַ פופציק יאָר באַדינען זיינע געסט, איז מר. דזשאָנסאָן, אין איינעם אַ װינטער, קראַנק געװאָרן און איז אינגיכן געשטאָרבן.

זיינען איבערגעבליבן צו פאַרוואַלטן מיטן האָטעל זיינע

יורשים: דריי זין און אַ טאָכטער. אָבער שוין אויף דער צווייטער וואָך נאָכן פאָטערס טויט, האָבן די יורשים אָנגעהויבן אַרומצו־קריגן זיך. די הויפּט־סיבה פון די קריגערייען איז געווען, וואָס די האָטעל־געביידע, די ירושה פון זייער פאָטער, איז שוין געווען זייער אַלט און אָפּגעלאָזן. די ווענט זיינען געווען אָפּגעקראָכן, סיי פון אינווייניק און סיי פון דרויסן. פון דאַך האָט אַריינגע־רונען, ביים קלענסטן רעגן. דער דיל האָט געסקריפּעט מיט לויזע ברעטער, וועלכע האָבן זיך געטרייסלט אונטער די פיס. אמת, די הויכע סאָסנע בוימער האָבן נאָך אַלץ מאַיעסטעטיש געגרינט און באַשיינט דעם אַרומיקן טאָל. אָבער דערפאַר זיינען די קוואַלן פון די היילנדיקע וואַסערן שוין לאַנג אויסגעטריקנט. דער האָטעל איז געוואָרן אַלץ ווייניקער צוציענד פאַר די אַמאָליקע געסט, די וועלכע האָבן פאַר אזוי פיל יאָרן פאַטראָנייזט זייער אַלטן פאָטער. איז שוין ממילא די איינגאַמע ניט געווען גענוג אויסצוהאַלטן די פאַרבליבענע יורשים. אָבער נאָכדעם ווי גוטע פריינט און שכנים האָבן זיך אַריינגעמישט, איז באַשלאָסן געוואָרן אַז דער עלטסטער זון פיליפּ, וועלכער איז שוין געווען פאַרהייראַט, זאָל בלייבן צו פאַרוואַלטן מיטן האָטעל. דערביי האָבן די יורשים זיך איינפאַר־שטאַנען, אַז יעדער פון זיי איז באַרעכטיקט צו זיין חלק ירושה, וועלכן ער קען איינמאָנען צו יעדער צייט ווען ער וועט עס גע־פינען פאַר נויטיק.

די אַמאָליקע באַזוכער פון האָטעל זיינען מיט יעדן זומער געוואָרן אַלץ ווייניקער. אפילו די ווייניקע לעצטע געסט האָבן זיך געקלאָגט פאַר פיליפּ'ן, אַז זיי ריזיקירן מיטן לעבן ווען זיי קומען אויפן זומער צו זיין פּלאַץ. די חרוב'ע געביידע — האָבן זיי זיך געקלאָגט, — קאָן נאָך איינפאַלן אויף זיי בײַ אַ וואָסערן גרויסן ווינט־שטורעם. אָבער מיטן אָנקומען פונעם זומער פלעגט פיליפּ ווי עס איז צופּוצן דעם פּלאַץ און וואַרטן אויף זומער־געסט. האָט געטראָפן, אַז אין איין זומער איז קיין איינער פון די דער־וואַרטעטע געסט ניט געקומען.

:: :: ::

ניט האָבנדיק מיט וואָס צו פאַרנעמען זיך, האָט פיליפּ אָפּ־געשטאַט אַ וויזיט אין דער גרויסער שטאָט טאָראָנטאָ, די מעט־

ראַפּאַליע פון דער פּראָווינץ אָנטעריאָ. וואוינענדיק אַלע יאָרן אין דעם קליינעם שטעטל, און קאָנענדיק ביז דאָן נאָר די שטענדיקע געסט פונעם האָטעל, איז פיליפּ געוועזן איבערראַשט צו דערזען אין טאָראָנטאָ אַזוי פיל פאַרשיידענע טיפּן פון פרעמדע פעלקער און לענדער. עס איז פאַר אים געווען אַ גרויסע איבערראַשונג צו דערוויסן זיך, אַז קאַנאַדע איז לעצטנס געוואָרן אַ גרויס לאַנד, אַ לאַנד וואו עס לעבן ניט נאָר ענגלענדער, נאָר אויך מענטשן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. באַזונדערס האָט פיליפּ'ן פאַראינטערעסירט די גרעסערע צאָל אידישע מענטשן, מענטשן פונעם פאָלק וואָס אים וועגן ווערט אַזוי אָפט דערמאָנט אין דער הייליקער ביבל . . .

אַזוי באַטראַכטנדיק און פאַרשנדיק, האָט פיליפּ דערוואוסט זיך, זייענדיק אין טאָראָנטאָ, אַז אידישע מענטשן האָבן ליב אַרויסצופאָרן פאַר די זומערדיקע חדשים אין די דערפער צו געניסן דאָרט פון פרישער לופט. וואָס פיליפּ'ן איז אַממערסטנס געפעלן געוואָרן צו דערוויסן זיך, אַז אידישע געסט זיינען ניט אַזוי שטאַרק איבערקלייבעריש, וואָס אַמבאַלאַנגט די פאַרשיידענע באַקוועמלעכקייטן פון די זומער־האָטעלן. „אידישע מענטשן" — האָט ער זיך דערוואוסט — „האַלטן ניט פון קיין לוקסוס". עס איז זיי גענוג נאָר, אַז זיי האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרברענגען די זומערדיקע טעג אין דעם אָפענעם דרויסן, אונטערן קלאָרן הימל, ווען די זון וואַרעמט אוים די ביינער, און די פרישע לופט איז אַ מחיה.

אויב אַזוי איז פיליפּ דזשאָנסאָן געקומען צום געדאַנק צו עפענען זיין האָטעל „האָט ספּרינגס" אויף צו באַדינען אידישע געסט. איז ער אַוועק צו דער רעדאַקציע פון דער אידישער צייטונג אין טאָראָנטאָ אויף צו באַשטעלן דאָרט צום דרוקן אַ מעלדונג, מיט גרויסע בוכשטאַבן, אַז דער האָטעל „האָט ספּרינגס", וואָס געפינט זיך לעבן דער שטאָט אָטאַוואַ, איז גרייט צו באַדינען, צו דער באַקוועמלעכקייט פון אידישע געסט. אָבער דאָ האָט פיליפּ זיך אָנגעשטויסן אויף אייניקע אומדערוואַרטעטע סורפּריזן. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט אים דער מאַן אין דער רעדאַקציע דער־

קלערט, אַז אויף צו באַדינען אידישע געסט, מוז ער איינפירן אַ כשר'ע קיך, וועלכע מוז אַנגעפירט ווערן פון אידישע מענטשן, און אַז איבער די אידישע מענטשן מוז ער אַנשטעלן איינעם, וואָס זאָל אויף זיי אויפפּאַסן, אַ משגיח. דער משגיח ווידער מוז האָבן אַ הכשר פון טאָראָנטאָר ועד הרבנים.

פיליפּ האָט זיך דערפילט שטאַרק אַנטמוטיקט פון די אַלע אַנווייזונגען, וואָס דער אידישער רעדאַקטאָר האָט אים געגעבן. אָבער וואָס טוט ניט אַ מענטש אין אַ נויט! איז ער אַוועק צום ועד הרבנים, וואו מען האָט אים באַזאָרגט מיט אַ משגיח. דער משגיח פון זיין זייט האָט שוין געזען, אַז אַלץ זאָל זיין על פּי דין כשר, אַזוי ווי אַ אידישע קיך באַדאַרף צו זיין. און דער האָטעל „האָט ספּרינגס" איז אינגיכן אַנגעפילט געוואָרן מיט אידישע געסט. עס זיינען געקומען מערסטנס טייל פּרויען; עלטערע און אינגערע מיט קינדער און עופה'לעך. די מענער זיינען געקו־מען נאָר פאַר די סוף־וואָכעדיקע טעג, פאַר שבת און זונטיק. דער גרויסער טאָל, איז מיטאַמאָל פאַרהילכיקט געוואָרן מיט נייע, ביז איצט ניט געהערטע קולות און געשפּרעכן. פּריי און אומ־געשטערט, האָבן זיך די קינדערלעך פאַרשפּרייט איבערן גרויסן פעלד פונעם טאָל, און האָבן פריילעך געשפּילט זיך, צו דער פולער באַפרידיקונג פון זייערע יונגינקע הערצעלעך.

איז פיליפּ פאַרשטייט זיך געוועזן העכסט צופרידן פון זיין געלונגענעם פּלאַן. איבערהויפּט האָט אים צופרידנגעשטעלט, וואָס די אידישע געסט האָבן זיך ניט געדונגען, וואָס ער האָט זיי גערעכנט מיט אַ שיינע פּאָר דאָלער מערער, ווי ער האָט אַמאָל גערעכנט די פריערדיקע ענגלישע געסט. נאָך אַלעמען, איז דאָך אויסצוהאַלטן אַ אידישע קיך פיל טייערער . . . פיליפּ האָט פאַר די לעצטע געלט נאָך באַוויזן צו פאַרריכטן דעם דאַך. מען האָט שוין אָנגעהויבן באַרעכענען, אַז ווען עס זאָל אָנהאַלטן אַזוי פאַר עטלעכע זומער־סעזאָנען, וועט ער נאָך קאָנען באַווייזן צו אָפּצאָלן זיינע ברידער און שוועסטער זייער חלק פון דער ירושה, און ער וועט אַזוי אַרום פאַרבלייבן דער איינציקער באַזיצער פונעם

האָטעל. אָבער ווי זאָגט דער ענגלענדער: עס טרעפט אַמאָל עפּעס, וואָס נאָגט אוים די פרייד פון לעבן.

די ענגלישע פאַרמערס, די שכנים האָבן אָנגעהויבן צו קוקן מיט קרומע בליקן אויף פיליפ׳ן, שוין באַלד ווי זיי האָבן דערזען זיינע נייע אידישע געסט. צוזאַמען מיט די קרומע פאַרדעכטיקע בליקן, האָבן זיי אָנגעהויבן געבן פיליפ׳ן יעדן טאָג אַנדערע עצות, ווי אַזוי צו באַהאַנדלען זיינע געסט. „זאָג זיי, דיינע אידן, זיי זאָלן רעדן אַביסל שטילער און ניט גאַלאַגאַטשען אַזוי ווי די גענז", און נאָך ענלעכע אַנטיסעמיטישע טענות. פיליפ האָט אָנגעהויבן נעענטער צו באַטראַכטן זיינע אידישע געסט. עפּעס זיינען זיי ווירקלעך גאַנץ אַנדערש ווי די אַמאָליקע ענגלישע מענטשן, וועלכע זיין פאָטער און שפּעטער ער, האָבן באַדינט. ערשטנס זייער אַרומגיין כמעט נאַקעט. ווי אַנדערש זיי זיינען אין פאַרגלייך מיט יענע ענגלישע, וואָס פלעגן אפילו אין די גאָר הייסע טעג זיין אָנגעטאָן אין ווייסע געפּרעסטע הויזן, מיט אַ ווייס העמד, נאָר אַביסל אָפן באַם האַלז. באַזונדערס האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן דאָס אַרומגיין פון די פרויען אַ גאַנצן טאָג אין די באַד־קאָסטיומען, וועלכע זיינען די לעצטע צייטן געוואָרן אַזוי קליין, אַז זיי פאַרדעקן אַזוי ווייניק דאָס ווייבערשע לייב. היינט זייער אופן פון פאַרווייל זיך! אנשטאָט וואָס די ענגלענדער פלעגן שפּילן טעניס און גאָלף, שפּילן גאָר די געסט די גאַנצע צייט אין קאָרטן . . .

טאָקע ווירקלעך אויסטערלישע, זייער מאָדנע ברואים, די נייע געסט זיינע!

די שכנים פאַרמערס, האָבן אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלן מיטינג אין זייער שטעטלשן ראַט־הויז, און האָבן באַשלאָסן אויפהענגען אין די גאַסן מעלדונגען, אַז עס איז שטרענג פאַרבאָטן אַרומצוגיין אין באַד־קאָסטיומען, און אין ענלעכע „ניט־אַנשטענדיקע" קליידער. פיליפ ווידער, האָט באַשלאָסן פון זיין זייט, אַריינצוברענגען קולטור און ציוויליזאַציע אין די רייען פון זיינע אידישע געסט. דורך דער פאַרמיטלונג פון דער אַזוי־גערופענער „שילדן

שפּראַך". האָבן די געסט אין איין פּרימאַרגן, דערזען די ווענט פון גרויסן עס־צימער, באַהאַנגען מיט פאַרשיידענע שילדן. און זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסצולייענען פון די שילדן די פאַרשיידענע פּסוקים און מאַמאָס, מיט וועלכע יאַרהונדערט איז אַזוי רייך. אַזוי למשל, האָט איין שילד געלערנט אַז: „קולטורעלע מענטשן שרייען ניט, ווען זיי רעדן, ביטע רעדט שטיל!" נאָך אַ שילד האָט אויפגעקלערט, אַז די אַנטעריער פּראָווינץ איז ענגליש־דאָמינירט, און עס איז דאַרום ראַטזאַם צו ריידן ענגליש. אויף אַ גאַר פּראָ־מינענטן פּלאַץ, אויבנאָן איז געהאַנגען אַ שילד, וואָס האָט ציטירט דעם פּסוק פון באַרימטן דאָקטאָרס בוך, אַז „פילע מענטשן גראָבן זייער קבר מיט אייגענע ציין". האָבן די געסט געוויס פאַרשטאַ־נען, אַז דערמיט גיט פיליפּ אַן אָנדייט, אויף דער מעלה פון ווייניקער עסן.

:: :: ::

מיר נעמען זיך ניט אונטער צו פעסטשטעלן, צי די שילדן האָבן טאַקע אַריינגעבראַכט מערער קולטור אין די געוואוינהייטן פון פיליפּ׳ס אידישע געסט. דער פאַקט אָבער איז,, אַז מיט דער צייט האָבן די שכנים שלום געמאַכט מיט די אידישע געסט, און עס זיינען אַזוי אומבאַמערקט פאַרלאָפן שיינע עטלעכע זומער סעזאָנען. פיליפּ האָט דורך דער צייט שוין באַוויזן אָנצוזאַמלען אַ געוויסן קאַפּיטאַל. האָבן די ברידער און די שוועסטער אין איפּערזוכט אָנגעהויבן צו פאָדערן זייער חלק ירושה. אויף פּי־ליפּ׳ס טענות, אַז זיין פאַרמעגן איז נאָך ניט גרויס גענוג פאַר צופרידנשטעלן זיי, האָבן זיי אים געראָטן: „נעם די געלט באַ דיינע אידן, ניש׳קשה, דיינע רייכע אידן וועלן דיר געבן וויפיל דו וועסט פאַרלאַנגען".

פאַרביטערט פון די שטענדיקע אויפפאָדערונגען פון דער משפּחה, האָט פיליפּ אין גרויס פאַרצווייפלונג, אין איינעם אַ ווינ־טער, אַרויסגעשיקט בריוו צו אַלע זיינע אידישע געסט: היות ער איז אין אַ פינאַנציעלער פאַרלעגנהייט, פאַרלאַנגט ער מען זאָל

אים איינצאָלן אין פאַראויס, די סומע פאַרן קומענדיקן זומער־סעזאָן. און — וואָס פאַר אַ נאַרישקייט באַגייט ניט איינער איז זיין פאַרצווייפלטער לאַגע! — צום ענדע פונעם בריוו שרייבט ער, אַז אין פאַל מען וועט זיין פאַרלאַנג איגנאָרירן, וועט ער זיין גע־צוואונגען צו פאָלגן די עצות פון זיין משפחה און שכנים, צו פאַר־וואַנדלען דעם האָטעל זיינעם אין אַ פּלאַץ מיט אַן „עקסקלוזיוו קליענטעל", וואָס דאָס מיינט אויף אַן איידעלן אופן, אַז דער פּלאַץ וועט זיין פאַרבאָטן צו אידן.

האָבן די אידן טאַקע זייער פיין, איגנאָרירט דעם בריוו. פּי־ליפּ'ס שטימונג איז נאָך מערער פאַרביטערט און פאַרצווייפלט געוואָרן. נאָך אַלעמען האָט ער גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די ענג־לענדער וועלן בשום אופן ניט וועלן קומען צו זיין האָטעל. און איצט האָט ער זיך אַזוי שטאַרק באַנאַרישט מיטן אַרויסשיקן צו די אידן דעם בריוו. וועלן זיי דען האָבן חשק צו קומען צו אים, נאָך אַזאַ באַליידיקנדיקער ווענדונג צו זיי . . .

פּיליפּ מיט זיין פרוי (קיין קינדער איז בא זיי ניט געווען) האָבן די ווינטערדיקע מאָנאַטן געוואוינט אין זייער קליינער הייז־קע, וועלכע איז געשטאַנען ניט ווייט פון דער גרויסער האָטעל־געביידע. עס איז דעם יאָר אויסגעפאַלן אַ זייער קאַלטער ווינ־טער. אין די לעצטע טעג פון יאַנואַר האָבן זיך אָוועקגעשטעלט פרעסט פון צוואַנציק גראַד אונטער זעראָ. שלאָפנדיק אונטער די דיקע וואָלענע קאָלדרעס, האָט אין איינער אַזאַ קאַלטער נאַכט פּיליפּ'ס פרוי דערהערט אַזוי ווי אַ גרויסער דונער וואָלט אַרויס־געקראַכט. אין גרויס שרעק האָט זי אָנגעהויבן וועקן פּיליפּ'ן שרייענדיק: „שטיי אויף, עפּעס האָט געמוזט זיך טרעפן מיטן האָטעל!"

אַרויפכאַפּנדיק אויף זיך די דיקע וואָלענע קאָלדרעס, זיינען זיי אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. דורך דעם נעפּל פונעם שניי־שטור־רעם, האָבן זיי דערזען ווי אויפן שניי־פעלד, אַזוי ווי אויף אַ גרויסער ווייסער ליילעך, איז געלעגן אומגעוואָרפן די גאַנצע האָ־טעל־געביידע. דער שטורעם־ווינט האָט געצופּט און געריסן גאַנ־צע שטיקער פון דער קופּע ברוכוואַרג. אַזוי ווי סטאַיעס שוואַר־

צע קראָען, האָבן זיך געדרייט אין דער לופטן פאַרשיידענע שמאָ־טעם און שטיקער שוואַרצע טאָוולען. האָבן זיך געדרייט אין דעם שדים־טאַנץ, און האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אין דעם ווייטן אַרום, פּאַרדעקנדיק דעם שנייאיקן טאָל מיט די ברוך־שטיקער, וואָס איז פאַר אַזאַ לאַנגער צייט געווען אַן אָרגאַנישער טייל פונעם האָטעל „האָט ספּרינגס".

„אונזער פאָטערס ירושה" — האָט פיליפּ געמורמלט אין שרעק.

דזשימי און דזשיפּ

(סקיצע)

דזשימי איז אַ נעגער־בחור'ל פון אַ יאָר זיבעצן.

דזשיפ איז אַ הונט, דזשימי'ס שטענדיקער באַגלייטער.

דזשימי איז אַנגעשטעלט אַלס אַרויסהעלפער צום הויז־אויפזעער, מר. ראָבערטסאָן אין דער קאַמערץ־שול געביידע פון דעם פאַרשטעטל קווינסי, לעבן באָסטאָן.

באַלד ווי דזשימי איז אַנגעשטעלט געוואָרן האָט אים דער אַלטער ראָבערטסאָן איבערגעגעבן דזשיפ'ן, ער זאָל אויף אים אויפפּאַסן.

האָט ניט לאַנג גענומען, ווי מענטש און חיה זיינען שטאַרק באַפריינדעט געוואָרן.

דזשימי'ס שלאָף־פּלאַץ איז געווען אין קעלער, פון דער גרויסער שול־געביידע, אויף אַן אייזערנעם בעטל, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון דעם גרויסן פּיר־עקיקן שטאָלענעם אויוון. דערביי איז אַ ווינקל אויף אַ קופּע שמאַטעס, פלעגט שלאָפן דורך דער נאַכט דזשיפּ.

זיי ביידע, פלעגן אויפשטיין אין איין צייט, אין די נאָך שטאַרק טונקעלע באַגינענס.

דזשיפ פלעגט צום אַלעם ערשטן, אַנפאַנגען אויפצוקלייבן מיט זיין לאַנגן מויל, דזשימי'ס זאַכן, און אַריינגעבן זיי איינציקווייז, גלייך אין דזשימי'ס הענט אריין. מיט דער פאַרשטענדעניש פון אַ קלוגער חיה, פלעגט ער אַפריער צוטראָגן די זאָקן, איינע נאָך דער אַנדערער, און באַלד טאַקע איין שוך און גלייך דעם אַנדערן. און אזוי דאָס גאַנצע אָנטועכץ, ביז דעם רויטן רעקל, אין וועלכן דזשימי פלעגט אַרומגיין אינדרויסן.

דער הויף פון דער שול געביידע, איז געווען אַרומגעצוימט, מיט אַ נידעריקן טונקל־גרינעם פּלויט. הינטערן פּלויט האָט זיך געשפּרייט דאָס פּעלד, וואָס איז געווען דער שפּיל־פּלאַץ, פאַר די בעיז־באָל שפּילערס, פון די פאַרשיידענע שטאַטישע קלובן.

אין פרילינג און זומער, ביז די לעצטע טעג פון האַרבסט, האָט דער שפּיל פּלאַץ, פאַרהילכט דעם ווייטן אַרום, מיט דעם הילכיקן געטומל פון די גרויסע מאַסן יוגנטלעכע שפּילער, מיט וועלכע עס איז פול געווען דער גרויסער שטח לאַנד.

דזשימי און זשיפּ, פלעגן זיצן אין די פאַרנאַכטן, אויפן שוועל פון זייער קעלער, און נאָכפּאַלגן פונדערווייטנס דאָס שנעלע פליען אין די הויכן, פון די בעיז־באָל פּילקעס, וועלכע זיינען געשליי־דערט געוואָרן מיט די לאַנגע בולאַווקעס (בעטס) פון די מעכטיקע אָרעמס פון די שפּילער.

עס האָט אָפט געטראָפן, אַז אַ פּילקע פלעגט אַריינפאַלן אַרי־בערן פּלויט. שנעל ווי איין אויגנבליק איז דזשיפּ אַראָפּגעשפּרונ־גען פון שוועל, און אַ כאַפּ געטאָן די פּילקע אין זיין לאַנגן מויל אַריין, און צוגעטראָגן עס צו דזשימי'ן וועלכער פלעגט עס געשיקט אַריינוואַרפן אין האַנט פון שפּילער.

דזשימין האָט זיך זייער שטאַרק געגלוסט צו נעמען אַ גלייכן אַנטייל אין דער לעהאַפּטער בעיזבאָל שפּיל. האָט ער אָנגעפאַנגען צו שפּאָרן פון זיין מאַגערן געהאַלט, פאַר איינשאַפן זיך די אַלע מכשירים, וועלכע זיינען נויטיק פאַר דער שפּיל.

אין אייניקע וואָכן האָט ער שוין באַוויזן צו קויפן אַ פּילקע, אַ „בעט" אויך אַ לייוונטענעם אָנצוג מיט אַ פּאָר לאַנגע, רויטע זאָקן, און די פּאַסיקע שיך.

מיסטער ראָבערטסאָן האָט אויסגעפילט אַן אַפּליקאַציע צו דער פאַרוואַלטונג פון שטאַטישן בעיזבאָל קלוב, רעקאָמענדירנדיק דזשימי'ן, אַלס אַ זייער פייאיקן און ערלעכן בחור. און עס איז געווען מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, ווי דזשימי, אַן אויסגעפּוצטער, אין דעם לייוונטענעם אָנצוג, מיט די רויטע זאָקן, מיט דעם „בעט" אונטערן אָרעם, און מיט דער פּילקע אין דזשיפּ'ס מויל, איז אַריינ־געקומען אין דער פאַרוואַלטונג פון ספּאָרט־קלוב, נאָכפרעגנדיק זיך צי זיין אַפּליקאַציע איז אָנגענומען געוואָרן.

אַ הויכער מאַן, מיט בלאַנדע האָר, מיט אַ פעטן קאַרק, האָט באַגעגנט דזשימי'ן, גלייך באַם אַריינגאַנג, און טריסלענדיק מיט אַ פּאַפּיר אין האַנט, האָט ער אויסגעשריען: „יו שור גאַט סאַם נערוו, בלעקי!", דאָס הייסט: „דו האָסט צופיל חוצפה, שוואַרצער, ווייסטו דען ניט, אַז אונזער קאָנסטיטוציע זאָגט דייטלעך, אַז קיינע קאָלירטע, און דאָס מיינט אַזוינע ווי דו, איז ניט דערלויבט אַריינצוקומען אין אונזערע קלובן".

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, און טרערנדיקע אויגן, האָט זיך דזשימי צוריקגעקערט פון קלוב. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן שוועל פון זיין קעלער, און אַריינגעמענדיק זיין קאָפּ אין זיינע הענט, האָט ער אין זיין געדרעכטן צאָרן, געשאָלטן די וועלט, מיט אירע האַרצלאָזע מענטשן . . .

אַוועקלייגנדיק די פּילקע האַרט לעבן דזשימי'ן, האָט זיך דזשיפּ פאַרנומען מיט אַ בייזן בילן, אין דער ריכטונג פון די פאַרהאַרטעווע שפּילער.

מיד וועדנדיק פונעם לאַנגן בילן, איז ער צוגעלאָפן צו דזשי־מי'ן, און אַריינכאַפּנדיק אין זיין מויל די פּילקע, האָט ער אָנגע־הויבן צו קלאַפּן מיט דעם, איבער דזשימי'ס הענט. פול מיט טיפן צאַרן, האָט דזשימי אַ שליידער געטאָן די פּילקע אָן דער ערד. האָט דזשיפּ אַ כאַפּ געטאָן די פּילקע, און עס ווידער געשפּאַרט אין דזשימי'ס הענט אַריין. אַרומשפּרינגענדיק, און וואַרפנדיק ווילד. מיט זיין לאַנגן עק, ־מיט די אויגן געווענדעט אָט צו דזשימי'ן, אָט צו דער פּילקע, איז ער ניט אָפּגעשטאַנען, ביז דזשימי, האָט אים, ווידער אַ וואָרף געטאָן די פּילקע.

אַזוי האָט זיך עס ווידערהאָלט עטלעכע מאָל, ביזוואַנען דזשי־מי האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף, און אַריינגעמענדיק דעם „בעט" אין זיינע שטאַרקע הענט אַריין, האָט ער אָנגעפאַנגען צו וואַרפן די פּילקע מיט דער פּינקטלעכקייט פון אַן עכטן, געשולטן שפּילער. און געגנוי מיט דער זעלבער פּינקטלעכקייט, איז דזשיפּ געלאָפן, און אויפגעכאַפּט מיט זיין לאַנגן מויל די געשליידערטע פּילקע, און עס געטריי צוגעבראַכט צו דזשימי'ן.

אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען אין די אַלע פאַרנאַכטן פונעם ספּאָרט־סעזאָן, פון די פריע פרילינג־טעג און זומער, ביז די שפּע־

טע טעג פון הארבסט, ווען דער גרויסער שפּיל־פּלאַץ האָט גע־הילכט אין ווייטן אַרום מיט דעם שרייענדיקן געטומל פון די שטאָ־טישע שפּילערס, איז זיך געשטאַנען דושימי, אָנגעטאָן אין זיין לייוונטענעם אָנצוג, אַרום דעם שוועל פון קעלער פון דער גרויסער שול־געביידע, און האָט מיט ריטמישע באַוועגונגען, געוואָרפן זיין פּילקע, וועלכע פלעגט געטריי אויפגעכאַפּט ווערן פון דושיפּ'ן.

שטאַרק באַפריינדעט און געטריי זיינען געווען מענטש און חיה.

אָבער מענטש מיט מענטש זיינען נאָך אין בלוטיקן קריג.

יאַנואַר 1953

זכרונות

דער ראָש-ישיבה

דער ראש־ישיבה פון דער אָרשע׳ר פּאָליאַקאָוו׳ס ישיבה האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מין הייליקע דריי־איינִיקייט. ער איז געווען רב, ראש־ישיבה און דיין. עס איז אפילו געווען אין אָרשע נאָך אַ רב, אָבער זייענדיק שוין אין גאַנץ הויכן עלטער, איבער די אַכציקער, פלעגט ער נאָר זיצן אין דער היים ביי אַן אָפענעם ספר. איז דעריבער אונזער ראש־ישיבה געווען דער הויפּט גייס־טיקער פירער אין דער גאַנץ אָנגעזעענער קהלה פון אָרשע.

קאָנענדיק ביז דאַן נאָר אונזער קאַכאַנאָווער רב, וועלכער איז געווען אַ שטילער, גוטמוטיקער מאַן, האָט דער אָרשער רב געמאַכט אויף מיר ניט קיין גוטן איינדרוק, ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל דערזען. אפילו ווי די אָרשע׳ר אידן פלעגן דער־ציילן,, איז דעם אָרשע׳ר רב, גאָרנישט געווען, וואָס מקנא צו זיין. געווען איז ער אַ מטופּל מיט קינדער, פון וועלכע די עלטסטע טאָכטער איז געווען אַן אַלטע מויד, וואָס איז נאָך דערצו געווען עפּעס אַ חסר־דעה, און איינער פון די זין, גאָר דער עלטסטער, האָבנדיק אפילו סמיכה אויף רבנות, איז געזעסן מיט זיין ווייב און קינדער ביים טאַטן אין הויז. זייענדיק להיפּוך צום טאַטן, אַ זייער שטילער און באַשיידענער מענטש, האָט ער אַלץ קיין מזל נישט געהאַט אָנגענומען צו ווערן ערגעץ אין אַ קהלה, פאַר אַ רב. איבער אַט־די אומשטענדן, ווייזט אויס, איז אונזער ראש־ישיבה שטענדיק געווען אין אַ שטאַרק אויפגערעגטן געמיט.

נאָכן אויסזען, איז אונזער רב געווען אַ מאַן אין די פופצי־קער, געווען פון אַ געזונטן, שטאַרקן געבוי, פון מיטעלן וואוקס, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַ געדיכטער, ברייט־פאַנאַנדערגעשפּריי־טער באָרד, וועלכע איז שוין געווען היבשלעך באַזילבערט. גיין פלעגט ער מיט גיכע, אָבער זיכערע טריט, צוקלאַפּנדיק דערביי מיט זיין גראָבן שטעקן. שטענדיק געאיילט זיך, וואַרפנדיק שאַר־פע בייזע בליקן אויף אַלע אַנטקעגנקומענדיקע מענטשן, פלעגט ער מאַכן דעם איינדרוק פון איינעם, וואָס איז שטאַרק פאַרנומען, וואָס איילט זיך צו אַ זייער וויכטיקן ענין. ווען מענטשן פלעגן דערהערן דאָס קלאַפּן פון זיין שטעקן און דערפילן אויף זיך דעם בייזן קוק פון זיינע אויגן, פלעגן זיי אויף שנעל אַראָפּגיין פון הילצערנעם טראָטואַר, אום ניט צו זיין אין וועג דעם איילנדיקן, ברייט־פּלייצעדיקן רב.

אין דער ישיבה פלעגט ער אריינקומען שוין נאָכמיטאָג, אזייגער איינס. אָבער די ישיבה־בחורים פלעגן זיך אָנהויבן צו־נויפקלייבן נאָך פון עלף אַזייגער אין דער פרי. ווער עס האָט זיך פאַרנומען מיט חזר׳ן דעם שיעור, און ווער עס פלעגט זיך אַרומדרייען גלאַט אין דער וועלט אריין. בכלל איז דאָרט געווען אַ שרעקלעכער ליאַרם און געטומל פאַר דער צייט, וואָס מען פלעגט וואַרטן אויפן אָנקומען פון ראש־ישיבה. אָבער ווי נאָר עס פלעגט זיך דערהערן דאָס קלאַפּן פון זיין שטעקן און ווי נאָר ער פלעגט זיך באַווייזן מיטן רעש און געטומל, וואָס ער פלעגט אָנמאַכן מיטן בריאָזגען פון די גרויסע גלעזערנע טירן, פלעגן אַלע מיט אַמאָל ווי בלייבן אָן לשון.

קיינעם ניט אָנקוקנדיק, פלעגט ער פאַרנעמען זיין פּלאַץ אין סאַמע מיטן פון דער לאַנגער זייט פון טיש. מיט אַ שטימע פול מיט פאַרביטערונג און צאָרן, פלעגט ער זיך ווענדן צו איינעם פון די עלטערע בחורים צו זאָגן פונעם שיעור, וואָס ער האָט מיט אַ טאָג פריער פאַרגעבן. און עס פלעגט זיין כמעט ווי אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, ווי אויסהערנדיק אַזוי דעם ערשטן תלמיד פלעגט זיך עפענען די טיר און עס פלעגן זיך באַווייזן צוויי קריי־גערישע צדדים, וועלכע האָבן מיט ציטערדיקע הערצער פאַרלאָזן זיך, אויף דעם גערעכטן פסק־דין, פון אונזער חשוב׳ן דיין.

דערזעענדיק די אידן, פלעגט דער ראש־ישיבה געבן א האסטיקן שפרונג ארויס פון זיין ארט, און אריינגעמען זיי אינווייניק אין בית המדרש; צום סאמע אויבנאן, הארט לעבן דעם ארון־קודש.

אזוי ווי די טירן פון אונזער חדר פלעגן בלייבן ברייט־אפן, האבן מיר, די תלמידים, געהאט די געלעגנהייט נאכצופאלגן, וואס עס קומט פאר דארטן לעבן ארון־קודש. עס איז געווען א מערקווירדיקע זאך, ווי אונזער רבי, פלעגט ווערן דערביי גאר אן אנדער מענטש. זיין שלעכטע אויפגערעגטע שטימונג, מיט וועלכער ער פלעגט זיך זעצן צו אונזער טיש, פלעגט אינגאנצן פארשווינדן, און פארביטן ווערן מיט א שטימונג פול מיט לעבן און פרייד. ער פלעגט אויסהערן די קריגערישע צדדים מיט א פנים פול מיט שמייכל. אמת, מיט ניט גאר קיין נאטירלעכן שמייכל, ריכטיקער איז עס געווען א שמייכלען, פון א מין הכנעה'דיקן געמיט, ווי דאס שמייכלען פון א בעטלער צו זיין נדבן, און בעל טובה. באזונדערס איז אט־דער מיאוס'ער שמייכלען געווען צו באמערקן, ווען איידער וואס ווען, פלעגט ער א פרעג טאן: ווער וועט איינלייגן דאס בוררים־געלט, און יעדער צד פלעגט זיך וועלן אויסדרייען מיט דעם אויסרייד, אז איינלייגן דארף דער שולדיקער צד, און אזוי ווי יעדער צד האט זיך באטראכט פאר ניט שולדיק, פלעגט זיך אנפאנגען א לאנגע דינגעניש, ביז אונזערן דין פלעגט ענדלעך געלינגען, צו זען זיך מיטן ביסל מזומנים.

אין זיין גייציקייט נאך געלט, פלעגט אונזער ראש־ישיבה שטילערהייט, ווען קיינער פלעגט ניט זען, אפשטעלן און מאנען פון יעדן תלמיד וויפיל עס פלעגט זיך לאזן — ביי וועמען פינף רובל און ביי וועמען מערער, און אז ער האט געוואוסט, אז דעם תלמיד'ס פאטער איז אן ארעמאן אן אביון, איז א רובל אויך געווען גוט. און וויי איז געווען צום אינגל, וואס האט אפילו קיין איין רובל ניט געקענט געבן. אזא איינער איז געווען פארן ראש־ישיבה דער אמת'ער שעיר לעזזל, אויף אויסצולאזן צו אים זיין ביטער הארץ. אזא ארעמער אינגל, ניט האבנדיק די מעגלעכקייט צו באצאלן אן עלטערן בחור פאר ארויסהעלפן אין לערנען דעם שיעור, פלעגט פארשטייט זיך, גאנץ ווייניק באנעמען דאס הארבע לערנען פון דער ישיבה. פלעגט אים דער ראש־ישיבה געבן א

נעם אויף אַ פאַרהער. דער אינגל פלעגט אָנהויבן שטאַמלען ניט וויסנדיק, וואָס צו זאָגן, און דאָס טאַקע האָט דער רבי געוואָלט. אויסשטרעקנדיק זיינע לאַנגע האַריקע אָרעמס, פלעגט ער אַריינטיילן דעם אָרעמען אינגל, אַ פּאָר פייערדיקע פּעטש. דעם נקמה־אַקט דורכגעפירט, האָט זיך אונזער ראש־ישיבה דערפילט ווי שטאַרק דערלייכטערט, אויף אַזוי פיל, אַז ער פלעגט אפילו פאַר־פירן אַ גאַנץ געמיטלעכן געשפּרעך מיט די געציילטע פאַרמעגלעכע תלמידים, צו וועלכע ער האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן אַ גרויסן רעספּעקט . . .

אין די זומערדיקע פרייטיק־טעג, ווען מען האָט אין דער ישיבה ניט געלערנט, פלעגט דער ראש־ישיבה, אַרום איינס בייטאָג, גיין אין מרחץ אַריין. נאָכן מרחץ פלעגט ער נאָך באַוויזן אָראָפּ־צוכאַפּן זיך מיט אַ בעל־עגלה צום וואָקזאַל, וועלכער האָט זיך געפינען אַ דריי וויאָרסט פון שטאָט. אויף אַ וואָקזאַל קאָן מען זיך באַגעגענען מיט פאַרשיידענע סוחרים, ביי וועלכע מען קאָן אַמאָל כאַפּן אַ פינפערל און מערער, פאַר עפּעס אַן עצה, אָדער אַ גוטן פּלאַן, וואָס אַ סוחר נויטיקט זיך אַמאָל אין זיינע געשעפטן.

הכלל, אונזער ראש־ישיבה איז געווען אַ זייער פאַרנומענער מענטש. ער איז געווען אַ רב, מיט אַ נשמה פון אַ סוחר. פון דער תורה האָט ער זיך געמאַכט אַ סחורה אויף צו האַנדלען מיט דעם, און צו מאַכן וואָס מערער געלט. ווען זיין מזל וואָלט געווען גע־בוירן צו ווערן אין אַזאַ שטאָט ווי ניו יאָרק, וואָלט ער זיכער אויסגעוואַקסן אַ זייער דערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן. אָבער אין דער קליינער שטאָט אָרשע, האָט ער זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן, אַזוי ווי עס וואַרפט זיך אַרום אין אַ שטייג אַ געפאַנגענער לייב, און מיט דעם גאַנצן אַרומלויפן, האָט ער קוים באַוויזן צו מפרנס זיין זיין ווייב און קינדער.

* * *

עס איז געווען, אין דעם צווייטן זמן, פון מיין לערנען אין דער ישיבה, אין איינעם זייער אַ הייסן פרייטאָג בייטאָג, ווען איך האָב זיך אָוועקגעלאָזט מיט אַ פּעקעלע וועש אונטערן אָרעם אין

דער ריכטונג פון דעם אַרשע׳ר בית־מרחץ. אין אַרשע זיינען גע־
ווען צוויי בעדער. איין באָד איז געווען אין סאַמע צענטער פון
שטאָט אַרום דעם מאַרק־פּלאַץ, וואו עס זיינען געווען פאַרשיידענע
מאָדערנע איינריכטונגען, ווי למשל, שפּריצערס און שערערס, און
וואו מען האָט זיך געמאַכט מאַסאַזשן און נאָך ענלעכע גרויס־
שטאָטישע פאַרגעניגנס. אָבער דערפאַר האָט דאָרט געקאָסט די
הויכע פּרייז פון פינף־און־צוואַנציק קאָפּיקעס דער אַריינגאַנג.

די צווייטע באָד האָט זיך געפונען שוין אין עק שטאָט, אונ־
טערן דניעפּער, און איז געווען ענלעך צו אַלע קליין־שטעטלדיקע
בעדער. עס איז דאָרטן געווען אַ „פּאָל" (אַזעלכע בענק) אויף
וועלכע מען פלעגט אַרויפקריכן און וואו מען פלעגט זיך גוט אויס־
שוויצן, שמייסנדיק זיך דערביי מיט אַ בעזים פון ווייכע בעראָ־
זעווע בלעטער, און דער אַריינגאַנג האָט געקאָסט נאָר פינף קאָ־
פּיקעס.

צוקומענדיק נעענטער צו דער באָד, האָב איך געטראָפן
דאָרט שטייענדיק אַ פאַרשוויצטן מיין רבי'ן, דעם ראש־ישיבה.
קלאַפּנדיק מיט כעס, מיט זיין גרויסן שטעקן אין דער ערד און
אויסשפּייענדיק,שרייט ער אויס: „חצופות, אַזוינע חצופות, פאַר־
נומען אויף אַ גאַנצן טאָג די באָד. איבער די חצופות וועל איך
נאָך פאַרשפּעטיקן צום וואָקזאַל". דער גאַנץ גרויסער קרייז אידן,
וועלכע האָבן אַרומגערינגלט אונזער ראש־ישיבה, האָבן אַראָפּגע־
לאָזט די אויגן צו דער ערד, און געשמייכלט אין זייערע בערד,
יעדן מאָל, ווען זיי האָבן געהערט ווי דער רב שרייט אויס: „אַזוינע
חצופות, אַזוינע חצופות!"

וואָס איז געווען די מעשה? אָט־וואָס:

אַזוי ווי די באָד האָט באַדינט סיי מענער און סיי פרויען,
איז געווען איינגעשטעלט, אַז די פרויען זאָלן נוצן די באָד ביז
צוועלף אַזייגער פרייטיקדיקן טאָג, און פון צוועלף זאָלן איר נוצן
די מענער. האָט אָבער דעם פרייטיק געטראָפן, אַז עס זיינען אָנ־
געקומען אַזוי פיל, קיין עין־הרע יונגע ווייבלעך, וועלכע באַדאַרפן
מקיים זיין די מצוה פון טבילה, אַז ווען דער זייגער האָט געשלאָגן
צוועלף, זיינען נאָך איבערגעבליבן וואַרטן אויף זייער ריי אַ היב־
שע צאָל ווייבער. אָבער אונזער רב איז אַ שטאַרק פאַרנומענער

מענטש, איז דערפאַר געווען זיין גרימצאָרן אויף די „חצופות".

אַזוי שרייענדיק, און זעענדיק, אַז עס איז אַ מעשה אַן אַן עק, האָט ער זיך מיטאַמאָל געווענדעט צום פאַרזאַמלטן עולם: „קומט אַריין אידן, וואָס ווען מיר זיך דאָ באַלאַמוטשען איבער די חצופות" . . . און ווי אַ געטרייער מנהג־בדור (וועג־ווייזער) האָט ער דער ערשטער, אויפגעפּראַלט מיט זיין שטעקן די באָד־טיר, און מיר, דער עולם האָבן אים נאָכגעפאָלגט.

„טוט זיך אויס" — האָט ער באַפוילן באַלד נאָך דעם ווי מיר זיינען אַריין אינווייניק, — „טוט זיך אויס, האָט ניט קיין מורא, פאַר די חצופות!"

אויסטועענדיק זיך, האָבן מיר באַלד דערהערט אַ קוויטשען און אַ שילטן פון די אַלע פרויען, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער אַנדערער זייט פון דער גאַנץ־דינער וואַנט, וואו עס האָט זיך געפונען די מקוה. „אַ רב איז דאָס" — האָבן מיר דערהערט אַ מענה־לשון — „אַזוינע רביים האָט מען באַדאַרפט, גאָטעניו, וואָס מער זייען און זאָלן וואָס ווייניקער אויפגיין". „דו, ווייסט, באַשע, וואָס איך האָב געהערט? — ער שלאָגט מכות־רצח זיין ווייב, די רבי'צן. ניט אומזיסט זעט מען איר קיינמאָל ניט אויף דער ווייסער וועלט. ווי קאָן זי זיך באַווייזן פאַר מענטשן, אַז זי איז שטענדיק אַ צעביילטע מיט בלויע סיניאַקעס אויף איר לייב. און פאַרוואָס מיינסטו, איז זיין טאָכטער משוגע געוואָרן? דאָס האָט ער איר, דער גזלן, משוגע געמאַכט מיט זיין שטענדיקן שלאָגן איר. אַ רב איז דאָס? אַ חוצה איז ער, אַ גזלן. מען האָט אים גאָר באַדאַרפט אָוועקשטעלן אינמיטן וואַלד מיט אַ האַק אין האַנט, אַז צעברעכן זאָל ער אַ פּוס, ווען ער וועט אַריינגיין אין באָד".

„הלואי, רבונו של עולם" — האָט זיך דערהערט די צושטימונג, פון אַלע ווייבערישע מיילער.

אונזער רב איז געזעסן אַ נאַקעטער, האַלטנדיק זיין קאָפּ טיף אַריינגעגראָבן אין זיינע גרויסע האָריגע הענט. אַזוי ווי דורך דעם פאַרהויז, וואו מיר זיינען געזעסן נאַקעטע, האָבן באַדאַרפט אַרויסגיין די פרויען, ווען זיי זיינען ענדלעך פאַרטיק געוואָרן מיט דער מצוה פון טבילה, האָט אונז דער בעדער אויפגעעפנט די טיר

פון אַ זייטיקן פינסטערן חדר, וואוהין מיר זיינען אַריינגעגאַנגען, אויסשרייענדיק צו די ווייבער, אַז זיי קענען אַרויסגיין.

שעלטנדיק און קוויטשנדיק האָבן די פרויען פאַרלאָזן די באָד אין וועלכער, מיר די מענער, בראש מיט אונזער ראש־ישיבה, האָבן אַריינמאַרשירט.

נאָך אַט־דעם אינצידענט אין באָד, איז מיין חשיבות צום ראש־ישיבה נאָך מער געפאַלן. בכלל איז מיין לערנען אין דער ישיבה געוואָרן אַלץ ווייטער ניט מער ווי אַ צוועקלאָזער צייט־פאַרטרייב. איך האָב קיין אינטערעס ניט געפונען אין די לימודים דאָרטן, ווייל איך בין שוין געווען אינגאַנצן פאַרכאַפּט אין די לימודים, וועלכע מיין קאַזינע כאַשקע האָט מיט מיר געלערנט. און געלערנט האָט זי מיט מיר רוסיש, געאָגראַפיע און חשבונ׳ען.

* * *

דאָס לערנען אין דער ישיבה איז געוואָרן פאַר מיר ניט מער ווי אַ שווערע לאַסט. קיין אַרויסהעלפער האָב איך ניט געהאַט, ווייל מיין פאָטער האָט מיר ניט געקאָנט געבן די נויטיקע פאַר רובל, וואָס מען האָט געדאַרפט פאַר דעם צאָלן. אפילו ווען איך וואָלט געהאַט אַן אַרויסהעלפער, צווייפל איך שטאַרק, צי ער וואָלט מיר געקאָנט פאַרבעסערן מיין באַציאונג צום ראש־ישיבה מיט זיינע לימודים. ווי עס ווייזט אויס, האָט דער ראש־ישיבה פון זיין זייט דערפילט, אַז עפּעס קוק איך אויף אים לעצטנס מיט ניט גאָר קיין פריינטלעכע בליקן. אַ האָרץ — פילט אַ האָרץ. האָט ער מיך איינמאָל אָנגעכאַפּט אין גאַס, און גענומען פון מיר אַ רובל. אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז מיין פאָטער שיקט מיר ניט קיין געלט, האָט ער מיט כעס אויסגעשריגן: „דיין טאַטע איז אַ גרויסער פערד!” און איז אַוועק, צוקלאַפּנדיק מיט זיין שווערן שטעקן.

אויף מאָרגן, אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, האָט ער מיך גענומען אויפן צימבל: „אַנו, דו דאָרטן, זאָג פון דעם שיעור!” האָב איך זיך אָנגעהויבן טרייסלען ווי אַ בלאַט, און ניט געקענט

אויסריידן אַ וואָרט. האָט ער זיך, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַ וואָרף געטאָן לענגאויס דעם טיש, אַפּוואָרפנדיק אַן אַ זייט די עלטערע אינגלעך, וועלכע זיינען געזעסן צווישן אים און מיר, און קוים דערגרייכנדיק צו מיר מיט זיינע לאַנגע הענט, האָט ער מיר אַריינגעטיילט אַ פּאָר גאַנץ וואַרעמע פּעטש.

* * *

נאָך ביי היינט־צו־טאָג ווערן אָנגעפירט אין דער פּעדאַגאָגי־שער וויסנשאַפט הייסע דעבאַטן וועגן דער נוצלעכקייט פון קער־פּערלעכער באַשטראָפונג אין די שולן. וואָס אַמבאַלאַנגט מיר פּערזענלעך, וואָס איז געווען אַ דירעקטער קרבן פון קערפּערלעכער באַשטראָפונג, מוז איך מודה זיין, אַז יענע צוויי פּעטש, וועלכע דער ראש־ישיבה האָט מיר דאַן דערלאַנגט, האָבן געדינט פאַר מיר ווי די בעסטע סגולה, ווי אַ נויטיקער סטימול צו מיין דע־מאָלטיקן ניט נאָרמאַלן צושטאַנד. עס פּלעגט מיר באמת פּלאָגן מיין געוויסן יעדן מאָל, ווען איך פלעג דאַרפן עסן אַ „טאָג". איך האָב זיך געפילט ווי אַן אומזיסטער עסער. די גוטע, ערלעכע מענטשן, וועלכע האָבן מיר געגעבן די „טעג" זיינען פון מיר אָפּ־גענאַרט געוואָרן. זייער ציל איז געווען צו פאַרדינען זיך דורך מיין תורה לערנען, דעם גרויסן זכות, וואָס עס זאָל זיי ביישטיין, ווען שטייענדיק פאַר די טויערן פון גן־עדן . . . האָב איך זיך אַ לאַנגע צייט געפּלאָגט אין מיין געוויסן, און געזוכט וועגן און מיטלען, ווי אַזוי אַרויסצורייסן זיך פון מיין ניט־נאָרמאַלער לאַגע.

איך האָב דאַן אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו צו מיין עלטערן ברודער, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין דער גרויסער שטאָט סמאָלענסק. עס האָט לאַנג ניט גענומען, און איך האָב פון אים באַקומען אַן ענטפער־בריוו אין וועלכן ער האָט מיר געשריבן, אַז ער האָט געפונען פאַר מיר אַ פּלאַץ וואו איך וועל זיך לערנען די אַרבעט פון מאַכן פּאַפּירענע קעסטעלעך. מיין פרייד איז געווען אין לשער. ווען איך באַגעגן דערמאָלט דעם ראש־ישיבה מיינעם,

וואלט איך אים געכאפט קושן. סך־הכל א פאר פעטש, און וואס זיי האבן פאר מיר אויפגעטאן!

* * *

יענער ראש־ישיבה איז שוין לאנג אויפן עולם האמת. עס מאלט זיך מיר מיט מיין כח הדמיון, וואס פארא גרויסע שטע־רונגען דער קטיגור האט געמאכט מיין רבי׳ן ביים אריינגיין אין גן־עדן. שוין די „מעשה באד" אליין איז געווען גענוג צו פארשטעלן אים דעם וועג. אבער איך וויל מיך טרייסטן, אז נאך די פילע שקלא׳ם וטריא׳ם (פארהאנדלונגען) איז דאך געלונגען דעם גוטן סגינור בייקומען דעם שלעכטן קטיגור, מיט דעם שטארקן ארגו־מענט, אז די פאר פעטש מיט וועלכע דער ראש־ישיבה האט גע־עפנט די אויגן א פארבלאנדזשעטן אינגל און האט אים אזוי ארום ארויפגעפירט אויפן ריכטיקן וועג — אז אט־דער גוטער טאט אליין איז מכפר זיינע אלע עבירות, שוין אריינגערעכנט די „מעשה באד", און מיין פיל־געפרואווטער רבי, איז ענדלעך אריינגעטראטן מיטן געהעריקן כבוד, אין ליכטיקן גן־עדן אריין . . .

פון קאַבאַנעװע
ביז מאָנטרעאָל

איך בין געבוירן אין 1890, אין א דאָרף באַ דער סטאַנציע קאָבאַנעווע, ווייס־רוסלאַנד. איך בין געווען דאָס פינפטע קינד באַ מיינע עלטערן.

מיין מאַמע פלעגט מיר שטענדיק פאַרוואַרפן: „אַז איבער מיר איז זי קראַנק". און זי איז געווען גערעכט: זינט מיין געבוירן האָט זי געליטן פון אַ מאָגן־קרענק, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט היילן. איינער אַ פוילישער דאָקטאָר פון אָרשע, האָט איר אפילו פאַרזיכערט, אַז עס איז נישט קיין געפערלעכע קראַנקהייט, און אַז זי קאָן אַזוי לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. ער האָט איר צוגעשריבן עפּעס אַ פּראַשעק, וואָס זי פלעגט אַליין דערנאָך צונויפמישן מיט פאַרשיידענע זאַלצן, — ביטער־זאַלץ, ציטרין־זאַלץ, און נאָך אַנדערע מינים זאַלצן. און עס איז טאַקע געווען מיין אַרבעט צו לויפן אין דער אַפּטייק אָדער אין באַקאַלעי־קלייטל צו ברענגען אָט־די זאַלצן, וואָס זי האָט געטרונקען אויפן ניכטערן האַרצן מיט אַ גלאָז קאַלט וואַסער.

דערצו האָט זי געליטן אויף אַ מין שלוקעכץ; און אויך פאַר אָט־דעם שלוקעכץ בין איך געווען שולדיק! — אַזוי האָט מיר די מאַמע נישט איין מאָל מיט רוגזה געזאָגט. ביז מיין געבוירן, — האָט זי אַלע מאָל גע׳טענה׳ט, — איז זי געווען געזונט און שטאַרק און איך האָב איר געבראַכט אַלע צרות און ווייטיקן.

האָב איך איר אַמאָל געפרעגט: ׳אויב אַזוי, צו־וואָס האָסטו מיך געדאַרפט געבוירן?" דערויף האָט מיר מיין מוטער געענט־

פערט פרום: „אַלץ איז באַשערט פון גאָט און וואָס ער טוט, איז גוט.“

מיין שוואַכע, פאַר דער צייט פאַרעלטערטע מוטער, האָט געקענט שרייבן און לייענען אידיש, און ווען זי איז געווען פריי, פלעגט זי ארויסנעמען פון שופלאַד אַ פּאַק תחינות און לייענען מיט אַ וויינענדיקער שטימע. זי האָט אויך ליב געהאַט צו דער־ציילן אונז, קינדער, מעשיות פון אַמאָל. איבערהויפּט האָט זי עס געטאָן אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן. מיר פלעגן אַלע זיך ארויפקלייבן אויפן אויוון, און די מאַמע האָט דערביי געפּליקט פעדערן אָדער פאַררינכט אַ זאַק. זי האָט אונז דערציילט, ווי איר פאָטער האָט געאַרבעט ביי טרייבן פּליטן אויפן דניעפּער. ווען ער איז נאָך יונג געווען, דער זיידע, איז ער איין מאָל געקו־מען אהיים מיט אַ שווערן הוסט און צו פינף־און־דרייסיק יאָר איז ער געשטאָרבן. איר מוטער, — די באָבע עטע, האָט באַלד חתונה געהאַט פאַר אַ צווייטן מאָן, — אַ שוסטער, און איר, דער מאַמען האָט מען אָפּגעשיקט קיין מאָהילעוו, וואו זי איז געוואָרן אַ דינסט בא אַ רייכן קצב.

די מאַמע פלעגט אונז דערציילן, אַז זי איז דאָן געווען שיין און געזונט, און געהאַט אַ פּאָר פולע ראָזע באַקן. איינקוקנדיק זיך אין איר איצטיקן טונקל־געלן פּנים, האָט זיך עפּעס נישט גע־גלויבט, אַז זי זאָל טאַקע זיין אַמאָל געזונט און שיין און מט פולע ראָזע באַקן. שפּעטער, ווען איך בין עלטער געוואָרן, און די על־טערע שוועסטער איז אויסגעוואַקסן, הויך און שיין, און די מוטער פלעגט אונז פאַרזיכערן, אַז זי האָט אַזוי אויסגעזען מיידלווייז, האָב איך געוואוסט, אַז די מאַמע האָט געזאָגט אַ אמת, אַז זי איז טאַקע אַמאָל געווען שיין און געזונט.

ווען זיצנדיק אין די ווינטער־אָוונטן, אויפן אויוון, אַרום דער מאַמען, אַזוי ווי קליינע הענדעלעך אונטער די פליגלען פון דער מאַמע־הון, פלעגן מיר קינדער, הערן דער מאַמעס אָפּטע באַמער־קונג, אַז איך בין באַ איר אַ געפונענער, אַז אייניקע מאָל האָט זי גע־מיינט, אַז איך גיי אַוועק פון דער וועלט פאַר מיין צייט. שוין באַ מיין ברית, אויפן אַכטן טאָג פון מיין לעבן, איז זי געווען

זיכער, אַז איך שטאַרב אַוועק. עס איז געווען אַ וואָך פאַר פורים. ווינטער, טיפע שנייען, קוים וואָס מען האָט געקאָנט צוקומען צום דאָרפישן שטיבל. דער טאַטע האָט באַשטעלט פורן צו ברענגען פונעם דערבייאיקן שטעטל דעם מוהל מיט אַ מנין אידן. די אקושערין איז געווען טאַקע די באָבע עטע, א אידענע אין די זיבעציקער. אָפּגעפּראַוועט דעם ברית, זיינען זיך אַלע צעפאָרן. ערשט פאַרנאַכט האָט מען זיך געכאַפּט אַז דאָס קינד ליגט אין אַ טייך בלוט, און עס גוססט. די באָבע עטע האָט געברענט פּאַפּיר, צוגעלעגט דעם פּאַפּיר־אַש צום געאידעשטן בלוטיגטן אבר, און דאָס קינד איז געבליבן לעבן.

אויך מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער בין איך געווען מסוכן קראַנק, געלעגן באַ דער מאַמעס שטיף־פאָטער אין קאָכאַנעווע. פרייטיק פאַרנאַכט באָם ליכט בענטשן, האָט דער זיידע ישראל געהייסן אָנצינדן נאָך אַ ליכטל נאָך מיר, ווייל מען האָט געהאַלטן, אַז עס איז שוין נאָך אַלעמען מיט מיר. אָבער דאָ האָט דער טאַטע אַריינגעגאָסן מיר אין מויל אַריין אַ לעפעלע פּאָרט־ווייַן, און דאָס קינד האָט געעפנט די אויגן.

די מאַמע פלעגט אַלעמאָל איבער'חזר'ן, אַז ביז ערשט ניט לאַנג בין איך געווען אַ גרויסער פליאַגע. איך האָב אָנגעהויבן אַרומגיין ערשט צו פינף יאָר. און דערפאַר האָט זי מיך גערופן „שעדיון".

פון מיין לעבן אין דאָרף געדענק איך זייער ווייניק. ווי דורך אַ נעפּל קומען אַרויף אין מיין זכרון אייניקע קינדער, מיט וועלכע איך האָב זיך דאָרטן געשפּילט. עס האָבן געוואוינט דאָן אַרום וואָקזאַל נאָך עטלעכע אידישע פאַמיליעס. זיי האָבן געהאַלטן קרעטשמעס. מיין טאַטן האָט מען גערופן „הושיע דער וואָקזאַלנער".

עס איז געווען דאָרטן אַ איד מיטן נאָמען יוסף דער קרעטשמאַר. ער האָט געהאַט אַ גרויס הויז. אין איין העלפט איז געווען די קרעטשמע, און אין דער אַנדערער — זיין וואוינונג. אין אַ קליין חדר'ל איז דאָרטן געזעסן מיט אַ ספר אין האַנט יוסף'ס שווער, אַן אַלטער איד מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד, מיט בלויע

שפּאַקולן אויף די אויגן. איין מאָל, געדענק איך, האָט ער מיך אַריינגענומען צו זיך אין חדר׳ל, מיך אַרומגעוואַשן, פאַרקעמט מיינע האָר און באַשמירט זיי מיט אַזאַ מין פּאָמאַדע, וואָס האָט געהאַט דעם ריח פון מאַנדלען. דערביי האָט ער צוגעקרעכצט: „דיין קראַנקע מאַמע, נעבעך, האָט קיין צייט נישט אויסצוואַשן דיך, אַ קליניקייט עפּעס, אַזאַ אַראָווע מיט קינדער, קיין עין הרע!״

פון מיין מאַמעס מעשיות אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אונזער הויז האָט אַמאָל געוואוסט אויך פון בעסערע צייטן. אונזער סטאַנציע איז געווען אַמאָל אַ גרויסער תבואה־צענטער, פון וואַנעט עס זיינען געגאַנגען פראַכט־וואַגאָנען, אָנגעלאָדן מיט אַלערליי תבואות. און דער טאַטע מיינער, יונג און געזונט ווי ער איז דאַן געווען, האָט גוט פאַרדינט באַם אָנלאָדן די וואַגאָנען. די מאַמע האָט אויך דערציילט, אַז מיר האָבן פאַרמאָגט אַמאָל אַן אייגענע קו, און צו די עלטערע צוויי אינגלעך מיטן מיידל, האָט מען אפילו אַריינגענומען אַ מלמד. דער מלמד איז טאַקע געווען מיין מאַמעס אַ פּלימעניק, דער עלטסטער זון פונעם פעטער אַלטער, וועלכער האָט דאַן ערשט פאַרלאָזט די ישיבה.

אָבער יענע גוטע צייטן זיינען שוין לאַנג אַוועק, און איצט איז געווען זייער טרויעריק. עס איז אַרוים די גזירה אַרויסצוטרייבן די אידן פון די דערפער, און מיינע עלטערן האָבן זיך געמוזט באַזעצן אינעם שטעטל קאָכאַנעווע.

איך דערמאָן מיך, ווי מיין טאַטע האָט מיך איינמאָל געטראָגן אַ קראַנקן, צום שטעטלשן דאָקטאָר. אַדורכגייענדיק די אַלטע שול, האָט מיר דער טאַטע געזאָגט: „אַז גאָט וועט געבן און דו וועסט געזונט ווערן, וועסטו גיין אין שול דאַוונען און לערנען דאָרט גאָט׳ס תורה!״ און גאָט האָט טאַקע געהאָלפן, איך בין געזונט געוואָרן, און דער טאַטע האָט מיך אַמאָל אין איינעם אַ פרימאָרגן איינגעוויקלט אין זיין טלית און מיך געבראַכט אין שול אַריין צו נח דעם שמש.

נחַ דער שמש איז געווען אַ איד מיט אַ געדיכטער באָרד. ער איז אויך געווען אַ מלמד. די תלמידים האָבן זיך געפילט מיט

אים זייער גוט און פריי. קיין קאַנטשיק האָט ער ניט גענוצט. אין דער שול איז געווען אַ מין תלמוד־תורה, וואו די אָרעמסטע קינדער פון שטעטל האָבן געלערנט אומזיסט, אָן קיין שכר לימוד. עס איז געווען אַ צדקה־זאַך, סיי מצד די רעדל־פירער פון שטעטל, און סיי מצד ר' נח דעם שמש. ווען ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן אויפראַמען די שול און ברענגען אַלץ אין אָרדענונג, האָט ער זיך גענומען צו אונז, קינדער. דערפאַר, הפּנים, האָט אים נישט שטאַרק געאַרט, אויב מיר האָבן נישט אַזוי פלייסיק געלערנט. ער פלעגט שטענדיק קוקן אויף אונז מיט אַ קאַלטן שמייכלענדיקן בליק.

אפילו בּאַ מיין ערשטן קומען צו אים, האָט נח דער שמש מיך אָפּגענאַרט. עס איז אַראָפּגעפאַלן אויף מיין קאָפּ אַ צוקערקע, און ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז דאָס האָט אַראָפּגעוואָרפן אַ מלאך פון הימל פאַר מיין גוט לערנען. איך האָב נישט איין מאָל דערנאָך אַרויפגעקוקט צום באַלקן צו זען, פונוואַנעט אייגנטלעך די צוקערקע איז אַראָפּגעפאַלן גלייך צו מיר.

אין יענער צייט האָבן מיר זיך מיט דער מאַמען אַריבערגע־צויגן אין מיין פאָטערס געבוירן־שטעטל שמיליאַן (אויף רוסיש — סמאָליאַני). מיר האָבן געוואוינט בּאַ מיין טאַטנס עלטערן, דער זיידע שלמה און די באָבע רישע. דער טאַטע איז פאַרבליבן אין קאַכאַנעווע.

דער זיידע איז געווען אַ שניידער, געניית פון די לייוונטן, וואָס די פּויערן האָבן אים געבראַכט. ער פלעגט אַראָפּנעמען אַ מאָס, צושניידן און אַלץ נייען מיט דער האַנט, זיצנדיק אויפן טיש, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס. בּאַ דער זייט איז געזעסן די גוטע באָבע, וואָס האָט אים געהאָלפן נייען. אויף דער זעלבער גאָס האָט דער זיידע געהאַט אַ קאָנקורענט, — טאַקע זיינעם אַ קאָזין, וואָס האָט שוין געהאַט שכל צו קויפן אַ ניי־מאַשין. ווען מיין זיידע האָט זיך דערוואוסט, אַז דער קאָזין מאַכט צען מאָל אַזוי פיל אַרבעט ווי ער, האָט דער זיידע פון פאַרדרוס אויפגעהערט צו ריידן מיט אים. ער איז אים געווען אַ דם־שונא אויפן גאַנצן

לעבן. אָבער קויפֿן אַ ניי־מאַשין האָט דער זיידע בשום אופֿן נישט געוואָלט, ער איז געווען אַ גרויסער עקשן, זאָל ער מיר מוחל זיין!

מיך האָט מען אַריינגעגעבן אין חדר צום פֿעטער איטשע, דעם טאַטנס איינציקער ברודער. עס האָט ניט גענומען לאַנג, אַרום אַ האַלב יאָר, האָט מען אין איינעם אַ זומערדיקן פֿרימאָרגן אַנגעפּאַקט אַ פֿור מיט די הויז־מכשירים, אַרויפֿגעזעצט אויף דער פֿור די מאַמע מיט די קלענערע קינדער. מיך האָט מען איבערגעלאָזט מיטן זיידן און דער באָבען. אומזיסט בין איך נאָכגעלאָפֿן נאָך דער פֿור, זיך געוואָרפֿן אויף דער ערד, געשריגן מיט באַנומענע קולות. די פֿור איז שפּורלאָז פֿאַרשוואונדן פֿון מיינע אויגן. די באָבע, די טייערע באָבע רישע, האָט מיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד, געבראַכט אין שטוב, דערלאַנגט מיר מיין באַליבט מאכל — זויערמילך מיט אַן אוגערקע — און איך בין אוועק איז חדר אַריין.

אַזוי־אַ בין איך געבליבן באַם זיידן אַ גאַנץ יאָר. מיין זיידע האָט געהאַט אַן אייגן הויז, מיט אַ גאָרטן הינטערן שטוב, מיט אַ ציג, וואָס איך פֿלעג זי האַלטן ביי די הערנער, ווען די באָבע האָט זי געמאָלקן. עס ליגט מיר נאָך איצט דער טעם פֿון דער ציגן־מילך, וואָס די באָבע פֿלעגט מיר געבן צו טרינקען. ס'האָט געהאַט אַ מילדע זיסקייט. וואָס האָט מיך פֿאַרשלעפּערט מיט אַ קינדעריש, זאָרגלאָזן שלאָף.

מיין זיידע האָט געהאַט אַ געדיכטע שוואַרצע באָרד מיט גרויסע געקרייזלטע פּיאות. געווען איז ער אַ קיידאַנאָווער חסיד, געווען שטרענג און פֿרום. לערנען האָט ער נישט געקאָנט. איך האָב שטאַרק מורא געהאַט פֿאַר זיין שטענדיק־בייזן קוק. פּסח צום סדר איז ער געזעסן אויף דער העסע־בעט, אַנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל. אַז איך האָב געעפֿנט די טיר, באַ „שפֿוך חמתך", פֿאַר אליהו הנביא, איז אַריינגעלאָפֿן די ציג און זיך געלאָזט גלייך צום זיידן. דער זיידע האָט אַראָפּגעכאַפּט פֿון קאָפּ זיין גרויסע סאַמעטענע יאַרמלקע און געטריבן מיט כעס די ציג, שרייענדיק דערביי: „אַרויס, דו שיקסע איינע!" איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטן פֿון געלעכטער.

יום־טוב, ווען מיין זיידע איז געגאַנגען אין שול, האָט ער אָנגעטאָן זיין שוואַרצע זשיפּיצע, מיט שוואַרצע הויזן, אויף וועל־כע ער האָט ארויפגעצויגן ביז די קנעכלעך לאַנגע ווייסע זאָקן. אָט־דער הילוך מיט די פלאַכע פאַנטאָפל, האָט אָנגעטריבן אויף מיר אַ פחד און דרך־ארץ. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אָט־די קליידונג האָבן מיר, אידן, גע'ירשנט פון דער שפּאַנישער תקופה. און יעדעס מאָל, ווען איך זע אַ דראַמאַטישע פאָרשטעלונג, אָדער אַן אָפּערע, מיט שפּאַנישע טיפּן, דערמאָן איך זיך אָן מיין זיידן און אָן זיין יום־טוב'דיקער הלבשה.

פון די פאַרשיידענע קינדער־איינדרוקן פון יענער צייט אין שמיליאַן, איז מיר פאַרבליבן אין זכרון אַ יונגער סטאָליער (טיש־לער), וואָס האָט געוואוינט קעגנאיבער מיין זיידנס הויז. איך האָב זייער גערן נאָכגעקוקט, ווי ער האָט געזעגן און געסטרוגעוועט גרויסע ברעטער און פאַרוואַנדלט זיי אין פענצטער און טירן. ער האָט אויך געמאַכט ראַמען, באַפּוצט דערנאָך מיט פאַרב און גאָלד פאַר די פויערשע איקאָנעס. איך האָב געזען ווי די פויערן, שטאַרק צופרידענע, האָבן אָפּגענומען די איקאָנעס. אויף דער אויבערשטער זייט פון דער ראַם איז נאָכגעהאַנגען אַ רויטע גלאָז, אָנגעפילט מיט בוימל אויף צו באַלייכטן די הייליקע בילדער.

איך דערמאָן מיך ווי לערנענדיק אַמאָל, איז געקומען צופאָרן מיין פעטער איטשעס אַ שוועסטער־קינד פון אַמעריקע. ער איז אויך געווען אַ שניידער. ער איז געווען פון די ערשטע עמי־גראַנטן אין שטעטל. איצט איז ער געקומען צו נעמען זיין פאַ־מיליע קיין אַמעריקע. געדענק איך גוט, ווי עס האָט זיך גע־וואָרפן מיר אין די אויגן זיין גרויסע גאָלדענע קייט, מיט אַ גרויסן מעדאַליאָן, וואָס איז זיך געלעגן אויסגעשפּרייט אויף זיין גאַנצ־דיקן בויך.

מיין פעטער איטשע האָט געהאַט צוויי דערוואַקסענע טעכ־טער און צוויי זין. זיין ווייב, די מומע קריינע, איז געווען אַ מרשעת אַ אידענע, שטענדיק האָט זי געשריגן, געשאָלטן. אוודאי האָט זי געהאַט, פאַרוואָס צו שרייען און צו שילטן. דער פעטער

האָט פאַרמאָגט אַ גאָלדענע נשמה, ער איז געווען אַ שטילער, פרו־מער איד, ער האָט געקנעלט מיט קינדער אין הויז בײַ זיך, אָבער עס איז שווער געווען מפרנס צו זײַן פון דעם אַ ווײַב מיט קינדער. האָט די מומע געבאַקן ברויט צום פאַרקויפן, און די צוויי מייד־לעך זײַנען געשטאַנען אין מאַרק מיט אָלמערלעך, אָנגעפילט מיט שפּילקעס, נאָדלען, קנעפּלעך און קינדערשע שפּילצײַג. מיר האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט אַרויסצוקריגן פון זייער אָלמערל אַ זייגערל, וואָס מען פלעגט פאַרקויפן פאַר פינף קאָפּיקעס.

איבער דעם זייגערל פלעג איך זיך אָפּשטעלן לעבן די אָל־מערלעך, יעדן מאָל, ווען איך פלעג גיין אין חדר. איך האָב זיך אפילו איינמאָל אָנגענומען מיט מוט און האָב געבעטן דער אינגע־רער שוועסטער, צו שענקען מיר אַ זייגערל, האָט זי מיך געשיקט צו דער עלטערער, צו מושין. מושי איז געווען זייער אַ שיינע מיידל, אַ הויכע, מיט אַ קאָפּ רויטע האָר. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע בלויע אויגן, און האָט מיך אָנגעהויבן צו מוסרן אַז אַ אינגל, וואָס האָט ניט קיין פינף קאָפּיקעס, טאָר זיך אים ניט וועלן קיין זייגערלעך . . .

איינמאָל האָט אַ אינגל געבראַכט צו טראָגן אין חדר אַ שיין פאַפּירן קעסטעלע פון פאַפּיראָסן. ער האָט דערפאַר געוואָלט צוויי קאָפּיקעס. קומענדיק אַהיים אָוונט־צײַט, האָב איך געבעטן בײַ דער באָבען זי זאָל מיר געבן צוויי קאָפּיקעס צו קויפן דאָס קעסטעלע, אָבער מײַן גוטע באָבע האָט נישט געהאַט. האָב איך דאַן נישט געגעסן, זיך אַוועקגעוואָלגערט אויף דער ערד, געוויינט מיט ביטערע טרערן, ביז די באָבע האָט מיר געהייסן גיין צום אינגל, ברענגען אים צופירן מיטן שיינעם קעסטעלע, וועט זי זען וואָס עס איז, וואָס עס גייט מיר אַזוי אין לעבן צו קריגן עס. דעם אינגל האָב איך נישט געטראָפן אין דער היים. פאַרשטיקט אין זיך דעם קינדערשן פאַרלאַנג, האָב איך זיך צוריקגעקערט, און שאַ־שטיל, אַ טרויעריקער, געגאַנגען שלאָפן.

ערב ראש־השנה בין איך געקומען אַהיים צו מײַנע עלטערן אין קאַבאַנעווע. אונזער הויזגעזינד איז דאַן באַשטאַנען פון אַ שוועסטער מיט אַ צוויי יאָר עלטער פון מיר, אַ אינגערן פון מיר ברודער און אַ אינגערע פאַר אים, שוועסטער. מײַן עלטסטע

שוועסטער האָט דאָן געדינט אין אָרשע, מיין עלטסטער ברודער משה מענדל, איז געווען ערגעץ אין אַ ישיבה, און דער צווייטער עלטסטער ברודער, זעליק, האָט געלערנט אין אַ טעכנישער שולע אין דובראָוונע.

געוואוינט האָבן מיר אין אַ קאַמער באַ איטשע דעם שוסטער. די ענגשאַפט האָט שלעכט געווירקט אויף מיין שוואַכער מאַמעס געמיט. ווען מיין ברודער זעליק איז געקומען אויף יום־טוב אַהיים, האָט אים איטשע, דער באַלעבאָס פון הויז, נישט אַריינ־געלאָזט, און געשריגן צו אים: „גיי פון דאַנעט, שוין גענוג אויך אָן דיר!" האָט מיין ברודער געמוזט איינשטיין באַ מיין מאַמעס שטיפפאָטער.

נאָך יום־טובים איז מיין פאָטער געוואָרן אַ מלמד. ער האָט געדונגען אַ קליין שטיבל, אין הויף פון יאַנקעלע זאַבין. מיין טאַטע האָט געקענט גוט לערנען, ער פלעגט אָפט אויך דאַוונען באַם עמוד, געווען אַ בעל־קורא (געלייענט שבת די ספר־תורה) און געווען טעטיק אין דער חברה קדישא. ער איז געווען אַ געזונטער איד, און זיך געפילט צופרידן ביי זיין שווערער אַרבעט, — באַם אָנלאָדן תבואות אין די פראַכט־וואַגאָנען. עס איז אָבער דאָן גע־ווען אַן אומגערעטעניש אויף די פעלדער, עס זיינען געשטאַנען שטאַרקע היצן, האָט עס געבראַכט אַ טריקעניש. די פויערן האָבן נישט געהאַט קיין תבואה צום פאַרקויפן, און דאָס גאַנצע שטעטל ווי האַלב אָפּגעשטאָרבן.

די מאַמע האָט אַ פרעג געטאָן דעם טאַטן: „וואָס עפּעס מיט־אַמאָל מלמדות?", האָט דער טאַטע איר געענטפערט: „זעסט דאָך, כי באו מים עד נפש!" ווערן אַ מלמד — האָט געהייסן באַ אים — קומען צו דער לעצטער מדרגה. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

די אינגלעך האָבן אָנגעפילט דאָס קליינע שטיבעלע מיט זייער־ע ווילדע קולות, די מערסטע פון זיי — מיט שווערע פאַר־שטאָפּטע קעפּ. און מיין פאָטער, אַ שטילער איידעלער מענטש, האָט שטאַרק געליטן, וואָס ער האָט באַין ברירה געמוזט גיין קנעלן. ער פלעגט זאָגן: קנעלן איז שווערער פון האַלץ האַקן. ווען איך

האק האָלץ, האָב איך אָנגעהאַקטע האָלץ, אָבער פון אַריינהאַקן די תורה אין די פאַרשטאַפּטע מוחות, קריג איך נאָר האַרצוויי־טיק!" ער האָט קיין צייט נישט געהאַט מער זיך אָפּצוגעבן מיט מיר, און דעריבער האָב איך נישט געמאַכט קיין פאַרשריט אין לערנען. איך בין געווען זייער פרום, געקענט דאָס דאַווענען אויף אויסווייניק נישט נאָר אין דער וואָכן, נאָר אויך דאָס שבת׳דיקע דאַווענען.

אַ טעם אין לערנען האָב איך אָנגעהויבן צו פילן, ערשט ווען איך בין אַריין אין דעם נייעם חדר, וואָס אַ גרופּע יונגע לייט, די „בני ציון", ווי זיי האָבן זיך גערופן, האָבן געגרינדעט בא אונז, לויטן מוסטער פון די גרעסערע שטעט. זיי האָבן אָפּגעדונגען אַ גרויס הויז, אָװעקגעשטעלט לאַנגע טישן, אַראָפּגעבראַכט פון ערגעץ אַ יונגנמאַן, אַ „דייטש", געקליידט חצי רבי און חצי לערער. מיר האָבן געדאַרפט אָנהויבן אַלץ פון „בראשית". דקדוק איז געווען זייער חשוב אין זיינע אויגן, און טאַקע באַם ערשטן פאַר־הער, ווי נאָר מיר זיינען געקומען אין דעם נייעם גרויסן חדר, האָט אונז דער נייער רבי געפרעגט, צי מיר ווייסן, וויפיל אותיות עס זיינען דאָ אין אלף־בית. קיינער פון אונז האָט נישט גע־וואוסט וואָס צו ענטפערן. און צווישן אונז זיינען געווען אינגלעך, וואָס האָבן שוין געלערנט אַ בלאַט גמרא. חוץ דקדוק האָט מען אונז געלערנט רוסיש און אויך געמאַכט מיט אונז פיזישע איבונ־גען (גימנאַסטיק).

דער גראַמער ליכטיקער חדר און די גוטע באַציאונגען פונעם נייעם רבין, האָט אונז צוגעגעבן חשק צום לערנען. עס האָט לאַנג נישט גענומען, און מיר האָבן באַהערשט גאַנץ־פיין די העב־רייאישע שפּראַך מיט די אַלע כללים פון דקדוק. עס האָבן זיך אָבער גיך געפונען קעגנער פונעם נייעם חדר, און מען האָט אָנגע־הויבן אים באַקעמפן. די מלמדים האָבן דערפילט אין אים אַ שטאַרקן קאָנקורענט. די חשובע באַלעבאַטיש, די רעדל־פירער, האָבן דערשפּירט אין דעם חדר עפּעס אַ נייעם גייסט, וואָס וועט קיין גוטס נישט ברענגען. איבערהויפּט האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוואַלד, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז מען מושטירט מיט אונז אין חדר ווי מיט סאָלדאַטן. האָט מען געליאַרעמט: וואו איז

דאָס געהערט געוואָרן, מען זאָל אין חדר זיך פאַרנעמען אַנשטאָט תורה־לערנען, מיט אַזעלכע זאַכן? . . .

האָט דער רב אונזערער באַשלאָסן צו באַזוכן דעם חדר, פאַר־הערן די תלמידים און אַליין זען, וואָס פאַר אַן אַנשיקעניש עס איז אָט־דער חדר. איז ער טאַקע אין איינעם אַ באַטאָג אַראָפּ־געקומען צו אונז, פאַרהערט די תלמידים אין גמרא, און דאַנקען גאָט, — ער איז געווען העכסט צופרידן. צולעצט האָט ער זיך גענומען צו מיר, ער האָט מיך גוט געקענט, ווייל איך פלעג זיך חבר'ן מיט זיינעם אַ זון, וואָס איז יונג געשטאָרבן. נאָכן פאַר־הערן, האָט ער מיר געזאָגט: „יעקב לייב, איך זע, אַז דו נאַרסט זיך, דו קענסט אַ סך וויניקער, ווי דו מיינסט אַז דו קענסט! דאַרפסט זיך נעמען צום לערנען מיט מער חשק און התמדה . . ."

דער רב איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער, ער האָט געהייסן אברהם יודעלטשיק, געשטאַמט פון אומאַן, זיין פאָטער איז געווען אַ בעל־מלאכה, נישט פון גרויסן יחוס, אָבער דערפאַר איז ער געווען אַ ירא שמים. זיין שיינע שוואַרצע באָרד האָט, ווי אַ ראַם, באַצירט זיין בלייך־ווייסן פּנים. איך האָב צוגעזאָגט דעם רב צו לערנען פלייסיק. אָבער, איך ווייס נישט פאַרוואָס, — איך האָב צו גמרא קיין גרויס חשק נישט געהאַט, דערפאַר אָבער האָב איך זיך זייער שטאַרק גענומען צום תנ"ך און צום העברייאיש. איך האָב אפילו אין אַ צייט אַרום אָנגעשריבן אַ לענגערע פּאָעמע „לאם ציון", — צו דער מאַמע ציון, וואו איך האָב אויסגעדריקט דעם צער, וואָס מיר, די קינדער, זיינען ווייט פון אונזער מוטער ציון. דער הויפּט־אָנפירער פון אונזער חדר, אברהמל קיסין, האָט מיט פרייד זיך אָנגעכאַפּט אין מיין פּאָעמע און געוויזן יעדן מיט שטאָלץ די פרוכט פון אונזער לערנען אין דעם מאָדערנעם חדר.

לײדער האָט אונזער חדר נאָך צוויי זמנים געמוזט זיך שליסן. עס האָט אויסגעפעלט געלט אָנצוהאַלטן אים. די יונגע „בני ציון" זיינען יעדן טאָג געלאָפן צום וואָקזאַל, און ווען דער צוג האָט זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט אויף צען מינוט, זיינען זיי אַרומגעגאַנגען פון וואַגאָן צו וואַגאָן, און צוגעשטאַנען צו די אידישע פאַרביי־פאָרנדיקע, זיי זאָלן געבן געלט פאַר דער שולע. דאָס האָט אָבער

נישט געדעקט די נויטן פון דער שול. דעם ערשטן זמן האָט מען נאָך געהאַט צו צאָלן דירה־געלט איטשע דעם שוסטער, אויפן צווייטן זמן אָבער האָט זיך דער חדר געמוזט איבערקלייבן אין דעם אויבער־שטיבל פון דער ווייבערשער שול, וואָס די גבאים האָבן איינגעוויליקט צו געבן אָן דירה־געלט.

דער לערער פון רוסיש, זיין נאָמען איז געווען קאַץ, וועלכער האָט געוואוינט אין שכנות מיט אונז, פלעגט שיקן דורך מיר לאַנגע רוסישע בריוו, וואָס ער האָט פאַר מיר אָפּריער געלייענט. איין מאָל האָט ער דאָרט געשריבן אַ רוסיש ווערטל: „אַ נאַכטיגאַל איז נישט זאַט בלויז מיט זיין זינגען!" — אויף אידיש מיינט עס, „אם אין קמח אין תורה" . . . ער האָט טאַקע נישט געקראָגן אין צייט זיין שכר לימוד.

איין מאָל אין אַ ווינטערדיקן מוצאי־שבת, ווי נאָר מען האָט פאַרענדיקט צו מאַכן הבדלה, האָט זיך געעפנט די טיר פון דער ליובאַוויטשער שול, און עס איז אַריין אַ גאַנצע מחנה פון אונזערע „בני־ציון", בראש מיטן רוסישן לערער קאַץ. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין בימה־טיש, און גענומען רעדן צום עולם וועגן ציון. ער האָט גערעדט מיט ברען, אָבער אינמיטן זיין רעדע האָט זיך אַריינגעריסן אין שול דוד דער סטאַראָסטע און אויסגעשריגן צום שמש: „ווי אַזוי האָסטו אַריינגעלאָזט די שקצים אין שול אַריין? שוין זאָלסטו אויסלעשן די לאָמפּן!" דער שמש האָט געפאָלגט דעם סטאַראָסטע, און מיר זיינען געבליבן אין דער פינצטער.

דער סוף איז געווען אַ טרויעריקער. אויף מאָרגן האָבן די באַלעבאַטים אָפּגעזאָגט דעם לערער קאַץ, און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן אונזער שטעטל.

2.

אַז אונזער נייער חדר איז אונטערגעגאַנגען, האָט מיך מיין פאָטער אוועקגעפירט קיין אָרשע, איין סטאַנציע פון קאָכאַנעווע, וואָס איז דאָן געווען אַ גרויסע אידישע שטאָט. ער האָט מיך אַריינגעגעבן אין „פּאָליאַקאָווס ישיבה", וואָס איז פינאַנסירט געוואָרן דורכן באַוואוסטן אידישן גביר פּאָליאַקאָוו פון פּעטער־

בורג, און דערפאַר האָט זי געטראָגן זיין נאָמען. איך בין דאַן אַלט געווען עלף יאָר, אָבער דער טאַטע האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין שוין ברוך השם, אַ גרויסער בחור און ס׳איז שוין צייט צו טראַכטן וועגן אַ תכלית. און דער תכלית איז געווען — לערנען אין דער ישיבה און ווערן אַ רב, אַ שוחט, אָדער אַמווייניקסטנס — אַ מלמד, — דאָס איז געווען דער ציל, וועלכן אַ ישיבה־בחור פון אָרעמע טאַטע־מאַמע האָט געקאָנט אַמאָל דערגרייכן.

אָבער אַ מענטש טראַכט, און גאָט לאַכט. אין אָרשע האָט מיין מוטער געהאַט אַ ברודער, — דער פעטער אַלטער שאַפּמאַן. ער איז געווען אַ מיידלשער מלמד, אפריער אין אָרשע און שפּעטער באַ אונז אין קאַכאַנעווע. און נישט, חלילה, ווייל ער האָט גע־קאָנט ווייניק לערנען. אדרבא, ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם, אָבער צוליב זיין ווייכן כאַראַקטער, האָט ער נישט געקאָנט אויסקומען מיט קיין אינגלעך. סיי אין קאַכאַנעווע און סיי אין אָרשע האָבן די אינגלעך גאָר געשלאָגן דעם רבין אַנשטאַט דעם, וואָס דער רבי האָט באַדאַרפט שלאָגן די תלמידים. און אַז אַ רבי, אַ מלמד, מוז שלאָגן די קינדער, איז געווען פון די ערשטע באַדינגונגען, וואָס די טאַטעס האָבן אויסגענומען באַ אַ מלמד: „למען השם, נישט זשאַלעווען קיין שמיץ.” מיין פעטער אַלטער אָבער איז געווען אַ „שטילע נאַטור”, פיזיש נישט קיין שטאַרקער, און שטענדיק אַ פאַר׳חלומ׳טער. ווינטער, אין דער גרעסטער קעלט, האָט ער געטראָגן זיין מאַנטל אויף די אַקסלען, די הענט נישט אין די אַרבל. און אַז מ׳האָט אים אָפּגעשטעלט אין גאַס און געזאָגט צו אים: „רב אַלטער, פאַרוואָס טוט איר נישט אָן דעם פּאַלטן אויף די אַרבל, ס׳וועט אייך זיין וואַרעמער”, — האָט ער געענטפערט: „עט! אַז גאָט וועט וועלן, וועל איך נישט פאַר־פראָרן ווערן!”

מיט די מיידלעך־תלמידות איז ער בעסער דורכגעקומען. ער האָט געהאַט אַ תלמידה אין שכנות מיט אונז, — באַשקע, אַ מיי־דעלע פון אַ יאָר זיבן־אַכט, איז ווי זי פלעגט דערזען אין פענצטער ווי ר׳ אַלטער גייט, פלעגט זי אַרונטערקריכן אונטער איר מוטערס

בעט. ר׳אַלטער קומט אַריין, נישטאָ באַשקע! ביז באַשקע פלעגט אויסשרייען פון אונטערן בעט: „איך וויל נישט לערנען!״ און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגע סדרה איינצובעטן באַשקען, זי זאָל אַרויסקריכן פון אונטערן בעט.

ווען מיין פעטער האָט געהערט, אַז מען ברענגט מיך קיין אָרשע, האָט ער פאַרגעלייגט מיין טאַטן מיך צו ברענגען אין זיין הויז, וואו איך וועל האָבן אַ פּלאַץ צום שלאָפן, און נישט באַדאַרפן זיך וואַלגערן אויף די האַרטע בענק אין די שולן, ווי דאָס רוב ישיבה־בחורים האָבן עס געטאָן.

געקומען קיין אָרשע, האָט מיך דער טאַטע אַריינגעפירט אין פעטער אַלטערס הויז, וואָס איז געווען „זאַ דניפּראָם״ (פון יענער זייט דניעפּר), וואוהין מען איז אַריבערגעפאָרן מיט אַ „פּאַראָם״. די מומע איז געווען טויב און מ׳האָט באַדאַרפט אַריינשרייען איר אין אויער. ס׳איז דאָרטן געווען אַ הויכער איד מיט אַ ציגן בערדל (מ׳האָט אים טאַקע גערופן „מאַטע די ציג״), דער מומעס אַ ברו־דער, אַן אַלמן אין די פערציקער, דעם פעטערס דריי זין משה, גרשון און זעליק און די מוזינקע, פון אַ יאָר פערצן, כאַשקע. דער טאַטע האָט אויפגעזוכט אין אָרשע זיינע נאָענטע און ווייטע קרובים און גלאַט גוטע מענטשן, און מיך באַזאָרגט מיט זיבן היי־זער, וואו צו „עסן טעג״, אָבער שלאָפן וועל איך באַם פעטער.

דער טאַטע איז צוריק אַוועקגעפאָרן אַהיים און איך בין גע־בליבן באַ די שאַפּמאַנס אין הויז. צוביסלעך האָב איך גענומען באַטראַכטן די נייע סביבה מיט אירע מענטשן. די ערשטע זאַך האָב איך באַמערקט אויפן טיש אַ קליין שוואַרץ ספרל מיט אויס־געפּרעסטע גילדענע אותיות אויפן טאָוול — „ברית חדשה״. איך האָב זיך גלייך צוגעכאַפּט צו לייענען עס, אַז גרשון, דעם פעטערס זון, האָט עס דערזען, האָט ער אויסגערופן: „צוליב דעם האָט דאָס דיין טאַטע דיך געבראַכט אַהער?״ און נאָך פיל זאַכן האָב איך אָנגעטראָפן באַם פעטער, וואָס האָט מיך איבערראַשט. ערשטנס, זייער גיין אַן היטלען, בגילוי־ראש, — אַ קלייניקייט! און צווייטנס, האָבן זיי גערעדט צווישן זיך מייסטנס רוסיש, וואָס איך האָב

דאַן קנאַפּ־וואָס פאַרשטאַנען.

עס זיינען צו דעם פעטערס קינדער אַריינגעקומען יונגע לייט, — פיינע, סימפּאַטישע מענטשן. איך האָב זיך דערמאַנט ווי דער פעטער אַלטער פלעגט זיך אָפט באַקלאָגן פאַר מיינע עלטערן, אַז זיינע זין זיינען ווי גוטער ווייַן אין אַ שלעכטער כד. וואָס איז די פעולה, וואָס זיי קענען לערנען, אַז זיי זיינען אַוועק לתרבות רעה! . . . איך האָב געטראַכט וועגן דעם, און ס'איז אַלץ גע־וואַקסן מיין נייגיר אויסצוגעפינען, וואָס אייגנטלעך עס מאַכט זיי פאַר שלעכטע כדים.

מיין פעטערס זון גרשון האָט מיך אַריינגעפירט צום ראש־ישיבה, וואָס איז געווען אויך רב און דיין אין שטאָט. די זעלבע ישיבה האָט גרשון ערשט נישט לאַנג פאַרלאָזן. איך האָב באַ־וואונדערט דעם דרך־ארץ, וואָס דער ראש־ישיבה האָט אַרויסבאַ־וויזן צו גרשונען, ווען יענער האָט אים דערציילט, אַז ער קלייבט זיך צו פאָרן קיין וואַרשע צו דרוקן אַ בוך, וואָס ער האָט אָנגע־שריבן. דער ראש־ישיבה האָט אויסגערופן צו די תלמידים: „איר זעט, חברה, וואָס פאַראַ גרויסע מענטשן עס קומען פון אונז אַרויס?" גרשון שאַפּמאַן* איז טאַקע גיך אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין בוך העברייאישע דערציילונגען, און איך בין געבליבן ביי די שאַפּמאַנס אין הויז.

די לימודים אין דער ישיבה האָבן מיך ווייניק וואָס אינטע־רעסירט, וויבאַלד איך האָב געזען, אַז איינער קאָן זיין אַ גרויסער מענטש און דערביי נישט זיין קיין רב, שוחט אָדער מלמד. אָט זיינען מיינע שוועסטער־קינדער אָפּענע אפיקורסים — אַזוי האָט מען זיי גערופן אין אָרשע, — און זיי זיינען פיינע מענטשן. איך האָב נאָך דאַן נישט געוואוסט אַז צו זיין אַן אפיקורוס, באַדאַרף מען אַפריער קענען גוט לערנען . . . מיך האָבן אַ סך מער פאַר־אינטערעסירט די כתב־ידן, וואָס גרשון האָט איבערגעלאָזט אין די שופלאָדן. דאָס איז דאָס „פסולת", דאָס אָפּגעפאַלענע פון דעם גיננאַלד, וואָס ער האָט פון דעם אויסגעפורעמט זיין ערשט בוך „ספורים וציורים". איך פלעג איבער די מאַנוסקריפּטן פון

מיין שוועסטער־קינד גרשון, פאַרבריינגען לאַנגע שעהן, בלעטערן און לייענען.

זעליק און כאַשקע, מיינע אינגערע שוועסטער־קינדער, האָבן גענומען מיט מיר לערנען רוסיש. איך האָב אויפגעזוכט די אי־דישע „לעזע־צימערן", ווי זיי האָבן זיך דאַן גערופן, — זיי זיינען געווען אין שכנות מיט דער אַרשער תלמוד־תורה — און דאָרטן פלעג איך אָפּזיצן גאַנצע טעג און לייענען די ווערק פון שלום עליכם, אברהם רייזען, מענדעלע מוכר ספרים. מיט איין וואָרט, איך בין אַוועק אויף שלעכטע וועגן.

ווען איך בין געקומען אַהיים אויף יום־טוב, האָב איך גלייך דערפילט, אַז מיין אָרעמער טאַטע איז נישט גאָר צופרידן מיט מיר. דאָס האָרץ האָט אים שוין הפנים געזאָגט, אַז איך בין אַוועק לתרבות־רעה.

יונג ווי איך בין דאַן געווען, האָב איך געזוכט, גלייך ווי איך בין געקומען אַהיים, זיך צו טיילן מיט מיינע חברים מיט די אַלע נייע איינדרוקן, וואָס איך האָב געבראַכט פון אָרשע פון מיינע שוועסטער־קינדער. און טאַקע באַלד דעם ערשטן טאָג נאָכן דאַווננען, האָב איך אַוועקגעפירט מיינע יונגע חברים צום פעלד, הינטער דער שול, און זיי איבערגעגעבן וועגן די נייע „תורות", וואָס איך האָב געלערנט אין אָרשע. און וואָס מער ניי און אי־בערראַשנדיק פאַר אַ קליינשטעטלדיקן אידישן בחור האָט געקאָנט זיין ווי דער ספר „ברית חדשה", וואָס איז אַ מין המשך פון תנ"ך... קיין געזונט איז מיר, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פון דעם נישט צו־געקומען. איניקע צוריקגעשטאַנענע חברים מיינע האָבן באַלד איבערגעגעבן זייערע טאַטעס וועגן מיין דרשענען.

און ווען איך בין געקומען נאָך מעריב אַהיים, האָט דער פאָ־טער צו מיר מיט צאָרן געזאָגט: „דיין גליק, וואָס דו ביסט שוין אַ גרויסער בחור, אַניט וואָלט איך דיך גוט אָפּגעשמיסן!" — און ער האָט צוגעגעבן מיט ווייטיק: — „בנים גדלתי ורוממתי, והם פשעו בי!" דאָס האָט מיר מער ווי געטאָן איידער הונדערט ריטער . . . די מאַמע איז דערביי געזעסן אויף דעם ברעג בעט

און געוויינט מיט ביטערע טרערן. איך האָב דערפילט, אַז צווישן מיר און מיינע עלטערן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ הויכע וואַנט.

נאָך די יום־טובים בין איך שוין אַליין אַוועק קיין אָרשע. מיין טאַטע האָט שוין מער נישט געשריבן צו מיר זיינע שיינע, גערדיכטע קאַרטלעך, ווי ער פלעגט עס טאָן פריער.

מיין צווייטער זמן אין דער ישיבה איז שוין פול געווען מיט ביטערע דערפאַרונגען. עס האָבן מיר אָנגעהויבן אויספעלן „טעג", און דאָס האָט געמיינט — הונגערן, הונגערן בפועל ממש. דאָס ערגסטע אָבער איז געווען, ווען דער ראש־הישיבה האָט מיך אָפּ־געשטעלט באַם אָנהויב פון נייעם זמן אין גאַס און מיך געפרעגט, צי מיין טאַטע האָט מיט מיר געשיקט פאַר אים אַ רובל. אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז „ניין", אַז מיין טאַטע האָט ניט געהאַט באַ זיך קיין רובל, האָט ער מיט כעס אויסגעשריגן: „דיין טאַטע איז אַ פערד!" איך האָב דאַן געפילט, ווי ער וואָלט מיר געגעבן מיט אַ שטיין אין קאָפּ. איז דאָס נאָך ווייניק, האָט ער מיך אויף מאָרגן גענומען אויף אַ פאַרהער וועגן דעם שיעור. איך האָב געציטערט און קוים געשטאַמלט. דער ראש־ישיבה, ווי אַ גזלן, האָט זיך אַ בויג געטאָן איבער דער לענג פונעם טיש, און מיר געגעבן אַ פלאַמיקן פאַטש. אַזוי פלעגט ער טאָן צו אַ אינגל, וואָס זיין טאַטע האָט ניט געהאַט פאַר אים קיין רובל.

יענעם טאָג בין איך אַרויס פון דער ישיבה און אָנגעשריבן צו מיין ברודער זעליק אַ קאַרטל קיין סמאָלענסק, — וואו ער האָט דאַן געאַרבעט ווי אַ שלאָסער, — ער זאָל רחמנות האָבן אויף מיר און אויסזוכן פאַר מיר אַ פּלאַץ, וואו איך זאָל זיך קאָנען לערנען אַ מלאכה.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך געקראָגן פון אים אַן ענט־פער, איך זאָל תיכף קומען קיין סמאָלענסק, וואו ער האָט געקראָגן פאַר מיר אַן אָרט, וואו איך וועל זיך לערנען מאַכן פאַפּירענע שאַכטלען. מיין פרייד איז געווען אין לשער.

אין איינעם אַ יולי טאָג האָט מיך מיין ברודער באַגעגנט אויפן סמאָלענסקער וואָקזאַל. ער האָט מיך געבראַכט אויפן פּלאַץ

צו מיין באַלעבאָס. פון דאַן אַן האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אַ נייַ לעבן.

3.

סמאָלענסק האָט דאָן אין 1902, פאַרמאָגט אַ היפּשע אידישע באַפעלקערונג. עס זיינען דאָרט געווען גאַנץ פאַרמעגלעכע אידן, באַנקירן, וואַלד־סוחרים און סתם סוחרים. אויף צו וואוינען אין סמאָלענסק האָט אַ איד באַדאַרפט האָבן „פּראַוועס", ווייל די שטאָט איז געווען אויסער דעם „תחום המושב". עס האָבן ניט געהאָלפן די טענות פון די אידן, אַז עס איז ניט יושרדיק ארויסצונעמען סמאָלענסק פון תחום־המושב („טשערטאַ אָסיעד־לאָסטי"), אַ שטאָט, וואָס געפינט זיך אינעם קרייז פון אַנדערע אידישע שטעט, ווי וויטעבסק, מאָהילעוו און מינסק. סמאָלענסק אָבער איז געווען אַ שטאָט פון היסטאָרישע פּאַסירונגען אין דער רוסישער געשיכטע. נאַפּאָלעאָן איז פון דאָרטן פאַרטריבן געוואָרן אין 1812. די שטאָט האָט געהאַט אַ פעסטונג, און מען האָט טאַקע באַוויזן די ערטער אין דער פעסטונג, דורך וועלכע נאַפּאָלעאָנס אַרמייען האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטאָט און זי אונטערגעצונדן. איך האָב אויך געזען אַ גרויס אויל־בילד „סמאָלענסק אין פייער", וועלכע איז געהאַנגען אין דער שטאָט־דומע. דערפאַר איז סמאָלענסק געווען הייליק, און אידן האָבן געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבניש צו וואוינען דאָרטן. אַזוינע דערלויבענישן פלעגן קריגן סוחרים, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און אויך בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געהאַט ווערקשטאַטן און ווען עס איז דערלויבט געווען צו האָבן אַרבעטער.

אין מיין צייט פלעגט מען דערציילן פאַרשיידענע אַנעקדאָטן, ווי אַזוי אידן פלעגן זיך קליגלען צו קריגן די דערלויבעניש צו וואוינען אין סמאָלענסק. אַזוי, למשל, ווען עס איז געשטאָרבן דער פאָטער פון דעם רייכן באַנקיר זעליקין (ר. בריינין דערמאָנט אים אין „פון מיין לעבנס־בוך"), האָט מען געוואָלט זיך פאַרזי־כערן מיט אַ מנין פאַר אַ גאַנץ יאָר צו קדיש זאָגן, האָט ער אַראָפּ־געבראַכט פון די אַרומיקע שטעטלעך צען פאַמיליעס, און געקראָגן פאַר זיי אַ ספּעציעלע דערלויבניש צו וואוינען ווי אידן „מיניאַנ־שטשיקעס". אַז עס איז אָנגעקומען אַ נייער גובערנאַטאָר, און ער

האט געוואָלט מבטל מאַכן די דערלויבענישן, האָט ער גערופן צו זיך איינעם פון די צען אידן, און געפרעגט בא אים, וואָס איז זיין באַשעפטיקונג. האָט אים דער איד געענטפערט, אַז ער איז אַ מיניאַנשטשיק! „וואָס איז דאָס פאַר אַ מין באַשעפטיקונג?״ דערקלערט אים דער איד, אַז ווען עס קלייבן זיך צונויף ניין אידן, איז ער אַ צענטער״. „וואָס דרייסטו מיר אַ קאָפּ״, — האָט זיך צעבייזערט דער גובערנאַטאָר, — יעדער איינער קאָן דאָס זיין, און איך אויך, אַז איך קום צווישן ניין מענטשן, בין איך אַ צענ־טער!״ „נו, וואָס מיינט איר, — רופט זיך אָפּ דער איד, — דער־פאַר איז אייך טאַקע אויך, דערלויבט צו וואוינען אין סמאָלענסק!״

אוודאי זיינען אין סמאָלענסק געווען פיל אידן, וואָס זיינען געווען שטענדיק אָפּהענגיק פון די קאַפּריזן פון דער פּאָליציי. עס האָט טאַקע אָפט געטראָפן, אַז אין איין שיינעם טאָג האָט מען אַרויסגעשיקט אַ אידן, נאָכדעם ווי ער האָט שוין אין סמאָלענסק אָפּגעלעבט יאָרן לאַנג.

אין מיין צייט זיינען געווען אידן, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן ווי דענטיסטן. זיי האָבן ערגעץ־וואו געקראָגן אַמתע אָדער פאַל־שע דיפּלאָמען פון צייןּ־דאָקטוירים. זיי האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פאַרשיידענע אַנדערע עסקים. איין טאָג איז אַרויס אַ באַ־פעל, אַז נאָר די דענטיסטן, וואָס פּראַקטיצירן, האָבן אַ רעכט צו זיין אין סמאָלענסק. עס איז געווען איינער אַ איד, כידעקעל, וואָס האָט געהאַט אַ פּאַפּיר־געשעפט. האָט ער געמוזט קויפן אַלע מכשירים פון אַ דענטיסט און אויפהענגען אַ שילדל באַם געשעפט „דענטיסט״. אויב דורך אַ צופאַל פלעגט אַמאָל אַריינקומען אַ פּאַציענט, פלעגט כידעקל אים אַריינשיקן צום דענטיסט וואָס האָט געוואוינט קעגנאיבער, אים צו באַהאַנדלען.

אויך אַרבעטער האָבן באַדאַרפט אַרויסבאַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש צו וואוינען אין סמאָלענסק. אַן אַרבעטער האָט געמוזט אָפּריער אַדורכגיין אַ „צוגרייט־קורס״, איידער ער האָט געקאָנט האָבן די זכיה צו ווערן אַן אַרבעטער.

אויך איך האָב געמוזט דורכמאַכן דריי יאָר ווי אַ לערן־אינגל. און דאָס איז געווען אַ מין שקלאַפעריי. דער באַלעבאָס האָט באַ־דאַרפט אָפּשרייבן מיט מיר אַ פּאַפּיר, אַז איך פון מיין זייט בין

מחויב צו דינען בא אים דריי יאָר, געטריי אַרבעטן, אויספּאָלגן אַלע זיינע באַפעלן, און זיין פּאַסיק אויסצולערנען זיך די מלאכה פון מאַכן שאַכטלען. ער, דער באַלעבאָס פון זיין זייט, פאַרפליכטעט זיך צו געבן מיר קעסט, קליידער און אַ בעט צום שלאָפן די אַלע דריי לערן־יאָר. דער פּאַפּיר פלעגט באַשטעטיקט ווערן פון גובערנאַטאָר, ערשט דאַן האָב איך באַקומען דאָס רעכט צו וואוינען אין סמאָלענסק.

פון די דריי תנאים, וואָס דער באַלעבאָס מיינער האָט זיך פאַרפליכטעט צו מיר, איז נאָר די קעסט געווען אויסגעפילט בשלימות. מען האָט טאַקע געגעבן גוט עסן. מיט די קליידער איז שוין געווען ניט אַזוי גוט. זומער פלעג איך אַרומגיין אַ באָרוועסער, ביז שפּעט אין האַרבסט, ווען מען פלעגט מיר געבן אַ פּאָר אַלטע שטיוול, און אייניקע אַלטע בגדים פון דעם באַלעבאָס' אינגערע ברידער. שלעכט איז אויך געווען מיטן שלאָפן. איך פלעג דאַרפן מאַכן זיך אַ פּלאַץ אויפן טיש, וואו מען פלעגט אַרבעטן דורכן טאָג.

איך האָב זיך אָבער געפילט גליקלעך, וואָס ענדלעך בין איך פאַרזיכערט מיט אַ לעבן אויף גאַנצע דריי יאָר. אין שכנות מיט אונזער „מאַסטערסקאַיאַ", פלעגן די לערן־אינגלעך זיך קלאָגן אויף די באַלעבאַטים, אַז זיי שלאָגן זיי, אָבער זיי האָבן געמוזט אָננעמען פאַר גוט די צרות. ווען איך האָב אַמאָל געפרעגט אַזאַ לערן־אינגל, פאַרוואָס ער לאָזט זיך אַזוי באַהאַנדלען, האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ רוסישן פאָלקס־ווערטל, אַז „נישקשה, אַ אונטערשט־חלק, איז ניט פון גלאָז, עס קאָן זיך ניט צעברעכן."

מיר האָט טאַקע אָפּגעגאַלטן. דער באַלעבאָס מיינער, מרדכי לייזער לעוויטין, אָדער ווי מ'האָט אים גערופן אין געשעפט, — מאַרק אַראָנאָוויטש, איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דריי־און־צוואַנציק. די באַלעבאָסטע פון הויז איז געווען דעם באַלעבאָס' מוטער, אַ פרוי פון אַ יאָר פופציק, פרומע האָט זי געהייסן. זי, פרומע, איז געבליבן אַ יונגע אַלמנה. איר מאַן איז געשטאָרבן פון אַ „ראַק" (קענסער) אין עלטער פון אַ יאָר פינף־און־דרייסיק און זי איבערגעלאָזן מיט פיר זין און איין טאָכטער. זייענדיק יונג און פייאיק, האָט זי איבערגענומען דעם מאַנס איינבינדעריי,

און באַוויזן צו דערציען פינף זייער פיינע און פייאיקע קינדער.

ווען איך בין אָנגעקומען צו זיי, האָט זיך די מוטער, פרומע, אָפּגעגעבן נאָר מיט דער הויז־אַרבעט. זי פלעגט גרייטן דאָס עסן פאַר אירע קינדער און פאַר די עטלעכע „מענטשן", וואָס זיי האָבן געהאַלטן. עסן פלעגן מיר אַלע צוזאַמען בּאַ איין טיש, ווי איין פאַמיליע. מיך, ווי דעם איינגסטן אין דער פאַמיליע, פלעגט פרומע זעצן לעבן זיך, ניט אַזוי אויס סענטימענט, ווי צום פּראַקטישן נוצן, וואָס זי האָט געהאַט פון מיר. זי פלעגט מיר געבן צו עסן דעם האַרטן זייט פון ברויט, און זיך נעמען דאָס ווייכע, צוליב אירע שלעכטע ציין.

מיר איז עס גראָד געפעלן געוואָרן, ווייל מיינע שטאַרקע יונגע ציין האָבן בעסער געביסן די האַרטע שטיקלעך ברויט.

— עס, יאַנקעלע, — פלעגט זי מיר זאָגן, — דיינע, קיין עין הרע, יונגע ציין, האָבן קיין מורא ניט פאַרן האַרטן ברויט . . .

איינער אַ קיעווער איד, האָט גע'עצה'ט דעם באַלעבאָס מרדכי לייזערן, אויפצוגעבן זיין טאַטנס איינבינדעריי, און נעמען זיך פאַר פאַפּירענע שאַכטלען. פאַר דעם צוועק האָט מען אַראָפּגע־בראַכט אַן עלטערן בחור פון בערדיטשעוו, וועלכער האָט אונז אַלעמען געלערנט די מלאכה. משה אפטער, האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַ שטאַמלער, און ווייל אַ דאָקטאָר האָט אים גע־זאָגט, ער זאָל וואָס־מערער רעדן, פלעגט ער טאַקע ניט צומאַכן אַ גאַנצן טאָג דאָס מויל און רעדן. אַז ער האָט נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן, פלעגט ער זינגען.

עס איז טאַקע געווען פרייליך, ווען ער פלעגט דערציילן אַ לאַנגע מעשה, און מיר פלעגן וואַרטן לאַנגע מינוטן ביז ער האָט אָנגעהויבן אַ וואָרט און געענדיקט עס. אָבער לאַכן פלעגן מיר ניט, ווייל ער האָט געליטן פון זיין פעלער. נאָר ווען ער אַליין האָט געלאַכט, פלעגן מיר זיך דערלויבן מיטצולאַכן. אַזוי, למשל, פלעגט ער דערציילן אַ לאַנגע געשיכטע, ווי אַזוי מען האָט אים אָפּגעגעבן אין מיליטער, ווייל מען האָט געמיינט אַז ער מאַכט זיך צו שטאַמ־לען, און אַז ער קאָן רעדן אַזוי גוט ווי אַלע. פלעגט מען אים אויפוועקן אינמיטן נאַכט און הייסן אים זינגען אַ ליד. ווען מען האָט אים איינמאָל אַזוי, אינמיטן נאַכט, אויפגעוועקט און גע־

הייסן זינגען, האָט ער אויף צו להכעיס זיך ניט געקאָנט דערמאָ־נען קיין ליד. זייענדיק שטאַרק פאַרשלאָפן, האָט ער זיך פאַנאַנ־דערגעזונגען „מודה אני לפניך", וואָס איז באַ אים אויסגעקומען: „מ־מ־מ־וד־ד־ה אנ־נ־נ־י". איינער פון די פאַרהערער האָט מיט כעס זיך אָנגערופן: „אַ ניעכאַי יעווא טשאָרט פּאָבערע — זאָל אים דער טייוול נעמען". מאָרגן אין דער פרי האָט מען אים געגעבן אַ „וויסן בילעט" און געשיקט אַהיים.

צווישן די אַרבעטער איז אויך געווען דעם באַלעבאָס' עלטע־רער ברודער כאַצקל און איינער עליק, אַ וויטעבסקע בחור פון אַ יאָר צוואַנציק. עליקן האָט מען גערופן „פּושקין", צוליב זיינע געקרייזלטע באַקנבאַרדן און זיין לאַנגן פּנים. ער האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט, מיט זיין זינגען באַ דער אַרבעט די לידער פון עדעלשטאַט, באָוושאָווער און אויך די בונדישע „שבועה", וואָס עס האָט פאַרפאַסט זיין לאַנדסמאַן ש. אַנסקי.

בכלל איז דאָס הויז געווען פול מיט געזעלשאַפטלעכע אינ־טערעסן. איך האָב אויסגעפונען, אַז דער באַלעבאָס אַליין, מרדכי לייזער, איז אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי „פּועלי־ציון", וואָס איר גרינדער איז געווען מיכל האַלפּערן (ווענן אים דערציילט ר. ברייי־נין אין זיינע זכרונות). עליק איז געווען אַ „בונדאָוועץ" און דער ברודער כאַטשע איז געווען אַן „איסקראָוועץ". כאַטשע האָט מיך גענומען אין 1904 צום ערשטן מאָל צו אַ „מאַסאָווקע" אין אַ וואַלד, הינטער דער שטאָט.

אונזערע אַרבעט־שטונדן זיינען געווען פון אַכט ביז אַכט, מיט קליינע איבעררייסן פאַר פרישטיק און מיטיק. נאָך דער אַרבעט האָט מען געגעסן וועטשערע, דערנאָך בין איך געווען פריי צו טאָן וואָס איך האָב געוואָלט.

אַזוי ווי מיין באַלעבאָס איז געווען אַמאָל אַן איינבינדער, האָט זיך באַ אים צוזאַמענגעקליבן אַ היפּשע ביבליאָטעק פון ביי־כער. איז ווי נאָר איך בין געוואָרן פריי, פלעג איך זיך צוכאַפּן צום לייענען די ביכער. צווישן אַנדערע, האָב איך דאָרטן געפונען אַ גרויסן אַלבום, „די ביבל אין בילדער" פון דעם פראַנצויזישן מאָלער דאָרע. די איינציקע בילדער פון חומש וואָס איך האָב געזען ביז דאַן, זיינען געווען אין דער פּסח'דיקער הגדה, אָדער

אין דער מאַמעס „צאינה וראינה". ווען איך האָב דערזען די בילדער פון דאָרט, האָבן זיך מיר יענע בילדער פון דער הגדה אויסגעוויזן נאַריש־לעכערלעך. איך פלעג שטונדן־לאַנג באַטראַכטן דאָרעס בילדער און צו מיין באַגייסטערונג איז ניט געווען קיין שיעור.

איך האָב דאָרט אויך געפונען ביכער פון גאָגאָל, נעקראַסאָוו און אַנדערע רוסישע קלאַסיקער, ווי אויך ביכער פון דער מאָדערנער ליטעראַטור, ווי ווערק פון גאָרקי, טשעכאָוו א. ד. גל. די אַלע נעמען זיינען שוין מיר באַקאַנט געווען פון פריער, פון שאָפּ־מאַנס הויז, וואו איך האָב זיי אָפּט געהערט דערמאָנען. בכלל האָב איך שוין געהאַט דאַן אַ ידיעה, וואָס עס קומט פאָר אין דער ליטעראַטור־וועלט. אַלץ אַדאַנק די שאָפּמאַנס, וואו מען פלעגט פאָרלייענען אין דער הויך פון די צייטונגען און זשורנאַלן פון יענער צייט.

איינער פון יענע זשורנאַלן, וואָס איז מיר אַממערסטן געפעלן געוואָרן איז געווען דער רוסישער „זשורנאַל דליא וסיעך", אַ זשורנאַל פאַר אַלעמען.

מיין באַליבטסטער שרייבער איז געווען גאָגאָל. טשעכאָווס קליינע דערציילונגען האָבן מיך מער איבערראַשט מיט די קלוגע איינפאַלן פון זייער אינהאַלט.

אחוץ די ביכער זיינען געווען נאָך אַנדערע אינטערעסן, וואָס האָבן מיך דאַן באַהערשט. איך פלעג גאַנץ אָפּט באַזוכן די איי־דישע ביבליאָטעק, וואו אויף דער אויבנאָן־וואַנט איז געהאַנגען אַ גרויס בילד פון ראובן ברייני. ער האָט אויסגעזען נאָך גאָר יונג און צוציענד־שיין. אין מיין צייט איז ער שוין געווען ער־געץ אין אויסלאַנד, ער האָט אָבער איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אינעם אידישן גייסטיקן לעבן פון סמאָליענסק. איך פלעג אָפּט הערן, ווי מיין באַלעבאָס דערמאָנט זיין נאָמען.

אַ נייע דערשיינונג אין סמאָליענסק איז געווען די כאָר־שול, וואו מען האָט געדאַוונט נאָר שבת און יום־טוב. ווי נאָר איך האָב פאַרענדיקט מיין אַרבעט פרייטיק־צו־נאַכט, בין איך באַלד געלאָפן אין דער כאָר־שול. און עס איז כדאי געווען דאָס לויפן. דאָרט האָט געדאַוונט אַ חזן, אָסטראָווסקי האָט ער געהייסן, וואָס מיט

זיין וואונדערבאַר־שיינער שטימע האָט ער מיך שטאַרק באַצויבערט. ער איז געווען אַ שיינער מאַן מיט אַן אמת אַרטיסטישן אויסזען, מיט אַ קליין „פראַנצויזיש” בערדל. אויף אים קאָן מען טאַקע מיט רעכט אָנווענדן דאָס פאָלקס־ליד: „אוי, איז דאָס אַ חזן! אוי, האָט ער געדאַוונט!” דערצו איז מיר געפעלן געווען, וואָס דאָס עצם דאַוונען איז ניט געווען קיין מוז־זאַך. דער חזן מיטן גרויסן כאָר האָט זייער שיין אויסגעזונגען אַלע תפילות, און מיר, די מתפּללים, זיינען געשטאַנען די גאַנצע צייט ווי פאַרגאַפּטע. איך האָב דערנאָך געהערט אַזוינע חזנים ווי יאָסעלע ראָזענבלאַט, סיראָטאַ, אָבער עס איז ניט צו פאַרגלייכן מיטן חזן אָסטראָווסקי.

די כאָר־שול איז אויך געווען אַ פּלאַץ, וואו אין די ווינטער־דיקע שבת־נעכט, האָט מען זיך צונויפגעקליבן צו דיסקוטירן די פּאָליטישע געשעענישן פון דער צייט. דאָן איז מען געווען טאָלעראַנט צו קעגנערישע פּאַרטייען, צו זייערע מיינונגען. עס פלעגן אין יענע אָוונטן, זיך צונויפקומען פאַרשטייער פון פּועלי־ציון, פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, אַזוי גוט ווי פאַרשטייער פון בונד, און מען פלעגט ביז שפּעט אין דער נאַכט דעבאַטירן צווישן זיך.

געווען איז סמאָליענסק אַן אָנגעזעענער ציוניסט, אַ מיליטער־רישער דאָקטאָר, קראַמניק, אַ מאַן אין די פופציקער, געהאַט שוין אַ גרוי בערדל. ער איז געגאַנגען געקליידעט אין אַ ציכטיקן מיליטער־אָנצוג און געלאַסן האָט ער גערעדט וועגן די צילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די פאַרזאַמלונגען זיינען אינגיכן פאַרווערט געוואָרן פון דער פּאָליציי. מיט דער צייט איז די גאַנצע כאָר־שול פאַרמאַכט געוואָרן, ביז דעם יאָר 1911, ווען מען האָט אויפגעבויט אַ נייע כאָר־שול, מיט מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן, אָבער, ליידער, שוין ניט מיט דעם זעלבן חזן אָסטראָווסקי.

די סמאָליענסקער רייכע אידן האָבן געוואָלט זיך אויספּיינען, האָבן זיי די נייע שול אויסגעבויט גאָר פּרעכטיק. ווען די שול איז שוין געווען כמעט פאַרענדיקט, איז ארויפגעקומען עפּעס אַ גרויסע „שישקע” פון פּעטערבורג, פונעם אינערן־מיניסטעריום. דער גובערנאַטאָר איז מיט אים ארויסגעפאָרן צו ווייזן אים די שטאָט, און ווען דער געהויבענער גאַסט האָט דערזען דעם גאָלדענעם קופּאָל פון דער כאָר־שול, האָט ער מיט צאָרן געפרעגט דעם

גובערנאַטאָר, ווי האָט ער עס דערלויבט צו בויען אַזאַ פּרעכטיקן בנין פאַר אַ אידישער שול? דער סוף איז געווען: אויף מאָרגן האָט דער גובערנאַטאָר באַפוילן אָראָפּצואוואַרפן דעם קופּאָל, און מאַכן אַן איינפאַכן פלאַכן דאַך. די אַרבעט האָט געקאָסט איבעריקע טויזנטער רובלס.

איך האָט אין סמאָליענסק אפילו געאַרבעט פיזיש גאַנץ שווער, אָבער איך האָב מיך געפילט גייסטיק זייער דערהויבן. יענעם יאָר 1903 האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין פּעטערבורג די ערשטע אידישע טעגלעכע צייטונג „דער פריינד". מיין באַ־לעבאָס האָט זי אָנגעהויבן באַקומען, און געגעבן זי מיר צום לייע־נען. אין די פריי־טיק־אָוונטן, פלעגן קומען יונגע מענטשן צו פאַרברענגען — אפשר צוליב דער שיינער שוועסטער, קריינע־רישקע, דערוויילע אָבער פלעג איך געניסן פון דעם. איך האָב זיך צוגעהערט, ווי איינער פון זיי, פּיניע ניימאַרק, האָט זייער גוט פאַרגעלייענט שלום־עליכמען. איך פלעג זיך אויך צוהערן צו זייערע געשפּרעכן. עס איז געווען דאַן אַ צייט „פון שטורעם און דראַנג" אין רוסלאַנד. די לופט איז געווען אָנגעלאָדן מיט רעוואָלט קעגן דעם צאַר מיט זיינע פאַראָנדקעס. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאָג פון זיג איז שוין געקומען, ווען דעם 17־טן אָקטאָבער 1905 האָט דער צאַר אַרויסגעגעבן זיין מאַני־פעסט, וואו ער האָט צוגעזאָגט אַלע פרייהייטן. גרויס איז דאַן געווען אונזער אַלעמענס פרייד, אָבער די פרייד איז געווען פאַר אַ קורצער ווייל. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אידישע פּאָגראָ־מען. באַ אונז אין סמאָליענסק האָט מען אויסגעמיטן אַ פּאָגראָם.

אין יענער צייט האָט יעדע פּאָליטישע פּאַרטיי געעפנט קלובן פאַר פאַרזאַמלונגען. דער פּועלי־ציון קלוב האָט זיך געפונען אי־בער אַ טיר פון דער זשאַנדאַרם־אָפּטיילונג. אַזאַ אידילישער צו־שטאַנד! אָבער אָט־די פרייהייט האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. יאַ־נואַר 1906, ווען די שלאַכטן אויף די באַריקאַדן אין מאָסקווע האָבן זיך געענדיקט מיטן זיג פון די צאַרישע כוחות, זיינען אויך אונזערע קלובן פאַרווערט געוואָרן. מען האָט געמאַכט פּרוּוון אָפּצונאַרן די פּאָליציי, מ'האָט געעפנט קלובן מיט פאַרשיידענע ליטעראַרישע נעמען, אָבער די רעאַקציע האָט אַלץ־מער געשטיקט.

די שטימונג איז געוואָרן אַ געדריקטע, מענטשן זיינען זיך צעלאָפן וואוהין די אויגן האָבן געטראָגן. די טורמעס זיינען אָנגעפילט געוואָרן. עס איז געווען אַ שווערע, ביטערע צייט. אָבער דאָך נישט האָפנונגסלאָז. צו טיף האָבן די פרייהייט־וואָרצלען גע־שלאָגן, און די פאָלקס־מאַסן האָבן געפונען וועגן און מעגלעכקייטן, אויסצודריקן זייער דאָרשט און דראַנג פאַר וויסן. אין סמאָ־ליענסק איז געגרינדעט געוואָרן אַ „פאָלקס־אוניווערסיטעט". מען פלעגט אָראָפּברענגען לעקטאָרן, פון די גרויסע אוניווערסיטעט־שטעט, וואָס פלעגן רעדן פאַר איבערגעפּאַקטע זאַלן. די רוסישע מאַסן, וואָס האָבן נישט באַקומען קיין עלעמענטאַרע שול־בילדונג, האָבן די לעקציעס געהערט באַזונדערס, און געגאַסן פון די לעקציעס. אַ באַזונדערן איינפלוס האָט געהאַט דאָן אין 1906־1907 דער פּראָ־פעסאָר פון געשיכטע באַם מאָסקווער אוניווערסיטעט, קיזעוועטער. ווען ער פלעגט אַרויף אויף דער בינע פון סמאָליענסקער „פאָלקס־הויז", וואָס איז געווען דער ווינטערדיקער שטאָט־טעאַטער, האָט ער געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. מיט זיין הויכן וואוקס, מיט זיין לאַנגער שוואַרצער באָרד, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן שוואַרצן סור־דוט, פלעגט ער, אומשפּרייזן איבער דער בינע. ער פלעגט זיך אָפּט אָפּשטעלן, און נעמען קלאַפּן מיט די פויסטן אַן טיש. איין פראַזע פון זיינעם אַ פאָרטראַג האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון, וואָס ער האָט אַרויסגעדונערט מיט זיין מעכטיקער שטימע: „נייע רעפאָרמען האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן אין די טירן פון רוסישן לעבן, און עס איז ניט פאַראַנען קיין מאַכט אין דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען האַלטן די טירן פאַרשפּאַרט . . !"

אויך די פרעסע איז ניט אָפּגעשטאַנען אין אויפקלערן דאָס פאָלק. עס זיינען געווען פאַרשיידענע ליטעראַרישע זשורנאַלן, וואָס די מאַסן פלעגן מיט דורשט אויפכאַפּן. עס איז געווען די זאַמלביכער „זנאַניע", (וויסן) אונטער דער רעדאַקציע פון מאַקסים גאָרקי, וואָס האָבן איז יענער צייט שטאַרק אויסגענומען.

אוודאי האָט זיך דאָן אויך אין דער רוסישער ליטעראַטור אַריינגעריסן אַ שטימונג פון יאוש און פּעסימיזם. לעאָניד אַנד־רעיעוו האָט אין יענער צייט אָנגעשריבן זיין דראַמע „דאָס לעבן פון אַ מענטש", וואָס איז אָפּט געשפּילט געוואָרן, און דער עולם

פלעגט ארויס פון טעאטער מיט אַ שטימונג פון אפּהענטיקייט און אנטוישונג. נאָך מער דעמאָראַליזירנדיק האָט געווירקט אויף דער יוגנט מ. אַרציבאַשעוו מיט זיין „סאַנין", וואו ער האָט אַרויסגעשטעלט רעוואָלוציאָנערן אין שוואַרצע קאָלירן. עס איז געווען אויך אין יענער צייט, ווען י. טשיריקאָוו האָט אָנגעשריבן זיין סאַטירישן פעליעטאָן מיטן נאָמען „נידער מיט די הויזן". אונזער יוגנט, האָט ער געשריבן, האָט פאַרביטן דעם לאָזונג „נידער מיט דער רעגירונג" אויפן לאָזונג „נידער מיט די הויזן". אָבער אין דער זעלבער צייט זיינען נאָך פאַרבליבן גענוג קעגן־כוחות, וואָס האָבן פאַרגעזעצט צו מונטערן די רוסישע מאַסן צום קאַמף פאַר באַפרייאונג.

אזוי האָט עס געדויערט ביז דעם יאָר 1912, ווען עס האָט אויסגעבראָכן דער גרויסער סטרייק פון די לענסקער גאָלד־מינעס, וואָס איז געווען ווי אַ ווידער־אויפלעבונג פון די גרויסע, מעכטיקע קרעפטן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען צו שטירצן דעם פונדאַמענט פון דער דריי הונדערט־יאָריקער צאַרישער דינאַסטיע.

:: :: ::

סוף זומער 1906, האָט זיך פאַרזאַמלט אין הויז פון מיין באַלעבאָס אַ גרופּע יונגע בחורים און מיידלעך. ס'איז געשטאַנען אין עס־צימער אַ גרויסער געדעקטער טיש. מיין באַלעבאָס האָט מיך אויך איינגעלאַדן צום טיש, און צו מיין גרויס איבעררעשונג, האָבן אַלע געסט געטרונקען לכבוד דעם יונגן חבר, וואָס איז ענדלעך „באַפרייט פון זיין דריי־יאָריקער שקלאַפעריי".

דאָס האָט געמיינט, אַז מיינע לערן־יאָרן האָבן זיך געענדיקט און איך בין פון איצט אָן אַ פרייער אַרבעטער, וואָס קאָן אַרבעטן וואו נאָר איך וויל.

איך האָב געאַרבעט באַ די לעוויטינס ביז 1912, ווען איך האָב געמוזט פאַרלאָזן סמאָליענסק. עס איז געקומען מיין צייט צו שטעלן זיך צום פּריזיוו. איך בין שוין געווען אַ פאַרהייראַטער מאַן נאָך פון יאָר 1910, געהאַט שוין אַ פרוי מיט אַ קינד, האָב איך ווי מיט יאָרן פריער, אָנגעשריבן אַ בריוו צו מיין ברודער זעליקן, וואָס האָט זיך דאַן געפונען שוין אין קאַנאַדע פאַר די לעצטע 5 יאָר, אַז איך וויל אַרויספאָרן פון רוסלאַנד, און עס האָט

לאַנג ניט געדויערט, און איך האָב באַקומען אַ שיפס־קאַרטע מיט אַ בריוו, וואו ער שרייבט מיר, אַז ער קאָן מיר שיקן נאָר איין שיפס־קאַרטע, און אַז איך וועל קומען צו פאָרן, וועל איך שוין אַליין שיקן נאָך מיין פאַמיליע.

.4

מאַי 1912 האָב איך מיט האַרצווייטיק פאַרלאָזן מיין באַליבטע שטאָט סמאָליענסק, די שטאָט, וואו איך האָב פיל געלערנט און פיל געטרוימט. דריי גרויסע ביבליאָטעקן זיינען דאָך געווען אין סמאָליענסק, וואו איך פלעג קאָנען אַריינגיין און באַנוצן זיך מיט די אוצרות פון ביכער און צייטונגען. דאָרט האָב איך געפונען די גרויסע רוסישע ענציקלאָפעדיע, אַרויסגעגעבן פון די פעטערבורגער בראָקהויז און עפראָן, וועלכע איך פלעג שטונדןלאַנג לייענען. עס איז די שטאָט, וואָס אין איינער פון אירע באַרגיקע גאַסן איז געווען אַ גרויסע הויז, וואו עס האָט געוואוינט אויף דער עלטער, דער באַוואוסטער רעוואָלוציאָנער אַשענברענער, נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעזעסן פיל יאָרן אין דער פעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. אין סמאָליענסקער שטאָט־גאָרטן „די בלאָניע”, איז געשטאַנען אַ פּרעכטיקער מאָנומענט נאָך מיכאַיל גלינקאַ, וואָס איז געבוירן אין יענער גובערניע. און דער גרויסער גאָרטן מיטן נאָמען „לאָפּאַטינסקי סאַד” האָט געהאַט אַ זומער־טעאַטער וואו עס האָט געשפּילט די באַסמאַנאָוו־טרופּע.

דאָרט האָב איך בייגעוואוינט די וואונדערבאַרע פאַרשטעלונגען פון „האַמלעט”, „קעניג ליר” און די איבסען־דראַמעס. אָפט זיינען דאָרט געגעבן געוואָרן פאַרשטעלונגען דורך גאַסטראָלירנדיקע טרופּעס. איין מאָל איז אַראָפּגעקומען פון פעטערבורג אַ טרופּע מיט שלום אַשס „גאָט פון נקמה”, — די אַרטיסטן, אַלע עכטע רוסן. ווי פאַרגאַפט בין איך געווען, ווען איך האָב דערזען אויף דער בינע, עכטע אידישע טיפּן, און וואָס פאַר אַ וואונדערבאַר שפּילן! אין סמאָליענסק האָב איך געהערט אַ לעקציע פון ש. אַנסקי און פון ל. כאַזאַנאָוויטש פון די „פועלי־ציון”, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער דיסקוסיע. אַנסקי האָט געפּרעדיקט דעם געדאַנק פון „השיבנו”, צוריק צום אידישן פאָלק.

איך בין געווען אינעווייניק צעטרייסלט פונעם געדאַנק, אַז איך פאָר קיין אַמעריקע, עפּעס אין אַ ווייטן לאַנד, וואוהין מען פאָרט נאָר מיט געוואַלד, ווען עס איז שוין „באו מים עד נפש״. געפאָרן בין איך ביז ליבאַווע, ווי פילע אַנדערע, אין יענע צייטן „זייטשיקאַם״, דאָס הייסט, מען איז צוגעגאַנגען צום קאָנדוקטאָר און געפרעגט „סטאַנציע מ׳קען״, און מען איז אַריין אין וואַגאָן. דאָרט איז מע שוין מושווה געוואָרן מיט אים, — אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ, און מען איז געפאָרן.

אין ליבאַווע האָב איך אָנגעטראָפן אַ היפּשע צאָל אידן און אידענעס, אַלט און יונג, און אויך פילע ניט־אידן, איבערהויפּט גריכן פון אָדעס, אויך רוסישע דייטשן פון סאַראַטאָווער גובערניע, וואָס זיינען געפאָרן קיין אַמעריקע, און צוליב דער ענלעכקייט פון דער שפּראַך, האָבן זיי זיך געהאַלטן צוזאַמען מיט די אידן.

אין ליבאַווע האָט מען אונז געהאַלטן באַ אַ פיר וואָכן. מען האָט אונז פאַרזיכערט, אַז די שיפן האָבן זיך ערגעץ פאַרהאַלטן. דעם אמת האָבן מיר זיך דערוואוסט ערשט אין לאָנדאָן, וואו מען האָט אונז געהאַלטן נאָך דריי וואָכן, אַז די שיף־אַרבעטער האָבן געסטרייקט. דער וועג קיין אַמעריקע האָט געדויערט באַ מיר אַריבער דריי מאָנאַטן.

ווען מען האָט אונז געמאָלדן אין ליבאַווע, אַז מיר דאַרפן דאָרט זיין אַ לענגערע צייט, בין איך געוואָרן פאַרצווייפלט, ווייל איך האָב ניט געהאַט באַ זיך גענוג געלט. אין די עמיגראַנטן־הייזער האָט מען פאַר דעם איינשטיין דאָרטן, ניט גענדאַרפט צאָלן, אָבער עסן האָט יעדער עמיגראַנט גענדאַרפט פון אייגענעם געלט. אָבער צווישן אידן ווערט מען ניט פאַרפאַלן. אויף מאָרגן בין איך אַוועק גלייך מיט אַלעמען צו אַזאַ אָרט וואָס האָט געהייסן די איק״א, וואו מען האָט געטיילט קלענערע און גרעסערע סומען געלט צו די אָרעמע עמיגראַנטן. ווען עס איז געקומען צו מיין ריי, זאָגט מען מיר, אַז צו קיין יונגע מענטשן גיט מען ניט, ווייל אַ יונגער מענטש קאָן אויסזוכן עפּעס אַרבעט. אַן אויסגעמאַטערטער פון דער רייזע און באַן, האָב איך זיך ניט געפילט בכוח

אומצוגיין זוכן אַרבעט, איז מיר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק, ווען איך האָב זיך געווענדט צו די אָנפירער פֿון איק'אַ: „איר ווייסט דען, ווער איך בין?, איך בין אַ קאָזין צו דעם באַרימטן העברעאישן שרייבער ג. שאַפּמאַן, און אחוץ דעם, האָט ניט מורא, איך זאָג צו אייך אָפּצאָלן כפֿל־כפֿליים וויפֿיל איר וועט מיר געבן". „וויפֿיל, אָשטיינגער, פֿאַרלאַנגט איר?", פֿרעגן זיי מיך. „גיט מיר פֿינף רובל", זאָג איך צו זיי. מען האָט מיר באַלד געגעבן די פֿינף רובל.

מיר האָט דאָן איבערראַשט דער אינטערעס וואָס איינער פֿון די איק'אַ־דירעקטאָרס, האָט אַרויסגעוויזן צו שאַפּמאַנען. ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט ביי מיר מיט פּרטים וועגן שאַפּמאַנען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער פֿאָלגט נאָך אַלע זיינע שאַפֿונגען. ער האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס, וואו צו קריגן אַ מאָלצייט פֿאַר צוואַנציק קאָפּיקעס.

איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו וועגן מיין לאַגע צו מיין קרובה חיה כאַנאַניעס, וואָס איז שוין דאָן געווען פֿאַרהייראַט און האָט געוואוינט אין מאָסקווע, אויך צו מיינעם אַ חבר אין סמאָליענסק, וואָס האָט געדינט אין אַ באַנק. זיי ביידע זיינען געווען גוט צו מיר און האָבן מיר צוגעשיקט צו פֿינף רובל.

נאָך היינט צו טאָג בין איך שולדיק די פֿינף רובל מיין קרובה חיה, וואָס איז די פֿרוי פֿון דניאל טשאַרני. וויפֿל מאָל איך האָב געמאַכט אַ פֿאַרזוך אָפּגעבן איר דעם חוב, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען עס, מיטן תירוץ, אַז זי געדענקט ניט, אַז זי זאָל ווען עס איז האָבן געשיקט מיר 5 רובל.

אין לאָנדאָן האָב איך שוין געזען, אַז די שיף־אַרבעטער סטרייקן. איך האָב געזען, ווי זיי האָבן דעמאָנסטרירט אין געשלאָסענע רייען, איבער די גאַסן פֿון לאָנדאָן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט זיך דער סטרייק געענדיקט, און מיר האָבן זיך געלאָזן אויפֿן וועג קיין אַמעריקע.

דעם 20־טן אויגוסט 1912, האָט אונזער שיף „אייאָנייאַ" געבראַכט מיך צו די ברעגן פֿון קוויבעק, און פֿון דאָרט בין איך מיט דער באַן, געקומען קיין מאָנטרעאַל, די שטאָט, מיט וועלכער עס פֿאַנגט זיך אָן אַ נייַ קאַפּיטל אין מיין לעבנס־געשיכטע.

איך עם „טעני״

אייגנטלעך וואָלט איך באַדאַרפט אָנהויבן די געשיכטע פון מיין עסן „טעג" פון זונטיק, ווייל „טעג" זיינען זיבן אין אַ וואָך, און אַ וואָך, ווי מיר ווייסן, הויבט זיך אָן מיטן זונטיק, אַזוי ווי אין חומש ווערט געזאָגט „ויהי ערב, ויהי בוקר, יום אחד, יום שני", א. א. וו. אגב, איז באַ מיר שטענדיק אַ פראַגע ווי קומט עס, וואָס באַלד ווי דער רבש"ע האָט באַשאַפן אונזער וועלטל מיט די כל'ערליי חיות און מיט אַלע אַנדערע קלאָפּערגעצייג, און ער האָט געהייסן אָדמ'ן אָנצורופן נעמען פאַר אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן, האָבן מיר דערפאַר אַ נאָמען פאַר אַלץ, אָבער פאַר די זיבן טעג פון דער וואָך איז נישטאָ קיין זכר פון אַ נאָמען, אַ חוץ פאַרן לעצטן טאָג — שבת? און מיר מוזן געבן קרעדיט דער ניט־אידישער וועלט, וועלכע האָט, אויס דאַנקבאַרקייט פאַר אונזער „ספר הספרים" וואָס מיר האָבן איר (דער וועלט) געגעבן, האָט זי זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע חכמות חיצונות, און האָט דערטראַכט זיך צו באַשטימען נעמען פאַר די איבעריקע זעקס טעג פון דער וואָך.

אָבער דעם אמת געזאָגט זיינען פאַר מיין געשיכטע גאָר נישט וויכטיק די נעמען פון די טעג, און ניט אפילו דער אָנגענומענער סדר פון די טעג. עס איז נישט וויכטיק אין וועלכן טאָג איך האָב געגעסן, נאָר וויכטיק זיינען איבערהויפּט די מענטשן, באַ וועלכע איך האָב די „טעג" געגעסן. און אויב אַזוי איז שוין פאַרשטענדלעך פאַרוואָס די געשטאַלטן פון די מענטשן אַנטפּלעקן זיך אויף אַזוי פיל אויף וויפיל זיי האָבן געמאַכט אויף מיר דעם

שטאַרקסטן איינדרוק, האָבן זיך איינגעקריצט איז מיין זכרון און זיינען פאַרבליבן צו ווירקן אויף מיין גאַנצן לעבן.

אַזוי, למשל, זיינען איינגעקריצט אין מיין זכרון די מענטשן בא וועלכע איך האָב געגעסן שבת אין מיין ערשטן זומער פון לערנען אין דער ישיבה. ווען מיין פאָטער האָט מיך אַריינגעפירט אין דער הויז, וואו ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ וועט זיין גוט פאַר מיר צו עסן שבת, איז די באַלעבאָסטע געלעגן אין קימפּעט. דאָס הויז איז געווען זייער אַ גרויסע מיט פיל חדרים. געשטאַנען איז דאָס הויז אין עק פון אַ גרוסן הויף, אַ פאַרבויטער מיט הייזער פון פאַרשיידענעם גרויס. דער הויף מיט די הייזער האָט באַלאַנגט צו יוסף יעליינִיק, וועלכער איז געווען מיין מוטער'ס אַ שטיף־ברודער. ווען מיין זיידע איז יונגערהייט געשטאָרבן, האָט די באָבע עטע געהייראָט אַ צווייטן מאַן, וועלכער האָט שוין געהאַט פון זיין ערשטער ווייב אַ זון, יוסף, און אויך אַ טאָכטער. אָט־דער יוסף יעליינִיק איז געווען אין אַרשע אַ גאַנץ בכבוד'יקער באַלעבאָס, סוחר, געהאַט הייזער און אַ היפּש הויז־געזינד מיט קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער — שוין אויסגעגעבענע קינדער און נאָך גאָר יונגע קינדער מיט איין ערשט־געבוירענעם בן־זקונים.

געווען איז ער, יוסף, אַ מאַן אין די פּופּציקער. זיין שיין פאַרפּוצטע באָרד האָט זיך שוין דורכגעוואָרפן מיט זילבערנע הערעלעך. ער איז געווען אַ גאַנץ הויכער מיט גלאָטענע באַ־באַוועגונגען פון אַ מענטשן, וואָס איילט זיך נישט. שטענדיק אַביסל פאַר'חלומ'ט. ווי איך האָב פאַרשטאַנען איז ער שוין דאַן געווען אַביסל אַ יורד. פאַרשטאַנען האָב איך עס פון דעם, וואָס איך פלעג הערן ווי מיין קוזין, זעליק, וועלכער האָט געלערנט מיט יוסף'ס קינדער, האָט איבערגעגעבן אין הויז, אַז ווען ער האָט דערוואַרט צו קריגן זיין שכר־לימוד, האָט זיך יוסף פאַר אים באַ־קלאָגט, אַז די געשעפטן זיינען שטאַרק געפאַלן און דערפאַר וועט ער דאַרפן צוואַרטן אייניקע טעג מיטן געלט. אַזוי ווי יוסף איז געווען אַ שטילער און גלאַטענער מענטש איז זיין ווייב מלכה געווען פאַרקערט, אַ גרויסע שרייערקע, אַ קריגערישע נאַטור. די שכנים האָבן איר אַ נאָמען געגעבן „מלכה די גויע", ווייל זי האָט

טאָקע אויסגעזען ווי אַ דאָרפישע פויערטע מיט אַ געזונטן שטאַרק־פאַרברענטן פּנים, מיט אַ גראָבער מענערשער שטימע — גאָר־נישט ווי עס פּאַסט פאַר אַ . . . אידישער פרוי.

ווען איך בין אַליין, מיט אַ וואָך שפּעטער, אַריינגעקומען פרייטיק בין־השמשות אין הויז, איז די באַלעבאָסטע מלכּה, גע־זעסן אויף אַ שטול מיט אַ ברייט־צעעפנטן בוזים און געזויגט איר ניט־לאַנג געבוירענעם בן־זקונים. באַלד ווי זי האָט מיך דערזען האָט זי אַ זאָג־געטאָן מיט איר גרויסן מויל: „גוט וואָס דו ביסט געקומען, זיי אַזוי גוט, און טראָג אַרויס די פּאָמויניצע". דאָס איז געווען איר ערשטער ברוך־הבא צו מיר. נאָכדעם ווי איך האָב אַרויסגעטראָגן די פּאָמויניצע, האָט זי מיר געזאָגט איך זאָל נעמען די צוויי אינגערע בנים'לעך — איינער אַ יאָר זיבן און דער צווייטער אַ יאָר זעקס — און אויסוואַשן זייערע פּנים'ער, זיי מאַכן גרייט צו גיין מיטן פאָטער אין שול אַריין. אַזוי ווי עס איז געווען נאָך פּסח, ווען אינדרויסן איז שוין געווען גאַנץ וואַרעם, האָב איך גענומען די צוויי אינגלעך אין הויף אַריין, וואו אויף אַ בענקל איז געשטאַנען אַ שיסל מיט וואַסער, און איך האָב זיי אַרומגעוואַשן, אָנגעטאָן ווייסע העמדלעך. זיי זיינען געווען שיינע אינגלעך מיט קלוגינקע שוואַרצינקע אויגעלעך. און איך האָב זיי שוין כּמעט אָנגעהויבן ליב האָבן. אָבער, ווען איך האָב גענומען פאַרשפּיליען די פּילע קנעפּלעך פון זייערע שיך, וואָס איז יענע צייטן איז עס געווען אַן אַרבעט צו וועלכער מען פלעגט באַ־נוצן אַזאַ ספּעציעלן מעטאַלענעם העקל, און ווען איך האָב דערביי זיך איינגעבויגן, האָבן זיי די ערשטע זאַך אַראָפּגעכאַפּט מיין היטל פון קאָפּ, דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויפצודראַפּען זיך אויף מיינע אַקסלען — קוים מיט צרות האָב איך באַוויזן צו מאַכן זיי גרייט צו גיין אין שול אַריין, צו קבלת שבת.

די שול איז אייגנטלעך געווען נאָר אַ קליין חדר'ל פון דער גרויסער פיר־גאָרנדיקער געביידע אין דער אָרשער תּלמוד תּורה, וועלכע איז געשטאַנען אין שכנות מיט יוסף'ס הויז. געדאַוונט האָט מען דאָרט נאָר אין די שבתים און יום־טובים. די דאַוונער זיינען באַשטאַנען פון די תּלמוד־תּורה־לערער און פון די יעניקע באַלעבאַטים פונעם אַרומיקן געגנט, וועלכע האָבן נישט שטאַרק

מקפיד געווען אויף שטרענגער פרומקייט. די לערער, מיטליאַריקע מענטשן, האָבן נאָך אפילו געדאַוונט, אָבער זיי זיינען שוין געווען מער־ווייניקער היינט־וועלטלעכע מענטשן — ציוניסטן. זיי האָבן שוין געטראָגן קורצע קליידער, אייניקע מיט זייערע בערד גאַנץ קאַנטיק אָרומגעשוירן. פון פאות איז שוין אפילו קיין סימן ניט געווען. אייניקע מיט זייערע בערד אינגאַנצן אָפּגעגאָלט. מיט איין וואָרט, עס האָט זיך דאָרט אין דעם קליינעם שולכל, שוין גאַנץ שטאַרק געפילט דער גייסט פון השכלה, וואָס האָט אָנגעהויבן אַלץ שטאַרקער אַריינדרינגען אינעם אידישן לעבן.

די קליינע שול איז געווען שטאַרק באַלויכטן מיט אַ גרויסן בליץ־לאָמפּ און מיט „סטעאַרינעווע" ליכט פונעם עמוד. אָפּגעדאַוונט, האָט מען זיך איינעם דעם אַנדערן געוואונטשן אַ „גוט־שבת" און מען איז זיך עונג־שבת'דיק פאַנאַנדערגעגאַנגען. געטריי צו מיינע פליכטן, האָב איך געגומען די קליינע שטיפערס פאַר די הענט, און בין נאָכגעגאַנגען מיט זיי נאָך דעם באַלעבאָס, וועלכער איז געגאַנגען מיט נאָך אַ פּאָר אידן און מיט זיינעם אַן עלטערן זון. דערביי האָב איך געמוזט זיי שטאַרק אונטערהאַלטן, אַז זיי זאָלן חשך האָבן צו ווערן געפירט פון מיר. אַזוי ווי זיי האָבן געלערנט אין חדר באַ אַ רבי'ן (ניט אין תלמוד־תורה, וואו עס האָבן גע־לערנט נאָר די אָרעמסטע קינדער פון שטאָט), האָב איך זיי פאַר־הערט אין זייערע לימודים, ביז מיר זיינען צוגעקומען צום הויז.

אין הויז זיינען מיר אַריינגעקומען, בראש מיטן באַלעבאָס, מיט אַ ברייטן „גוט שבת!", אַדרעסירט, פאַרשטייט זיך, צו דער באַלעבאָסטע וועלכע איז ווידער געזעסן אויף אַ ברייטן שטול מיט איר בוזים אינגאַנצן אָפן, האַלטנדיק באַ אירע פולע בריסטן דאָס שלאָפנדיקע עופה'לע. דער באַלעבאָס, גלעטנדיק זיין שפּי־ציק בערדל און אָרומשפּרייזנדיק איבערן העל־באַלויכטענעם חדר, האָט אָנגעהויבן זאָגן מיט אַ גיכן טעמפּאָ „אשת חיל מי ימצא" און די אַנדערע שבת'דיקע ברכות. אָפּגעזאָגט די ברכות, האָט מען זיך געוואַשן צום עסן. דער גרויסער טיש, וועלכער איז גע־שטאַנען אינמיטן פונעם געראַמען עס־צימער, איז געווען באַשיינט מיט ליכט פון אַ צאָל הויכע זילבערנע לייכטער. דער באַלעבאָס האָט געמאַכט קידוש, האַלטנדיק אין האַנט אַ גרויסן זילבערנעם

בעכער מיט וויין. נאכן קידוש האט ער געמאכט „המוצא" איבער א גרויסער געפלאכטענער חלה (א קיטקע, ווי מ'האט עס גערופן בא אונז), און אויסגעטיילט פון דעם המוצא'ס, מיט דער הילף פון דער באלעבאסטע, צו אלעמען ארום דעם גרויסן עס־טיש.

און געזעסן זיינען מיר ארום דעם טיש א גאנץ גרויסע הויז־געזינד. עס איז דארט געווען איין עלטערע טאכטער פון א יאר 20 — אן אמת'ע קאפיע פון דער מאמען, גארנישט אויסגעזען ווי א אידישע מיידל. א זייער ענערגישע נאטור, האט זי ארויסגעהאלפן דער מאמען אין דער הויז־ארבעט. עס איז געזעסן א בחור פון א יאר 15־16 און נאך א אינגל אין מיינע יארן, און א יונג מיידעלע פון א יאר ניין אדער צען. באם טיש זיינען אויך געזעסן די צוויי אינגערע אינגלעך, וועלכע מען האט איבערגעגעבן אין מיין רשות צו אויפפאסן אויף זיי. און איך מוז אנערקענען, אז א דאנק דער אויטאריטעט פון דער מוטער איז מיין אויפגאבע באדייטנדיק פארגרינגערט געווארן. עס איז געווען גענוג זי זאל געבן איין געשריי מיט איר מענערשער שטימע: „איר זאלט מיר דארט איינזיצן שטיל, אנישט קריגט איר געשלאגן!", ווי די צוויי שטיפערס זיינען פארבליבן זייער סטאטעטשנע קינדער פאר דער גאנצער צייט, וואס מ'האט געגעסן.

און געגעסן האט מען דארט, נישט צום פארזינדיקן. ערשט אינעם פראצעס פונעם עסן, האב איך אנגעהויבן באגרייפן אין וואס עס באשטייט דער גאנצער כוח פון אט־דער באלעבאסטע, וואס מ'האט גערופן „מלכה די גויע". איר אויסזען איז טאקע געווען פון א „גויע", אבער אירע געפילטע פיש מיט די אלע שבת'דיקע מאכלים, וואס זי פלעגט צוגרייטן — דאס איז שוין גראד געווען אידיש — עס האט געהאט דעם עכטן אידישן טעם, וואס נאר א אידישע באלעבאסטע, אן אשת־חיל, קאן באווייזן צו מאכן. עס ליגט מיר נאך איצט אין מויל דער טעם פון יענע געפילטע פיש. מיין יונגער אפעטיט האט דארטן געקראגן זיין פולע באפרידיקונג.

איך פלעג באם טיש, דורכן שבת, אזוי אנפאקן זיך, אז ווען איך פלעג מוצאי־שבת צוריקקומען נעכטיקן צו די שאפמאנס (פרייטיק האב איך גענעכטיקט בא מלכה'ן) האב איך זיך געשעמט

צו קוקן זיי אין די אויגן. ווען איך פלעג אַריינקומען אינעם קליינעם שטיבל, און דערזען ווי די מומע זיצט אין אַ פינצטערן ווינקל און שטריקט אַ זאָק, ווי כאַשקע שטייט אויף די קני אויף אַ שטול, און איז שטאַרק פאַרטיפט אין לייענען אַ גראָבן בוך, און זעליג פלעגט אומגיין אין חדר מיט אַ ביכל אין האַנט, און אונטערברומען דערביי מיט אַ טרויעריקן גמרא־ניגון, רוסישע ליי־דער פון נעקראַסאָוו, אָדער ניקיטין, פלעגט מיר איינפאַלן דער געדאַנק, אַז ווי גוט עס וואָלט געווען ווען איך וואָלט געקאָנט ברענגען אַהער כאָטש אַ קליינעם טייל פון די אַלע מאכלים, וואָס מ׳האָט געגעסן באַ מיין שבת־טיש. אין יענע מוצאי־שבת נעכט, פלעג איך זיך לייגן שלאָפן מיט אַ שווערן געפיל פון געוויסנס־ביסן.

פרייטיק, נאָך דער שפּעטער סעודה, פלעגט מען אונז, יונג־וואַרג, הייסן גיין שלאָפן אין שפּייכלער אויפ׳ן היי. דער אינגל אין מיינע יאָרן, איז גראָדע געווען אַ שטילער און מיט אים פלעג איך ליב האָבן צו פאַרברענגען. אָבער די צוויי קליינע שטיפערס פלעגן מיך געגנוג אויסמאַטערן ביז וואַנען זיי פלעגן איינשלאָפן. דערפאַר, ווען איך בין נאָך סוכות צוריקגעקומען אין אָרשע, האָב איך באַשלאָסן צו זוכן אַן אַנדער הויז צו עסן דעם שבת׳דיקן טאָג. די געפילטע פיש און די אַלע גוטע זאַכן באַ „מלכה די גויע״ האָבן טאַקע געהאַט דעם טעם גן־עדן, אָבער דאָס אַכטונג־געבן אויף די צוויי שטיפערס, און איבערהויפּט די אַרבעט פון אַרויסטראָגן די פּאַמויניצעס, האָבן מיר גיכער געגעבן צו פילן דעם טעם פון גיהנום. עס איז געווען דאָן, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, ווען איך האָב באַגריפן, וואָס עס מיינט דער פּסוק „לא על הלחם לבדו יחיה האדם״. וואָס טויג מיר דאָס גוטע עסן, אַז דאָס שטענדיקע „זיי אַזוי גוט און טראָג אַרויס די פּאַמויניצע״ און די צוויי אומגעצוימטע שטיפערס האָבן מיר דאָרט פאַרביטערט דעם שבת׳דיקן טאָג?

האָב איך זיך אָפּגעזוכט דעם נייעם „שבת׳דיקן טאָג״ באַ איינעם אַ מלמד, וואָס איז געווען מיין מוטער׳ס און במילא די שאַפּמאַנס אַ ווייטער קרוב. ווען איך פלעג אַריינקומען פריי־טיק־צו־נאַכטס נאָך קבלת שבת, פלעגט דער באַלעבאָס נאָך נישט

זיין אין דער היים. זיין פרוי, א לאנגע, דארע אידענע, פלעג איך טרעפן ליגנדיק אין עס־צימער אויף א דיוואן. הוסטנדיק און קרעכצנדיק, פלעגט זי מיך באטראכטן און אויספרעגן בא מיר, בא וועמען איך נעכטיק, און וועמען איך עס די איבריקע טעג פון וואך.

זיי האבן געהאט דריי טעכטער. צוויי פון זיי זיינען שוין געווען גאנץ עלטערע מיידלעך, און די דריטע איז געווען פון א יאר 20 — א גאנץ חנ'עוודיק מיידל, וואס האט געארבעט אלס געהילף אין א באקאליי־געשעפט. די צוויי עלטערע מיידלעך האבן געארבעט אין דער היים — זיי האבן גענייט פרויען־קליידער. עס איז אויך געווען איין זון, א בחור שוין אין די דרייסיקער, וואס האט געארבעט אין איינעם פון די ארשער אפטייקן. אים האב איך זעלטן געטראפן אין הויז.

דער פאטער זייערער, א מלמד, האט געמאכט דעם איינדרוק פון א מאדנער בריאה. פרייטיק־צו־נאכטס, שוין גאר שפעט, ווען די גאנצע גאס האט שוין געהאט אפגעגעסן און די בענטשליכט האבן שוין געהאלטן באם צאנקען מיט זייער לעצטער שיין, פלעגט ער שטיל אריינשארן זיך דורכן טיר, עטלעכע מאל א קוש טאן די מזוזה, אריינגיין אין הויז און א בורטשע טאן אין זיין קאלטענעוואטער בארד — „גוט שבת". אנהאלטנדיק זיך אין ברעג־טיש, פלעגט ער מורמלען די שבת'דיקע ברכות און זיך גיין וואשן צום עסן.

דאס הויז־געזינד, דאס הייסט, די דריי מיידלעך און איך, שטארק אויסגעהונגערטע, פלעגן זיך זעצן צום טיש. די באלעבאסטע איז שוין אין דער צייט געשלאפן אויף איר דיוואן, אפגעבורטשעט דעם קידוש איבער א מאגערער חלה, פלעגן מיר ענדלעך אנהויבן עסן. מיט זיין הויכער, סאמעטענער יארמעלקע, מיט די לאנגע געקרייזלטע פאות און מיט זיין קאלטענעוואטער בארד, פלעגט מיין באלעבאס אנטרייבן אויף אלעמען א טויטלעכע מרה־שחורה. פאר כמעט דעם גאנצן יאר, וואס איך האב דארט געגעסן שבתים, האב איך קיינמאל אים ניט געהערט עפעס אויסרעדן א ווארט. די טעכטער זיינע, פלעגן אים דערלאנגען די געריכטן, און האבן, אזוי ווי שוין נאך פון לאנג, זיך פארשטענ־

דיקט מיט אים, נישט אויסריידנדיק אַ וואָרט. זיינע אויגן פלעגט ער האַלטן האַלב צוגעמאַכט. גלעטנדיק מיט איין האַנט זיין קאַל־טענעוואַטע באָרד און מיט דער אַנדערער האַנט אונטערשפּאַרן זיין קאָפּ, וואָס האָט אין דער זעלבער צייט געדינט ווי אַ שוץ פאַר זיינע אויגן. אַזוי פלעגט ער פריער באַם עסן בורטשען די זמירות, און אָפּעסנדיק, שוין שטאַרק שלעפעריק, אָפּבורטשען דאָס בענטשן. און אַזוי מיט דעם בורטשען, ווי דאָס זשומען פון אַ זומער־פליג, אין דער פינסטער, פלעגט זיין די פינאַלע פון דער שבת'דיקער סעודה.

אויף מאָרגן, שבת, איז געווען גאָר אַן אָפּקומעניש. מיין באַלעבאָס פלעגט אָנקומען פון שול אַרום צוויי אַזייגער באַטאָג. איינמאָל בין איך געווען נייגעריק אויסצוגעפינען אין וואָס פאַר אַ מין שול דאַווענט ער עס, וואָס מען גייט פון דאָרט אַרויס אַזוי אומגעווייגלעך שפּעט. פאַר דער צייט, וואָס איך בין געווען אין דער גאַנץ גרויסער שטאָט אָרשע, האָב איך שוין געוואוסט פון כמעט אַלע שולן, וואָס זיינען דאָרט געווען. עס זיינען דאָרט געווען, גאָט צו דאַנקען, שולן מכל המינים — חסיד'ישע און מתנגד'ישע. אויך שולן וואָס מען וואָלט היינט גערופן פּראָפעס־סיאָנעלע: קצב'ישע, שניידערשע, שוסטערשע. די חסיד'ישע שולן, ווידער, האָבן זיך אויסגעטיילט לויט די רבנ'ישע הויפן פון יענער צייט. אַזוי איז דאָרט געווען אַ קיידאַנאָווער שול, אַ לי־באַוויטשער, אַ לאַדיער, אַ אַקאַפּיסטשער — אַלץ אַזעלכע רבנ'ישע הויפן־דינאַסטיעס, מיט זייערע באַזונדערע חסידים־פּאַטריאָטן.

אין אָרשע איז אויך געווען אַ באַרימטע „קאַלטע שול", מיט אַ הויכן משופּע'דיקן דאַך, טונקל־רויט געפאַרבט. ווייל עס איז געווען אַ קאַלטע שול, פלעגט מען דאָרט דאַווענען נאָר אין די זומערדיקע מאָנאַטן. די שול איז געווען אויסגעמאָלט אינ־וויינין מיט פאַרשיידענע קינסטלערישע מאָלערייען און אויסשניצן. פאַררייסנדיק דעם קאָפּ אין דער הויך פון מזרח־זייט, האָט מען געזען ווי דער הויכער באַלקן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ העל־ראָזעווען הימל מיט אַ שטאַרק־רויטער קיילעכדיקער זון, וואָס האַלט אין איין אויסשטראַלן מיט דעם נייעם פרימאָרגן. אין דער זעלבער צייט, ווען מען האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו מערב־

זייט פון באַלקאָן, האָט מען שוין אָנגעטראָפן אַ הימל טונקל־בלוי מיט אַ זילבערנער לבנה, אַ רייפע און אַ פולע, אַרומגערינגלט מיט אומצאָליקע גאָלדענע שטערן. די פיר ווענט פון דער שול זיינען געווען באַמאָלן מיט די 12 מזלות־סימבאָלן פון די 12 חדשים פון יאָר — צו דריי מזלות אויף יעדער פון די פיר ווענט. אינמיטן פון דער מזרח־וואַנט איז, ווי אין יעדער שול, געשטאַנען דער ארון־קודש, וועלכער איז געווען גאַנץ אַנדערש פון אַ געוויינ־לעכן ארון־קודש. דער ארון־קודש פון דער הויכער קאַלטער שול, איז געווען אַזוי ווי אויסגעשניטן פון איין שטיק. אויף די הויכע און ברייטע זיילן זיינען געווען עכט־קינסטלערישע אויסשניצונגען פון אַלערליי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, ווי די לירע, טרומייטן און פידלען, און די אַלע מוזיק־אינסטרומענטן וואָס זייערע נעמען ווערן דערמאָנט אין תהילים. אויף דעם העכסטן שפּיץ פונעם ארון־קודש, אין סאַמע מיטן, זיינען געשטאַנען די לוחות מיט די עשרת הדברות, באַוואַכט פוןביידע זייטן מיט גרויסע דראָענדיקע לייבן . . .

די „קאַלטע שול" איז אויך באַרימט געווען מיט אירע געסט־חזנים, וועלכע זיינען אָפט אַראָפּגעקומען אַהין דאַוונען אַ שבת. פלעג איך גאַנץ גערן גיין דאַוונען אַהין און אין אַ פולער מאָס געניסן פון דעם חזנ׳ס נגינה. אַז איך פלעג קומען אויף מיין שבת־דיקן טאָג נאָך דעם לאַנגן דאַוונען פון דעם חזן פלעג איך נאָך אַלץ זיין צו פרי און באַדאַרפט נאָך לאַנג וואַרטן ביז דער חסיד־ישער באַלעבאָס איז אַהיים געקומען. בין איך ווי געזאָגט, איינ־מאָל געוואָרן שטאַרק נייגעריק (און וועלכער אינגל איז עס נישט שטאַרק נייגעריק?) אויסצוגעפינען די שול וואו מיין באַלעבאָס דאַוונט דאָס אַזוי לאַנג. דערביי איז געווען מיין כוונה צו יוצא־זיין פאַר מיין באַלעבאָס דערמיט, וואָס איך וועל גיין און אָנקומען מיט אים צוזאַמען פון שול אַהיים, ווי עס איז געווען דער מנהג. אָבער איך בין שטאַרק אַנטוישט געוואָרן אין מיין נאָבעלן פּאַרזוך.

דאָס דאַוונען אין יענער שול האָט זיך אָנגעהויבן אין דער זעלבער צייט ווי אין אַלע אַנדערע שולן, און איך האָב דאָרט בכלל נישט געזען, עפּעס וואָס זאָל זיין אויסערגעוויינלעך. אָבער דער־פאַר האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו דערוויסן זיך וועגן די

זאנדערבארע אויפפירונגען פון מיין באַלעבאָס. אַזוי ווי מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען, האָט מיין באַלעבאָס אויסגעטאָן פון זיך דעם טלית, און האָט גיך זיך געלאָזן צו דעם בית־הכסא, און צוריקגע־קומען איז ער, ווען מען האָט שוין געהאַלטן באָם סוף מוסף־זאָגן. דאָס הייסט, אַז פאַר דער גאַנצער צייט פונעם שבת'דיקן דאַווע־נען איז ער געווען אין בית הכסא. איז שוין דאַן פאַר מיר קלאָר געוואָרן די אורזאַך פון זיין קומען שפּעט אַהיים. אַזוי שנעל ווי מען האָט אָפּגעדאַווענט בין איך צוגלייך מיט אַלעמען אַרויס פון שול, מיין יוגנטלעכער געדולד, אָדער אומגעדולד, וואָלט זיכער ניט גענוג געווען אויף צו בלייבן וואַרטן אויפן באַלעבאָס, וועל־כער האָט ערשט דאַן אָנגעטאָן זיך דעם טלית און אָנגעהויבן דאַ־ווענען ביחידות. אַחוץ, וואָס איך האָב בכלל ניט געוואָלט ער זאָל וויסן, אַז איך האָב צוגעזען זיינע אויסטערלישע מידות.

עס איז געווען באַלד נאָכדעם, אין אַ מוצאי שבת, ווען איך בין געגאַנגען נעכטיקן צו מיינע קוזינען אויף דער אַנדערער זייט דניעפּער, נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעגעסן (מוצאי שבת פלעגן די טעכטער ניט וואַרטן אויפן טאַטן), האָב איך זיך אָנגעטראָפן פּנים־אל־פּנים מיט מיין באַלעבאָס, וועלכער איז ערשט געגאַנגען פון שול אַהיים. בעת איך האָב אים געזאָגט אַ „גוטע וואָך", האָט ער מיך אָפּגעשטעלט — „דו, האָב איך געהערט, שטייסט־איין באַ די אַפּיקורסים, די שאַפּמאַנס. אַז אַד־און־ווי איז זייער טאַטן, צו האָבן אַזעלכע בנים משחיתים". אַ חוץ דעם, זאָגט ער מיר, אַז ער קאָן מיר מער ניט געבן עסן שבת, ווייל „פּרנסה איז גע־שלאָגן". אַזוי האָט ער אַ בורטשע געטאָן אין זיין קאַלטענעוואָ־טער באָרד און איז אַוועק.

* * *

אין דער אַלטער היים האָט מען געפרעגט: „גוואַלד, וואו קו־מען דאָס אַהין די טעג מיט די יאָרן?" און אויף דעם פלעגט אַ וויצלינג ענטפערן: „די טעג עסן אויף די ישיבה־בחורים, און די יאָרן זיינען באַ די אַלטע אידן". האָב איך טאַקע אויפגעגעסן אַ היפּש ביסל טעג פאַר די צוויי יאָר וואָס איך האָב געלערנט אין דער אָרשער ישיבה. אמת, אַרום סוף פון דעם צווייטן יאָר פלעגט מיר עפּעס פלוצים אויספעלן אַ מאָנטיק, אָדער אַ דינסטיק.

און דאָן פֿלעג איך טאַקע בפּועל ממש אונטערהונגערן. ווי יונג און ניט־דערפֿאַרן איז לעבן איך ביז דאַן געווען, האָב איך דאָך זייער גוט פֿאַרשטאַנען, אַז אין דער הויז באַ מיינע ליבע און הויך־געאַכטעטע קוזינען איז פֿאַראַן זייער אַ סך צו געניסן פֿאַרן גייסט, פֿאַר דער נשמה, אָבער פֿאַרן חומר, פֿאַרן גוף, איז אין זייער הויז געווען זייער ווייניק, כמעט ווי גאָרנישט. פֿאַר די צוויי יאָר, וואָס איך האָב געוואוינט אין זייער הויז געדענק איך נישט, איך זאָל זיי ווען עס איז געווען זען, זיצנדיק ארום טיש און עסן אַ מאָל־צייט, אַזוי ווי מען זעט עס באַ געוויינלעכע מענטשן. עס איז געווען אין אָרשע אַ טערקישע בעקעריי, וואוהין איך פֿלעג אַמאָל אַריינגיין קויפֿן אַזאַ גרויסן בייגל, געמאַכט אין דער פֿאָרמע פֿון אַ האַלבער לבנה. האָב איך דאָרט איינמאָל געטראָפֿן זעליק'ן, ווי ער איז געשטאַנען באַם פֿענצטער און האָט געגעסן פֿון דעם מין בייגל. עס איז דעריבער געווען פֿאַר מיר אַזוי ווי געוואונטשן, וואָס אין יענער הויז, באַ מיינע קוזינען, האָט מען באַ מיר קיינ־מאָל ניט געפֿרעגט וואו, אָדער וואָס איך עס. די פֿראַגע פֿון מאָגן, פֿון חומר האָט אַזוי ווי אינגאַנצן ניט עקזיסטירט אין יענער הויז. ווען איך פֿלעג אין די אונטן אַרבערטרעטן די שוועל פֿון זייער קליינעם שטיבל, פֿלעגט מיך יעדן מאָל אַרומכאַפּן אַ מין הייליקער ציטער, אַ מין געפֿיל פֿון גייסטיקער דערהויבנקייט, ענלעך צום געפֿיל, וואָס באַהערשט איינעם ווען ער גייט אַריין אין אַ גרויסן מקום קדוש. אַזאַ מין געפֿיל האָט מיך אַרומגענומען און מיך באַהערשט, ווען איך פֿלעג זיך אַוועקזעצן באַם פּראָסטן טיש אויף וועלכן איך פֿלעג אָנטרעפֿן די פֿילע גראָבע ביכער פֿון דער רוסי־שער ליטעראַטור, וועלכע מיינע קוזינען זעליק און כאַשקע, פֿלעגן ברענגען פֿון די צוויי אָרשער ביבליאָטעקן.

:: :: ::

גייענדיק איינמאָל אַ זומער באַטאָג איבער דעם אָרשער מאַרק־פּלאַץ, גראָדע דאַן ווען עס האָט מיר אויסגעפֿעלט אַ „טאָג", איז מיר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק אויפֿצוזוכן דאָרט מיינע אַ קוזינע פֿון טאַטנס צד, וועלכע האָט געשטאַמט פֿונעם שטעטל סמאָליאַן (ניט ווייט פֿון קאַכאַנעווע). עפּעס האָט מיך עמעצער אַמאָל אי־בערגעגעבן, אַז מושע, די עלטערע טאָכטער פֿון מיין פֿעטער איטשע

איז פאַרהייראַט צו אַן אָרשער מאַן שוין אַ קימה לן פון היפּשע יאָרן און אַז זי האַלט אויף דעם מאַרק־פּלאַץ אַן אַלמער. האָב איך אָנגעפאַנגען ארומצוזוכען אַט־די קוזינע מיינע ארום די פילע אַלמערס פאַנאַנדערגעפּנט אין אַ לאַנגער שורה לענג־אויס אַ גע־מויערטער וואַנט. אַן אַלמער האָט געהייסן אַ מין פאַראַדיע אויף אַ קראַם, אַ מין פאַלשע קראַם. ווען עס איז פאַנאַנדערגעפּנט, קאַן זיך איינעם דאַכטן, אַז עס איז צוויי טירן פון אַ געוויינלעכן קראַם. אָבער עס איז ניט. די צוויי גרויסע טירן זיינען אָנגע־לאָדן מיט פּאָליצעס, מיט פאַרשיידענע סחורות, ווי קינדערשע שפּילצייג און אַנדערע גאַלאַנטעריי־סחורות. די ברייט פון די פּאָ־ליצעס איז דער גאַנצער שטח פון דער קראַם, אַזוי אַז דער קונה ווערט באַדינט שטייענדיק אויפן טראָטואַר. דאָס גילט אויך פאַרן קרעמער. עס איז אַ דרויסנדיקער געשעפט, אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ. דאָס הייסט, אַז מען דאַרף שטענדיק בעטן גאָט פאַר אַ שיינעם וועטער, וואָרים אויב חלילה עס רעגנט אָדער שנייט מוזן די אַל־מערס פאַרמאַכט ווערן.

איז גייענדיק אַזוי און באַטראַכטנדיק יעדן פון די אַלמערס, קומען מיר אַן פּלוצלונג אַנטקעגן אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן. און ניט לאַנג קלערנדיק, האָב איך אויסגערופן: „מושע, דאָס ביסטו?" זאָגט זי — „„יאָ, דאָס בין איך, מושע, און ווער ביסטו עס אַזאַ?" דערהערנדיק ווער איך בין, האָט זי מיך אַרומגעכאַפּט קושן, און איך האָב, אין דערשטוינונג, דערזען ווי זי האָט אָנגעהויבן צו וויינען. אָבער מיין דערשטוינונג איז באַלד אַריבער אין אַ געפיל פון באַדויערונג. איך האָב זיך דערמאַנט ווי אַזוי די זעלבע מושע האָט אויסגעזען מיידלוויז אין דער היים. זי איז דאַן געווען אַן אויסערגעוויינלעך שיין מיידל, מיט אַ פּאָר פולע ראָזעווע באַקן, מיט אַ שיין פאַרקאַמטן קאָפּ גערדיכטע בלאָנדע האָר. אָבער איצט, מיין גאָט! וואָס פון איר איז געוואָרן! ווען ניט אירע גרויסע, בלויע אויגן וואָלט איך איר בשום אופן נישט געקאָנט דערקענען. איצט האָב איך דערזען פאַר זיך אַן אַלטע, אויסגעדאַרטע פרוי מיט אַ פאַרשוואַרצטן פּנים, מיט איינגעפאַלענע באַקן. ווי שע־מעוודיק איך בין דאַן געווען, האָב איך דאָך געוואַגט צו פרעגן: „מושע, זאָג מיר, וואָס איז מיט דיר? פילסטו זיך ניט מיט אַלע־

מען אין געזונט?, ס'איז דאך אזוי שווער צו דערקענען דיך".
„יא" — זאגט זי צו מיר — „איך בין, מיין טייער שוועסטער־קינד, אויף גרויסע צרות. איך בין דא אין ארשע עלנט ווי א שטיין".
— „און וואו איז דיין מאן?" — פרעג איך איר — און קינדער־לער, זאלן לעבן?" „מיין מאן? אט וועסטו אים באלד זען. ער דרייט זיך ארום שלינג־און־שלאנג, טאפט אין די גוים'ס וועגע־נער, פארדינט וואסער אויף קאשע. ווען ניט מיין שטיקל אלמערל וואלטן מיר באדארפט ארומגיין איבער די הייזער. אבי ער האט מיר אנגעפלאדיעט א פולע שטוב, מיט קינדער".
ווי זי האט אזוי אויסגעוויינט זיך פאר מיר, איז אנגעקומען איר מאן. ער האט אויסגעזען צו זיין א גאנץ פיינער מאן אין די מיטעלע יארן. איך האב אים געגעבן א ברייטן „שלום־עליכם". אזוי ווי עס איז שוין געווען פארנאכטלעך און דער מארק־פלאץ האט זיך כמעט ווי אויסגעליידיקט, האט מושע צוגעשלאסן איר אלמער־קראם און האט מיך מיטגענומען צו זיך אהיים.
געקומען אהיים זיינען מיר אין דער ריכטיקער צייט. ווי נאר מיר זיינען אריין אין הויז האט אנגעהויבן גיסן א שלאקס־רעגן. מושע'ס מאן האט איילנדיק א פיר־געטאן זיין האנט איבער די נאסע שויבן און האט זיך אוועקגעשטעלט אין א ווינקל דא־ווענען מנחה, שוין באלד באם אריינגאנג אין הויז האב איך דער־הערט א טומל פון א סך קינדער. אין דער האלב־פינצטערניש האב איך דאך געקענט באמערקן א פולע הויז מיט קינדער פון פארשיידענעם עלטער, איינגעלעך און מיידעלעך, ווער האלב און ווער ווייניקער ווי האלב אנגעטאן. אלע מיט פארברודיקטע פנימ'ער, אמער מיט העל־לויכטנדיקע בלויע אייגעלעך. עס האבן געוואוינט דארט אין דער ענגשאפט עטלעכע פאמיליעס צוזאמען. איין עלטערע פרוי אין א פארטוך פון ראגאזשע איז אונז אנט־קעגנגעקומען. „דאס איז מיין טייערע געשוויגער" — האט מיר מושע אריינגערוימט אין אויער. זי, ווייזט אויס, האט אכטונג געגעבן אויף דעם הויז און אויף די קינדער. בא א וואנט איז געשטאנען א טיש, וואס האט זיך געשאקלט און ארום זיינען גע־שטאנען עטלעכע אפגעריבענע שטולן. איבער דעם טומל פון די קינדער האט מען ניט געקאנט אויסרעדן א ווארט. מושע האט

זיי אַנגעהויבן שלאָגן, ווען מען אַ קניפּ און ווען מען אַ שטויס, איז דער טומל נאָך שטאַרקער געוואָרן. איך האָב געמיינט, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין דעם ריכטיקן גהינום.

ווען איך האָב געוואָלט זאָגן „אַ גוטע נאַכט" האָט מיך מושע ניט געלאָזט אַוועקגיין. „ביסט משוגע" — האָט זי געזאָגט — „וואוהין וועסטו גיין אין אַזאַ שלאַקס־רעגן? און וואו וועסטו עסן וועטשערע?". האָב איך איר געפאָלגט און פאַרבליבן. ענדלעך האָט די שווינגער מיטן ראַגאַזשענעם פאַרטוך אַרויפגעשטעלט אויפן טיש דעם סאַמאָוואַר און מושע האָט מיך גערופן צום טיש. די וועטשערע, וואָס אַלע האָבן האָבן געגעסן, איז באַשטאַנען פון שוואַרצן ברויט מיט פּוטער און אַ גלאָז טיי. פאַרן אַוועקגיין איז מושע איז צוגעגאַנגען צו מיר, האַלטנדיק אין האַנט אַ נאָדל מיט אַ לאַנגן פאָדים, און האָט אָנגעהויבן איינצונייען אַ קנעפּל אינעם קאָלנער פון מיין העמדל. נייענדיק, זאָגט זי צו מיר: „איצט זעסטו שוין, אין וואָס פאַר אַ גרוב איך בין אַריינגעפאַלן?". צו־שפּיליענדיק מיר דעם קאָלנער מיט דעם נייעם קנעפּל, האָט זי מיר געזאָגט, איך זאָל קומען צו איר עסן „מאָנטיקס", ווייל דאָס איז געווען דער „טאָג", וואָס האָט מיר אויסגעפעלט. ווען איך בין דעם קומענדיקן מאָנטיק געקומען עסן איז מושע ניט געווען אין דער היים, זי איז געווען אין מאַרק, בא איר אַלמער. די שווי־גער אינעם ראַגאַזשענעם פאַרטוך, האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאָר פּענעצלעך שוואַרץ־ברויט, אַנגעשמירט מיט פּוטער און אַ גלאָז טיי. דערביי האָט זי אונטערגעבורטשעט: „אַ נייע בעל־צדקה געוואָרן!, האָט אַליין ניט וואָס צו עסן, די קינדער פּעכנען גאַנ־צענע טעג פאַר הונגער, ווערט זי גאָר מיטאַמאָל אַ גוטע נשמה. האָסט געהערט אַן איינפאַל?" האָב איך זיך שוין געוואָרגן מיטן ביסן, און בין מער ניט צוריקגעגאַנגען אַהין.

* * *

. . . בא איינעם אַ באַלעבאָס האָב איך געגעסן אפילו צוויי טעג נאָכאַנאַנד, דינסטיק און מיטוואָך. איין טאָג האָט ער מיר געגעבן, פון מצווה־וועגן, פאַר זיין קרעדיט־קאַנטע, ווען ער וועט קומען אויף יענער וועלט; דעם צווייטן „טאָג" האָט ער מיר געגעבן

אַלס מיין שכר־לימוד פאַר לערנען רוסיש מיט זיינע צוויי מיידלעך. אַזוי ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך שטיי באַ די שאַפּמאַנס, וועלכע זיינען געווען באַוואוסט אין שטאָט אַלס גוטע לערער פון רוסיש, איז ער געווען זיכער, אַז אויך איך מוז קאָנען גוט שרייבן רוסיש. דער אמת איז אָבער געווען, אַז אַלץ וואָס איך האָב געקאָנט לערנען זיינע מיידלעך, איז דעם רוסישן אַלף־בית. שפּעטער האָב איך זיי געלערנט אָנשרייבן אַ שורה מיט אייניקע ווערטער און זיי האָבן באַדאַרפט אויספילן גאַנצע זייטלעך פּאַפּיר מיט איין און דער זעלביקער שורה. אָבער מיין באַלעבאָס איז געווען שטאַרק צופרידן מיט מיין לערנען. ער האָט זיך גאַרנישט געקאָנט אָפּוואונדערן פון מיין שיינער האַנט־שריפט. „הלוואי אויף מיינע קינדער געזאָגט געוואָרן אַזאַ האַנטשריפט", פלעגט ער זיך האַרציק ווינטשן.

ער איז געווען צופרידן, אָבער מיר פלעגט שטאַרק ברענען אויפן האַרצן פאַר די צוויי טעג, וואָס איך האָב דאָרטן געגעסן. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל מען פלעגט דאָרט עסן אין די ביידע טעג אַזאַ הייסן און שטאַרק־זויערן באָרשטש מיט גראָבן שוואַרצן ברויט. עסנדיק דעם זויערן ווי עסיק באָרשטש, פלעגט מיר אָנהויבן אַזש ווייטאָן אין די שלייפן. און איך האָב זיך נאָך געשעמט, און האָב געמוזט באַהאַלטן מיין ווייטיק, ווייל מיט מיר צוזאַמען האָט געגעסן דאָס גאַנצע הויז־געזינד, און אַנטקעגן מיר איז געזעסן מיין תלמידה, אַ גאַנץ וואוילע מיידל, אין מיינע יאָרן. זיי אַלע פלעגן מיט געשמאַק רייבן אויף ביידע באַקן דעם גראָבן שוואַרצן ברויט, מיט דעם שטאַרק זויערן באָרשטש, און אפילו ניט אַ קרוש־טאָן זיך. זיי זיינען געווען אַ הויז־געזינד, פון זייער געזונטע נאַטורן.

איך האָב אויך געהאַט אַ „טאָג" באַ אַ יונג פּאָר־פאָלק, וועלכע האָבן געהאַט איין קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס. אַריינקומענדיק איינמאָל אין אַ פרימאָרגן עסן, האָט מיך באַגעגנט די באַלעבאָסטע לעבן דער טיר און מיט פאַרוויינטע אויגן מיר געמאָלדן, אַז זייער קינד איז קראַנק אויף סקאַרלעטינע און אַז עס איז פאַר מיר אַ סכנה אַריינצוגיין אין הויז. האָט זי מיר געגעבן צען קאָפּיקעס און האָט מיך געבעטן איך זאָל זאָגן תהילים פאַרן

געזונט פון איר קינד. אוודאי האָב איך איר צוגעזאָגט דאָס צו טאָן. אָבער מיין הארץ האָט מיר געזאָגט, אַז מיין תהילים וועט ווייניק וואָס העלפן. אַז די באַמיאונגען פון טאַטע־מאַמע העלפן נישט, וואָס קאָן שוין העלפן מיין תהילים זאָגן. אין אַ וואָך אַרום איז דאָס קינד געשטאָרבן.

ווען איך בין אָריינגעקומען צו זיי מיט עטלעכע וואָכן שפּע־טער, האָב איך ניט דערקאָנט די גוטע מענטשן. דער פאַרלוסט פון זייער קינד האָט זיי אינגאַנצן צעבראָכן . . . פריש איז נאָך דאָן געווען אין מיין זכרון ווי מיינער אַ אינגערער ברודער, זעקס יאָר אַלט, איז געשטאָרבן פון דער זעלבער קראַנקהייט. ווען אין יענעם ווינטער האָט אויסגעבראָכן אין אונזער שטעטל די עפּידעמיע, בין איך (דאָן 8 יאָר אַלט) און מיין ברודער, קראַנק געוואָרן אין דער זעלבער צייט. די שטעטלשע קהילה האָט אַראָפּגעבראַכט אַ דאָקטאָר פון אָרשע. ווען דער דאָקטאָר איז אַריין אין אונזער שטיבל האָט ער די ערשטע זאַך גענומען היילן מיין מוטערס אויגן, ווייל פון איר פיל וויינען, זיינען איר קראַנק געוואָרן די אויגן. דערנאָך האָט ער באַטראַכט מיך, און האָט געזאָגט מיינע עלטערן, אַז וועגן מיר האָבן זיי ניט וואָס צו דאגה'נען. אָבער, ווען ער האָט באַטראַכט מיין ברו־דער, האָט ער געזאָגט, אַז פאַר אים דאַרפן זיי בעטן גאָט. האָט זיך מיין אָרעמע מאַמע שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט, כאָטש דער דאָקטאָר האָט געשריגן: „הערט אויף צו וויינען, איר שעדיקט אייערע אויגן!”.

אין אַ וואָך אַרום איז מיין ברודער געשטאָרבן. מיינע עלטערן און מיר, די איבעריקע קינדער, האָבן לאַנג געטרויערט אויפן טויט פון דעם זעקס־יאָריקן ברודער, וועלכער איז געווען דער שענסטער און גרעסטנסטער פון אַלע קינדער. דערפאַר, ווען איך בין אַריינגעקומען צו יענעם פּאָר־פאָלק נאָך דעם פאַר־לוסט פון זייער איינציקן קינד, איז דער טרויער פאַר מיר געווען טאָפּלט שמערצלעך. ווי פילע אַנדערע לעבנס־געשיכטעס, איז אויך מיין געשיכטע פון די „אויפגעגעסענע טעג” מיט אַ טרויעריקן סוף. איך האָב געגעסן „טעג”, און די „טעג” האָבן זיך איינגעגעסן און איינגעגעסן און איינגעקריצט אין מיין זכרון און אין מיין נשמה...

מיינע קוזינען
די שאַפּמאַנס

(צו דער געלעגנהייט פון דער פייערונג אין תל־אביב, דעם 75־יאָריקן יובילײ פון דעם באַרימטן העברעאישן שרייבער, גרשון שאַפּמאַן)

אויף צו מאָרגנס, נאָך פּסח, האָט מיר מיין פעטער געמאָלדן, אַז ער נעמט מיך מיט קיין אָרשע און וועט מיר אַריינגעבן אין דער ישיבה. שוין אַ גרויסער בחור פון עלף יאָר, און עס איז שוין צייט צו טראַכטן וועגן עפּעס אַ תכלית. אָרשע איז איין סטאַנציע פון אונזער שטעטל, קאָכאַנאָווע, אויף דער מאָסקווע־ברעסטער אייזנבאַן ליניע.

באַזאָרגנדיק מיך מיט די „זיבן טעג צום עסן", בא אייניקע פון אונזערע נאָענטע און ווייטערע קרובים, און סתם גוטע מענטשן, וואָס ווילן פאַרדינען אַ מצווה, האָט ער מיך אַריינגעגעבן אין פּאָליאַקאָוו'ס ישיבה, און פאַר אַ פּלאַץ צו נעכטיקן, האָט ער מיך אַריינגעפירט אין הויז פון מיינע קוזינען די שאַפּמאַנס, ווייל אזוי האָט אים געצעה'ט דער פעטער אַלטער, מיין מוטער'ס ברודער, וועלכער האָט זיך געפונען פאַר אַ לענגערער צייט בא אונז אין קאָכאַנאָווע.

איבערבלייבנדיק אַליין אין אָרשע, אין אַ פרעמדער שטאָט, צווישן פרעמדע מענטשן, אַז קיין אויפזיכט פון עמעצן, און דער־פילנדיק זיך פריי פון די שטרענגע בליקן פון מיין זייער פרומען פּאָטער, האָב איך צום אַלעם ערשטן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שווערן יאָר פון פרומקייט. איך האָב זיך שנעל און זייער גרינג אונטערגעגעבן דעם איינפלוס פון מיינע קוזינען, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו.לערנען מיט מיר פאַרשיידענע וועלטלעכע לימודים, ווי די רוסישע שפּראַך, חשבון און געאָגראַפיע.

דאָס לערנען אין דער ישיבה, איז שוין געווען פאַר מיר א טפל, כמעט ווי אַ גאַנץ איבעריקע זאַך; אַז געלערנט האָט מען דאָרטן די גמרא „חולין", וואָס דער הויפּט־ענין פון דעם, איז די אַנאַ־טאָמיע פון די אַלע חיות און עופות, וועלכע א אידישער מענטש מעג נוצן פאַר דער אכולה. טעג גאַנצע זיינען מיר געווען באַ־שעפטיקט מיט די הארבע פּלוגתא׳ס וועגן די חיות און עופות, וועלכע זיינען כשר צום עסן, און וועלכע זיינען פאַרקערט, טריף ווי חזיר. נאָך דער גמרא „חולין" האָבן מיר אָנגעהויבן לערנען די גמרא „קידושין", וואָס הויבט זיך אָן, באַלד פון אָנהויב מיט דער זייער וויכטיקער אָנטפּלעקונג, אַז בשלשה דברים קידושין". דורך איינער פון די דריי זאַכן איז מען מקדש אַ פרוי. און אָט ערשט פון די דריי זאַכעלעך, הויבט זיך אָן צו פאַרפּלאָנטערן א גאַנצער קנויל פון מעגלעכע און אוממעגלעכע פאַלן און צופאַלן, וועלכע לויערן אויף דעם צוזאַמענלעבן פון אַ אידיש פּאָר־פאָלק. אַזוי ווייזט־אויס, איז שוין דער אידישער מזל; קוים האָט אַ איד מקדש־געווען אַ פרוי, פעלן אים שוין ניט קיין צרות־צרורות.

:: :: ::

איך וויים ניט ווי צו ווערן, אָבער וואָס אמבאַלאַנגט מיך, האָט זיך אָט־דאָס לערנען געקלעפּט צו מיין מוח, ווי אַן ארבעס צום וואַנט. אַנשטאָט אָט־די אומגעלומפּערטע, ווי מיר האָט זיך דאַן געדאַכט, קענגשטאַנדן פון דער ישיבה, האָט מיר גאַר איני־גאַנצן פאַרכאַפּט די וואונדערבארע, פול מיט לעבנס־חכמה משלים פון דעם רוסישן קרילאָוו, און די שיינע דערהויבענע פּאָעזיע פון פּושקין.

אויך די מאָדערנע אידישע ליטעראַטור איז דאַן, אין 1911, געוואָרן אַלץ מער פּאָפּולער. מיט אומגעדולד פלעג איך נאָכפאָלגן יעדן נייעם נומער פון דעם זשורנאַל „דער יוד" אין וועלכן עס פלעגן זיך דרוקן די נייע שאַפונגען פון י. ל. פּרץ, אברהם רייזען און שלום עליכם. די דערציילונג פון א. רייזען „דער שמעק טאַ־באַק", האָט מיך אַזוי שטאַרק באַגייסטערט, אַז איך האָב עס באַלד איבערגעזעצט אויף רוסיש, בכדי צו טיילן זיך מיט דעם, מיט מיין קוזינע כאַשקע, די איינציקע שוועסטער פון די דריי ברידער, די שאַפּמאַנס. זי איז דאַן געווען אַ יאָר פופצן, האָט

שוין געהאט געענדיקט מיט אויסצייכענונגען א פריוואטע שול פאר מיידלעך, וואו דער אונטעררייכט איז געווען אין רוסיש, האט זי קיין אידיש ניט געקאנט לייענען. מיינע קוזינען האבן גערעדט צווישן זיך אין הויז נאר רוסיש, אחוץ פארשטייט זיך, ווען מען האט גערעדט מיט דער מוטער, אדער מיט די עלטערע מענטשן.

אזוי ווי דער פעטער האט זיך דורכן יאר געפונען אין קאכאנאווע, איז דער הויפט־באלעבאס אין הויז געווען דער גאר עלטסטער ברודער משה. ער איז שוין דעמאלט געווען אן עלטערער בחור פון א יאר דרייסיק. שוין געהאט געקנעלט פאר שיינע עטלעכע יאר אין פארשיידענע אידישע ישובים, און האט זיך איצט, געהאט אומגעקערט אהיים, אפצורוען זיך אביסל. ער האט ווייזט אויס, געהאט אנגעזאמלט א קליינעם קאפיטאל, וואס עס האט אים דערמעגלעכט גארניט צו טאן פאר א געוויסער צייט.

(אין 1915, האב איך געהאט אפגעדרוקט אין מאנטרעאלער „קאנאדער אדלער" א דערציילונג „דער לערער", וואו דער העלד איז דארט געווען אט־דער משה).

:: :: ::

משה, אזוי גוט ווי גרשון, האבן יונגערהייט געלערנט אין פאליאקאוו'ס ישיבה, און האבן גע'שמ'ט אלס „בחורים מיט גוטע קעפ", האבן געקאנט גוט לערנען, און זיינען אלס אזעלכע געווען זייער חשוב אין אלעמענס אויגן. אבער, ווי עס ווייזט אויס, זיינען זיי פארכאפט געווארן מיט די נייע ווינטן פון דער נייער צייט, וועלכע האבן אנגעהויבן אריינצובלאזן אלץ שטארקער אין דעם אמאליקן רוסישן לעבן. און משה איז אינגיכן געווארן א שטארקער אנהענגער פון דער רוסישער ליטעראטור. אויף איינער פון די פאליצעס אין א ווינקל פון שטוב, האב איך אנגעטראפן א זייער דיקן בוך, אפשר ארום א טויזנט זייטן די גרויס דאס איז געווען א מאנוסקריפט פון עפעס א ראמאן אין רוסיש, פון משה שאפמאן.

דער מאנוסקריפט איז געווען זייער זארגפעליק איינגעבונדן צווישן דיקע טאוולען, אזוי ווי אן עכטער בוך, אבער ווי עס זעט אויס איז דעם ניט באשערט געווען צו דערשיינען אויף דער ליכטיקער וועלט, און איז געלעגן אויף דער פאליצע פון קיינעם ניט

באַרירט. דערפֿאַר אפּנים, איז משה דאַן געווען אין אַ שלעכטער שטימונג. שעה'ן לאַנג, געזעסן באַם פֿענסטער, און אַ קנויל פֿון בלויען רויך, מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל און טיף פֿאַרטראַכט גע־קוקט, אין דעם דלת־על־דלת פֿון דעם קליינעם שטיבל. געווען איז ער אין זיין אויסזען זייער אַ שיינער מאַן פֿון מיטעלן וואוקס, אַ דיקלעכער מיט אַ קאָפּ בלאָנדע וואָנצעס. אַז ער איז געגאַנגען אין גאַס, אָנגעטאָן אין אַ נעטן, שוואַרצן אַנצוג מיט אַ קייַלעכדיקן הוט אויפֿן קאָפּ, (אַ „דערבי" ווי מיר רופֿן עס) און מיט אַ שוואַרצן שטעקן אין האַנט, פֿלעגן אַלע, סיי אידן, און סיי קריסטן, אָראָפּ־נעמען פֿאַר אים זייערע היטלען.

אין יענעם זומער, ווען איך בין צום ערשטן מאָל אָנגעקומען אין הויז פֿון מיינע קוזינען, פֿלעגן צו משה'ן אַריינקומען פֿאַרשיי־דענע שדכנים. זיצנדיק באַם אָפֿענעם פֿענצטער, און דערזעענדיק דעם אָנקומענדיקן שדכן, פֿלעגט משה אַרויסגיין פֿון הויז און אי־בערנעמען דעם שדכן. פֿאַר לאַנגע שעה'ן אַרומגעשפּאַצירט מיט אים, און צוריקקומען אין הויז אַריין, אַ שטאַרק אויפֿגעמונטער־טער. און אַזוי ביז שפּעטן האַרבסט, ווען ער איז ענדלעך אָפּגע־פֿאָרן, און האָט חתונה געהאַט מיט אַ ישוב'ניקס אַ טאָכטער, ער־געץ אין אַ דאָרף, פֿון מינסקער געגנט. גרשון ווידער, איז געווען שטאַרק פֿאַרנומען, מיט איבערשרייבן זיינע „סיפּורים וציורים". האָט ער זיך געקויפֿט אַ נייעם שוואַרצן אַנצוג, מיט אַ נייעם ווייכן הוט, און איינפּאַקנדיק אין זיין רייזע־טאַש, אַ קליינעם עין־יעקב, אַ משניות'ל, אַ חומש'ל, און אַ ספֿר'ל המלון, איז ער אין אַ שיי־נעם פֿרימאָרגן, אין יענעם פֿרילינג 1901, אַוועקגעפֿאָרן קיין וואַר־שע. דאָרט האָט ער פֿאַרבראַכט דעם גאַנצן זומער. איז באַקאַנט געוואָרן אַלס העברעאישער שרייבער, האָט זיך דערוואָרבן די פֿריינטשאַפֿט, פֿון אַלע דעמאָלטיקע, שוין באַרימט־געוואָרענע שרייבער, ווי י. ל. פּרץ, נאָמבערג, רייזען. אויב איך מאַך ניט קיין טעות, איז ער טאַקע איינגעשטאַנען אין הויז פֿון נאָמבערג'ס מוטער. אָבער ער איז צוריקגעקומען אַהיים אין האַרבסט, צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך געדאַרפֿט שטעלן צום פּריזיוו.

:: :: ::

לעבעדיק און פריילעך איז דאן געוואָרן אין זייער קליין שטיבל.
די גאנצע אָרשער אינטעליגענציע איז געקומען באזוכן גרשון׳עו, זייער באַרימט־געוואָרענעם בן־עיר. אַריינקומענדיק שוין שפּעט באַנאַכט פון דער ישיבה, פלעג איך אָנטרעפן דעם טיש פול מיט ליידיקע ביר־פלעשער, און די גאנצע שטוב איינגעהילט אין אַ געדיכטן בלויען רויך, פון אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן. אָבער דער יאַזיקער פריידיקער צושטאַנד האָט לאַנג ניט געדויערט. גרשון איז אַוועק דינען, אין דער שטאָט האָמעל. האָמעל איז דאַן געווען אַ גרויסע אידישע שטאָט. גרשון האָט־זיך דאָרט דערוואָרבן אַ צאָל פריינט און פאַרערער.
ווען עס איז אויסגעבראָכן די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה, אין 1903, און זיין פּאָלק איז מאָביליזירט געוואָרן אויף גיין צום פראָנט, האָבן די פריינט זיינע באַוויזן אַרויסצושמוגלען גרשון׳ען פון קאַזאַרמע, און האָבן אים, (אוז דאַכט זיך אויך דעם העברייאישן שרייבער ברענער) אַריבערגעפירט אויף יענער זייט גרענעץ, און זיי דערפירט קיין עסטרייך. פון דאַן אָן, איז גרשון פאַרבליבן וואוינען אין ווין, אָדער ערגעץ אַרום ווין, ביז דעם יאָר 1938, ווען ער איז בשלום אָנגעקומען מיט זיין פרוי און צוויי קינדער קיין תל־אביב, וואו ער איז טעטיק ביז היינטיקן טאָג.
:: :: ::
נאָכדעם ווי משה איז אַוועקגעפאָרן און געהייראַט מיט אַ ישוב׳ניקס טאָכטער, ערגעץ אין מינסקער געגנט, און גרשון איז אַוועק דינען אין סאָלדאַטן, איז זייער הויז באַהערשט געוואָרן דורך אַ שטילן טרויער. דער פעטער, איז געווען אַ מיידלשער מלמד אין אונזער שטעטל. די מומע פייגע־חיה, א נידעריקע פרוי, מיט גוטע בלויע אויגן, פלעגט זיצן אין אַ ווינקל און שטריקן אַ זאָק. האָט זייער ווייניק גערעדט. זייענדיק היפּש טויב, פלעגן די קינדער, זעליק מיט כאַשקען, דאַרפן אַריינשרייען צו איר אין אויער, ביז זי האָט דערהערט, וואָס מען רעדט צו איר. זעליק, דער אינגסטער פון די דריי ברידער, האָט געהאַט געענדיקט גאַנץ יונג די אָרשער האַנטווערקער שול, קיין העכערע בילדונגס־אַנשטאַלטן זיינען אין אָרשע ניט געווען. קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן, פלעגן פאָרן קיין פּעטערבורג, אָדער אַנדערע גרויסע אוניווערסי־

טעט־שטעט צו פאַרזעצן זייער בילדונג. אָבער אַזעלכע ווי מיין קוזין, האָט געמוזט בלייבן אין דער היים, און אָפּגעבן זיך מיט זעלבסט־בילדונג. בכדי צו פאַרדינען דאָס מינימאַלסטע צום לעבן, האָט ער זיך פאַרנומען מיט „געבן שטונדן" אין פּריוואַטע הייזער.

:: :: ::

כאַשקע, וועלכע האָט שוין געהאַט געענדיקט די פּריוואַטע שול, פאַר מיידלעך, האָט אַריינגעגעבן ערגעץ אַן אַפּליקאַציע פאַר שטודירן אַלס אַקושאַרקע, די פּראָפעסיע וואָס איז דאַן געווען דערלויבט פאַר פרויען. אַפּוואַרטנדיק אייניקע וואָכן אויף אַן ענטפער, איז זי אין איין פאַרנאַכט אַריינגעקומען אין הויז, זיך אוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און האָט ביטער געוויינט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בכדי אָנגענומען צו ווערן אויף די אַקושאַרס־קע קורסן, דאַרף איינע זיין ניט אינגער פון זיבעצן יאָר, און זי איז ערשט פופצן יאָר אַלט. איז זי אין איינעם אַ פרימאָרגן אוועק אין שטאָט אַריין, און האָט זיך געשטעלט אַרבעטן אין אַ פּלאַץ וואו מען מאַכט פרויען־קליידער. צוריקקומענדיק פאַרנאַכט אַהיים, האָט זי זיך אוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל, און ווידעראַמאָל גע־וויינט.

אויפגעצויגן אין אַ סביבה פון ביכער, צווישן מענטשן פון קולטור און דער שיינער ליטעראַטור, האָט כאַשקע ניט געקאָנט פאַרטראָגן די גראָבע באַנעמונגען, וועלכע זי האָט אָנגעטראָפן צווישן די מיידלעך, זייערע וואולגאַרע געשפּרעכן, און די פּרעכע באַציאונגען פון דער באַלעבאַסטע. אַ גרויסער, טיפער תהום, איז אין יענע יאָרן געווען צווישן די גרויסע אומגעבילדעטע אַרבעטער מאַסן און דער העכערער אינטעליגענץ. די שווערע אַרבעטס־באַ־דינגונגען, די לאַנגע אַרבעטס־שטונדן, און די שרעקלעכע אָרעמ־קייט, האָט געהאַלטן די מאַסן אין אַ מאָראַלישער פינצטערניש און קולטורלאָזיקייט. אויב עמיצער האָט שוין אַפילו געוואַגט צו זינגען עפּעס באַ דער אַרבעט, איז עס געווען אַ ליד, פון אַ גאַנץ נידעריקן געשמאַק.

עס איז לייכט פאַרצושטעלן זיך, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט געמאַכט אויף אונזער איידעלער כאַשקע'ן, ווען זי האָט דער־

הערט, ווי די מיידלעך האָבן אַרויסגעזונגען: „אַ כאָליערע זאָל דיך כאַפּן, פאַרוואָס דו ווילסט ניט חתונה האָבן מיט מיר״ . . .

איז שוין כאַשקע פאַרבליבן אין הויז, האָט אַריינגעקראָגן אַ פּאָר „שטונדן״ און האָט דעם גרעסטן טייל פון דער צייט פאַר־נוצט אין לייענען די גראָבע רוסישע ביכער פון טאָלסטאָי, דאָ־סטאָיעווסקי, טורגעניעוו און די אַלע אומצאָליקע ביכער וואָס האָבן אָנגעפילט די לאַנגע און הויכע שראַנקען פון די צוויי אַר־שער ביבליאָטעקן. די אַלע ביכער זיינען געווען אויסצופילן די צייט פון אַ מענטשן ביז זיין טיפן עלטער. האָט זי טאַקע די אַלע ביכער געטאָן זייער רעכט, לייענענדיק זיי באַטאָג און באַ־נאַכט. זי האָט שוין געקאָנט אויף אויסנווייניק גאַנצע פּאָעמען פון פּושקין, לערמאָנטאָוו און נעקראַסאָוו. אונזערע גרויסע ווערק ווי לערמאָנטאָוו׳ס „דיעמאָן״, „מצירי״ און „באָיאַרין אָרש״, פלעגט זי רעציטירן אויף אויסנווייניק ניט געמינערט אַ וואָרט. הענריך היינע, איז געווען איר מער באַליבטסטער פּאָעט. מיט וואָס פאַר אַ האַרץ זי פלעגט דאָס רעציטירן אַזוי אָפט, די פּאָעמע „דער שטורם״.

ס׳איז שוין אַ קימאַ־לן פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, און איך קאָן זיך גאַרניט באַרימען מיט קיין שטאַרקן זכרון. דאָך געדענקען זיך נאָך מיר די ערשטע סטראָפן, פון יענער וואונדערבאַרער פּאָ־עמע. מיין קוזינע פלעגט זי רעציטירן אין רוסיש, אין דער אי־בערזעצונג פון פּיאָטר וויינבערג. וועל איך עס איבערזעצן אין אידיש, מיט דער העכסטע אַפּאָלאָגיע, צו דער געטין, די מוזע.

„עס שוימט, עס וואַרפט זיך, און עס טומלט דער ים!
אַ שטורם־ווינט טראָגט זיך, אין ווייטן אַרום!
עס קלאָגט, עס קרעכצט, דער רוים דער ברייטער,
מיט אַ פייפן, אַ רעווען, דער דונער עס קראַכט!
די וועלן, די טונקעלע, עס וואַרפט זיי אָן אויפהער,
נאָר ים־פויגל׳ס ווייסקייט, דרינגט צומאָל אינעם חושך,
ווי אַ סימן אַ בייזער, ער דרייט זיך מיט אימפּעט
און ווערט באַלד, פון די וועלן פאַרשלונגען״.

:: :: ::

איך האָב געוואוינט באַ די שאַפּמאַנס, אַ יאָר און אַ האַלב. שוין זייענדיק אַן אַרבעטער אין סמאָלענסק, האָב איך געהאַט דאָס גליק צו איינאָרדענען כאַשקע׳ן אין אַ צימער צוזאַמען מיט איר

חבר׳טע חיה׳קע כאַנאַניעס, די פרוי פון דניאל טשאַרני, אין סמאָ־
ליענסק, וואו זיי האָבן זיך געגרייט אַלס עקסטערנע פאַר אַ לערער־
דיפּלאָמע אין דער אָרטיקער גימנאַזיע. כאַשקע איז שפּעטער גע־
וואָרן אַ לערערן אין דער אָרשער תּלמוד־תּורה. איך האָב באַזוכט
אָרשע אין דעם יאָר 1906. שאַפּמאַנ׳ס הויז „זאַ דניעפּראָם",
(הינטערן דניעפּר) אַן אַלטע הויז, וואָס איז געווען די ירושה פון
דער מומעס פאָטער, לעווין, איז איצט געווען פאַרנומען פון פרעמ־
דע לייט. דאָ־און־דאָרט, האָב איך באַמערקט, ניי־אַריינגעשטעלטע
שויבן אין די פענסטער, די פאָלגן פון דעם פּאָגראָם, וואָס איז
פאָרגעקומען באַלד נאָך די טרויעריק־באַרימטע קאָנסטיטוציע־טעג.
מיינע קוזינען זעליק און כאַשקע האָב איך געפונען וואוינענדיק
מיט זייער מוטער אין אַ קאַמער.

דאָס לעצטע מאָל, האָב איך באַזוכט אָרשע אין 1912. זעליק
האָט געדינט ערגעץ אין סאָלדאַטן. כאַשקע מיט איר מוטער האָבן
שוין איצט געוואוינט אין אַ קאַמער, אין דער געגנט פון דער אָר־
שער תּלמוד־תּורה. ווען איך האָב אָנגעהויבן נאָכפרעגן זיך וועגן
גרשונ׳ען, האָט כאַשקע מיר אָנגעוויזן אויף איר מוטער, וואָס איז
געזעסן אין אַ ווינקל בײַ אַ קליינעם פענסטער און האָט געהאַלטן
אין האַנט אַן אָפענעם ביכל. „דאָס איז אַלץ, וואָס מיר האָבן פון
אים", האָט כאַשקע מיט פאַרדרוס אויסגערופן. עס איז געווען
אַ לעצטע אויסגאַבע פון גרשונ׳ס שריפטן אין ווין, מיט זיין בילד,
באַשיצט מיט אַ גלאַטן, דורכזיכטיקן פּאַפּיר. עס איז געווען אַ
בילד פון אַן עכט שיינעם יונגן מאַן מיט די קינבאַקן אָנגעלעגט
אויף אַ האַנט. האָט ער אַזוי ווי געהאַלטן אַן אינטימען שמועס,
מיט דעם וואָס האָט באַרירט דאָס בוך. דאָס ביכל איז שוין די
באַלוינונג, פאַר די בריוו, וואָס זיי האָבן דערוואַרטעט, אָבער זיי־
נען קיינמאָל ניט אָנגעקומען. זי, די מוטער — האָט כאַשקע צו־
געגעבן — לאָזט ניט אַרויס פון האַנט דאָס ביכל, און האַלט אין
איין קוקן אויפן מערקווירדיקן בילד פון איר פאַרוואָגלטן ערגעץ
זון . . .

אָפּוואוינענדיק פאַר גאַנצע צען יאָר אין סמאָליענסק אונטער
גאַנץ פאַרשיידענע אומשטענדן, האָב איך כמעט ווי אינגאַנצן פאַר־
געסן די העברייאישע שפּראַך. אָבער מיין אינטערעס צו גרשונ׳ען,

האב איך קיינמאל ניט אויפגעגעבן. איז דערפאר, ווען איך האב אויף מיין וועג קיין קאנאדע, אין דעם זעלבן יאר 1912, באדארפטווארטן אויף א שיף אין לאנדאן פאר גאנצע צען טעג, געשפאצירט אין דער אידישער געגנט, און האב דערזען אין א שוי־פענסטער פון א בוך־קראם, א פאסט־קארטל בילד פון גרשון'ען, האב איך עס געקויפט, און געוויזן צו דער גרופע יונגע מיידלעך, מיינע מיטרייזנדע. די מיידלעך, ליטוואטשקעס פון ווילנע און ביאלאסטאק, באטראכטנדיק דאס בילד פון מיין קוזין, האבן מיטאמאל אויסגערופן: „פעטער, מ'קען אייך! אונז וועט איר ניט נארן, דאס בילד איז פון אייך זעלבסט". ניט אכטנדיק אויף אלע מיינע רייד, זיינען די איינגעשפארטע ליטוואטשקעס געבליבן איבערצייגט, אז איך נאר זיי אפ.

* * *

און אט בין איך שוין אין קאנאדע. עס האט מיר גענומען גאנצע צוויי יאר צייט, ביז וואנען איך האב געקראגן די געלעגנהייט צו טרעפן זיך אויף א פארזאמלונג מיט דעם העברייאישן שרייבער, ראובן ברייניז. עס איז געווען אין 1914, ווען איך האב ארויסגעהאלפן אין דער ארבעט פון גרינדן אין מאנטרעאל א אידישע ביבליאטעק, אונטער דער גייסטיקער אנפירונג פון ראובן ברייניז. באגלייטנדיק אים אהיים, נאך א שפעטער פארזאמלונג, האב איך זיך אנגעהויבן נאכפרעגן צי ער ווייסט עפעס וועגן גרשון שאפמאן, אויף וואס ער האט, פארגעסנדיק אויט זיין מידן צושטאנד, אויסגערופן א באגייסטערטער: „גרשון שאפמאן! ער איז דאך מיין ליבלינג!". ליידער האט ראובן ברייניז געמוזט פארלאזן מאנטרעאל, נאכדעם ווי די ביבליאטעק האט זיך געעפנט א דאנק ברייניז'ס אומדערמידלעכער ארבעט.

אין דער זעלבער צייט האט די ערשטע וועלט־מלחמה געפלאקערט אין פולן ברען. קאנאדע אזוי ווי דער גאנצער אמעריקאנער קאנטינענט, איז אפגעריסן געווארן פון די אלטע אייראפייאישע שטעט. די רעוואלוציע האט פאר א לאנגער צייט איזאלירט גאנץ רוסלאנד פון דער גאנצער וועלט, ביז דעם יאר 1922, ווען איך האב דערהאלטן א בריוו פון ארשע.

כאשקע האט מיר געשריבן, אז מיין מוטער געפינט זיך אין ארשע, און אז זי נויטיקט זיך אין אונזער הילף. פון דאן אן האב איך שוין רעגלמעסיק זיך דורכגעשריבן און געשיקט פינאנציעלע הילף סיי צו מיין מוטער און סיי צו כאשקע'ן.

עס איז דאן געווען די צייט, ווען דער „טארגסין" — די רוסיש־אמעריקאנער געזעלשאפט, האט געעפנט קראמען מיט אמעריקאנער פראדוקטן, און האט פארקויפט צו די יעניקע, וועלכע פלעגן דערהאלטן אמעריקאנער דאלארן פון זייערע קרובים און פריינט. כאשקע האט שוין איצט געקאנט שרייבן זייער א גוטן אידיש. אירע דאנקבארע בריוו, פלעג איך דערווארטן מיט גרויס נייגיר. די הילף וואס איך שיק איר — האט זי מיר געשריבן — טיילט זי אויך אויס צו איר ברודער זעליק, וועלכער איז געקומען פון דער מלחמה, ניט גאר קיין געזונטער. הגם ער איז באשעפטיקט אין א געוויסן מלוכה־אנשטאלט, אבער אין אומבאטראכט פון די נאך־מלחמה'דיקע אומשטענדן, איז יעדע הילף וואס קומט פון אויסלאנד גאנץ אנגעלייגט. האב איך אזוי געהאלפן ביז דעם יאר 1935, ווען איך האב דערהאלטן כאשקע'ס א בריוו אין וועלכן זי דאנקט מיר זייער פאר אלץ וואס איך האב פאר איר געטאן, אבער איצט שרייבט זי „זיינען מיר שוין אין א לאגע וואס די אויסלענדישע הילף איז שוין ניט נויטיק". די „טארגסין"־קראמען האבן זיך אויפגעלייזט און זיי קאנען שוין קריגן אלע פראדוקטן אין אייגענע קראמען.

איך פלעג נאך קריגן קורצע בריוולעך פון צייט־צו־צייט ביז דעם יאר 1939, ווען מיט דעם פייער און די פלאמען פון דער מלחמה, איז אפגעמעקט געווארן יעדער שפור פון מיינע קוזינען, די שאפמאנס.

* * *

אין איינעם א זומערדיקן טאג פון יאר 1938, לייען איך אין א אידישער צייטונג, אז גרשון שאפמאן, איז אנגעקומען בשלום מיט זיין פרוי און קינדער אין תל־אביב. האב איך באלד אוועקגעשיקט א בריוו, — אדרעסירט „להסופר ג' שופמן", תל־אביב. איז דער בריוו אין א פאר וואכן ארום צוריקגעקומען מיט דער אנמערקונג, אז די פאסט ווייסט ניט דעם אדרעס פון דעם ג. שופמן. פאר־

ווייל'נדיק אין יאָר 1948 אַלס גאַסט און קרוב, אין דער הויז פון דעם באוואוסטן שרייבער, דניאל טשאַרני און זיין פרוי, וועלכע איך פלעג אין מיינע יונגע יאָרן רופן היה'קע כאַנאַניעס — האָט מיר דניאל טשאַרני געגעבן אַן אַדרעס פון אַ שרייבער אין תל־אביב: „לייג אַריין דיין בריוו צו שאַפּמאַנ'ען, אין דעם קאָנווערט" — האָט ער מיך גע'עצה'ט. און וואונדער איבער וואונדער; אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, דערהאַלט איך אַ בריוו פון מיין קוזין, דעם העברייאישן שרייבער, גרשון שאַפּמאַן. „מיר זיינען איצט — שרייבט ער — די שארית־הפליטה, און מיר מוזן זיך אָנהאַלטן צוזאַמען.

אַזוי ווי נאָך דער גרינדונג פון דער סאָוועטישער מלוכה בין איך געוועזן גליקלעך, וואָס איך האָב געקאָנט, אַלס קאַנאַדער, אויס־שטרעקן מיין הילפס־האַנט צו מיין קוזינע, בין איך איצט ווידער, נאָך בער גרינדונג פון דער מלוכה פון ישראל, געוועזן העכסט גליקלעך, ווען איך האָב געשיקט מיין הילף צו מיין קוזין קיין תל־אביב . . . ביז וואַנען ער האָט מיר געמאָלדן, אַז זיי זיינען שוין ביכולת דורכצוקומען אָן דער אויסלענדישער הילף . . .

ביז היינט־צו־טאָג שרייבן מיר זיך דורך. יעדער בריוו, וואָס איך דערהאַלט איז ווי אַ היילונג צו מיין בענקנדיק האַרץ. מיין ברודער און באַקאַנטע האָבן שוין באַוויזן צו באַזוכן אים אויף זייערע רייזעס קיין ישראל. זיי אַלע דערציילן מיר, אַז מיין קוזין קוקט נאָך אויס, ווי אַ מאַן אין די פופציקער, און ער אַליין, גרשון, שרייבט מיר, אין זיין לעצטן בריוו, אַז ניט אַכטנדיק אויף זיינע פינף און זיבעציק יאָר. פילט ער זיך נאָך יונג און פול מיט לעבנס־ענערגיע. אַ דאַנק דעם, וואָס איך האָב געקאָנט מיין קוזין, ווען ער איז געוועזן אַ יונגער בחור פון איין־און־צוואַנציק יאָר, ווען ער האָט אָנגעשריבן זיינע „סיפורים וציורים", שטעלט ער זיך מיר פאָר, נאָך היינט־צו־טאָג, ווי דער זעלבער יונגער בחור'ל. איז דערפאַר זיין גערעכטער פאַרלאַנג, איך זאָל אַפּלייקענען, די אַלע באַריכטן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין די צייטונגען, אַז גרשון שאַפּמאַן, איז אַ פינף־און־זיבעציקער. זקנה (עלטער) איז אַ זאַך וואָס מיר אַלע זיינען דערמיט ניט גאָר גערן. עס איז אַ שטעקן — פון צוויי עקן.

חברים און פריינט האָבן געפּראַוועט אַ באַנקעט לכבוד זייערן אַ חבר'ס יובּיליי. בכדי אַריינצוברענגען אַביסל הומאָר אין די פילע רעדעס און שבחים, וועלכע זיינען געווײנלעך ניט גאָר אָנ־גענעם, אויב דער בעל־היובל, איז אַ באַשיידענער מענטש, רופט אוים איינער פון די פריינט: „דער צוועק פון אונזער צוזאַמענ־קומען זיך איז: צו לאָזן וויסן, אונזערע פרויען, אַז אונזער חבר איז שוין מער ניט קיין יונגערמאַנטשיק" . . . אָבער איך וויל צו־פרידנשטעלן מיין ליבן קוזין, דערקלערנדיק בפני עם ועדה: גרשון שאַפּמאַן איז נאָך אַ יונגער בחור'ל פון איין־און־צוואַנציק יאָר. זאָל ער לעבן און יונג זיין ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!

פון מיר'ער ישיבה
ביז היטלער'ס גאז-אויוונס

כמעט יעדן טאָג, ווי נאָר איך פלעג אהיימקומען פון חדר, און מיין מאַמע פלעגט דערהערן קלינגען דאָס גלעקל פון פּאָטשט־וואָגן, האָט זי מיך באַלד געשיקט אויסצוגעפינען, צי עס איז אפשר פאַראַן א פּאָסט־קאַרטל פון עמיצן פון די עלטערע קינדער, וועלכע געפינען זיך אין דער פרעמד, אין פאַרשיידענע שטעט, פון ווייס־רוסישן געגנט.

זי פלעגט אויף אַזאַ קאַרטל אַרויסקוקן אירע אויגן. אָבער גאָר זעלטן פלעגט פּאַסירן, ווען איך האָב אַמאָל אהיימגעבראַכט א קאַרטל פון מיין עלטערער שוועסטער, וועלכע האָט שוין פאַר א לענגערע צייט, געדינט אין אָרשע אין א רייכער הויז, אָדער פון די צוויי ברידער, פון וועלכע דער עלטערער, משה־מענדל, האָט געלערנט אין א ישיבה, און דער צווייטער, דער אינגערער, האָט זיך געלערנט אין דער דובראָוונער טעכנישער־שול.

עס איז געווען אין איינעם א ווינטער. מיינע עלטערן האָבן זיך שטאַרק באַאומרואיקט וועגן דעם עלטערן ברודער משה־מענדל, וועלכער איז באַלד נאָך די האַרבסטיקע ימים־טובים אוועקגעפאָרן, צום ערשטן מאָל, צו קנעלן ערגעץ אין א ווייטן דאָרף בא ישובניק. ער איז דאַן אַלט געווען א יאָר זיבעצן, האָט שוין געהאַט געלערנט אין פאַרשיידענע ישיבות, און איז געקומען אהיים אויף די ימים־טובים. ער איז געווען זייער פרום, פרומער ווי עס האָבן געפאָ־דערט די שטרענגע מנהגים פון יענע צייטן. מיר האָבן מיט באַ־

וואונדערונג באַמערקט אין אים אַ מאָדנע אויפפירונג, זיין גאַנצער אויסזען האָט אויסגעקוקט אויסערגעוויינלעך אין אונזערע אויגן. ער האָט זיך פאַרלאָזן לאַנגע געקרייזלטע פאות. ווען ער פלעגט גיין אין גאַס האָבן אים די פאות געשמיסן איבער זיינע בלייכע באַקן, וועלכע האָבן נאָך ניט געהאַט קיין סימן פון אַ באָרד און זיינען געווען גלאַט ווי בא אַ יונגער מיידל. ער האָט אויפגעהערט קוקן אויף פרויען — עלטערע אָדער מינדעריאָריקע. צו אונזער פאָטער האָט ער דעקלערט, אַז אזוי פירן זיך אויף אַלע בחורים פון דער ישיבה, אין וועלכער ער האָט לעצטנס געלערנט.

ווען די שטעטלדיקע מיידלעך האָבן זיך דערוואוסט פון מיין ברודער'ס באַיקאַט קעגן זיי, פלעגן זיי גרופעס־ווייז אים אָפּוואַרטן, בעת ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ אין שול אַריין, און מיט לאַכעדיקע פנימער אים אַריינקוקן, גלייך אין די אויגן אַריין. מיין פרומער ברודער פלעגט זיך דאַן אָפּשטעלן, צו־מאַכן שטייף די אויגן, און מיטביידע הענט צוהאַלטנדיק די פאות, ווי זיינע איינציקע באַשיצער, פלעגט ער אָנהויבן שרייען: „מכשפות, שטן־מקטרגים, חצופות, גייט אַוועק פון מיר!". די מיידלעך פלעגן דאַן אָנהויבן נאָך שטאַרקער לאַכן, און מיט מער אימפעט, שפּאַרן זייערע צעפלאַמטע פנימ'ער נאָענט צום ברודער'ס פנים, שרייענדיק: „גיב נאָר איין קוק אויף מיר, משה־מענדל, נאָר איין קוק".

מיין ברודער פלעגט זיך נעבעך שטאַרק ראַנגלען, מיט אַלע זיינע כוחות, ביז עס פלעגט אים מיט צרות, געלונגען אַרויסצע־רייסן זיך פון די ווייכענקע אָרעמס, פון די שטיפערישע מיידלעך. אַ פאַרמאַטערטער פלעגט ער זיך אַריינשאַרן אין שול אַריין, וואו מען האָט שוין לאַנג אָנגעהויבן דאַווענען.

* * *

אין אָט־דעם ווינטער, איז ער אַוועקגעפאָרן ערגעץ קנעלן און איז פאַרפאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין. ערשט אַרום חנוכה־צייט, האָב איך געבראַכט צוטראָגן פון פּאָטשט אַ קאַרטל, אָנגעפיקעוועט מיט אַ דריבנעם כתב, ווי נאָר מיין ברודער האָט געקענט שרייבן. אָבער דער זייער דריבנער כתב, האָט ניט גע־

שטערט אונז צו זען גאַנץ קלאָר, וואָס עס איז דאָרט געשריבן. ער האָט געשריבן אַז ער איז בה"ש אין גוטן געזונט, און אַז עס איז שוין די צווייטע וואָך, ווי ער איז אָנגעקומען אין דער מיר'ער ישיבה, וואו ער פילט זיך איצט אַזוי ווי איינער, וואָס איז געקומען מאפלה לאור — פון דער פינצטערניש צו ליכט, און ווי מעבדות לחירות — פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט, ווייל אַזוי האָט מיט אים געוואָלט דער גאָט אין הימל.

דעם ישוב'ניקס הויז, וואו ער האָט געזאָלט קנעלן מיט די קינדער, האָט זיך אויסגעלאָזן, צו זיין אַ שמוציקע קרעטשמע, וואָס איז טאָג און נאַכט געווען פול מיט שיכורים, אַזוי אַז ער האָט דאָרט אפילו ניט געקענט אָפּדאַווענען אין צייט, ווי עס באַדאַרף צו זיין. האָט ער דעריבער מיט גאָט'ס חסד באַשלאָסן פון דאָרטן צו אַנטלויפן, און איז איצט, אין דער מיר'ער ישיבה, פאַר וואָס ער לויבט און דאַנקט דעם גוטן און באַרעמהאַרציקן גאָט אונזערן...

אוודאי זיינען מיינע עלטערן געווען שטאַרק צופרידן פונעם קאַרטל. אונזער פאָטער, זייענדיק אפילו, וואָס מען רופט אַ יגיע־כפּים'ניק, וועמענס אַרבעט ס'איז באַשטאַנען פון לאָדן און אויס־לאָדן פראַכט־וואַגאַנעס מיט תבואות אויפן וואָקזאַל, איז אָבער געווען אַ איד אַ בעל־תורה, זייער אַ פרומער. ער איז פאַרשטייט זיך, געווען העכסט צופרידן צו דערוויסן זיך, אַז זיין עלטערער זון, איז צוריק אין דער ישיבה, און נאָך דערצו, אין דער באַרימ־טער מיר'ער ישיבה, וועלכע האָט גע'שמט אַלס איינע פון די חשוב'סטע ישיבות אין ליטע.

* * *

עס איז געווען אַפּנים מיט אַ צוויי מאָנאַטן שפּעטער, אַרום פּורים־צייט, ווען קומענדיק אין אָוונט פון חדר, האָב איך דערזען מיין ברודער, זיצנדיק מיט דער מאַמען, באַם ברעג בעט און דער־ציילט איר עפּעס, מיט אַ זייער שטילן קול, פון וואָס די מאַמע האָט מיט אַ זייער שיינענדיק פּנים אָנגעקוואָלן, — אַ זאַך, וואָס איז געווען באַ איר אַ גאַנץ זעלטענע דערשיינונג. זייענדיק שטענ־דיק אַ שוואַכע אין געזונט, און שטענדיק פאַר'דאגה'ט, האָב איך איר זעלטן געזען מיט אַזאַ פריילעכן פּנים. די סיבה פון דעם

האָב איך זיך דערוואוסט ערשט ווען דער פֿאָטער איז געקומען פֿון דער אַרבעט, און מיין ברודער משה־מענדל האָט אים אָנגע־הויבן צו דערציילן, ווי אַזוי איינער אַ לאַדזשער חסיד, איז געקו־מען אויף אַ באַזוך צו דער מיר׳ער ישיבה, מיט דעם געדאַנק אויס־צוקלייבן פֿאַר זיין טאָכטער, עפּעס אַ געראָטענעם חתן, וואָס אַזעל־כען קאָן מען קריגן נאָר אין די ליטווישע ישיבות. און אַזוי ווי עס וואָלט באַשערט געווען, מן השמים, האָט ער אויסגעקליבן געראָדע אים, מיין ברודער, וואָס איז נאָך קיין פֿולע אַכצן יאָר ניט אַלט. איז ער עס איצט געקומען, מיט זיין צוקונפֿטיקן שווער, צו קריגן די הסכּמה פֿון די עלטערן. דער לאַדזשער חסיד, האָט זיך דערווייל אָפּגעשטעלט אין דער שטילסטער אכסניה.

אין דער צייט וואָס אונזער מוטער איז געווען פֿול מיט פֿרייד, איז אָבער דער פֿאָטער, פֿאַרקערט, גאָרניט נתפּעל געוואָרן. נאָכ־דעם ווי ער האָט זייער ניט גערן אויסגעהערט דעם ברודער׳ס געשיכטע, רופֿט ער זיך אָן צו אים: „ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, בעסער פֿאָר צוריק אין דער ישיבה און שלאָג זיך אַרויס פֿון קאָפּ די נאַרישקייטן”. אָבער דאָ איז די מוטער צוגעשטאַנען: „וואָס אַרט דיך. קאָנסט יעדנפֿאַלס אָנקוקן דעם לאַדזשער אידן, ווער ווייסט, אפשר איז עס טאַקע אַ באַשערטע זאַך פֿון גאָט, און וואָס וועסטו דערביי פֿאַרלירן?” האָט דער פֿאָטער איינגעווילִיקט, און געהייסן דעם ברודער, גיין רופֿן דעם לאַדזשער חסיד.

עס האָט ניט לאַנג גענומען און דער ברודער האָט אַריינגע־פֿירט אין אונזער שטיבל אַ זייער הויכן, און אַ זייער שיינעם אידן מיט אַ גלאַט פֿאַרקעמטער באָרד.

איבער זיין הויכן וואוקס, האָט דער איד זיך געמוזט שטאַרק איינבויגן, צו קענען אַריינגיין אין אונזער נידעריק שטיבל. נאָך דעם אופֿן ווי ער האָט אונז אָפּגעגעבן „שלום”, האָבן מיר דער־פֿילט, אַז עס איז אַ מאַן פֿון אַ גאָר אויסערגעוויינלעכן טיפּ. מיט זיין מאָדנער קליידונג, און מיט זיין אַרט רעדן, האָט ער אונז אויסגעוויזן צו זיין, ווי עפּעס איינער, פֿון אַ גאָר ווייטער און פֿרעמדער מדינה. זיין לאַנגע אַטלאַסענע קאַפּאָטע, דאָס קליינע סאַמעטענע היטעלע, און זיין ברייטער ווייסער קראַגן אַרום זיין האַלדז, האָבן אונז ממש געפּלעפֿט. גאָר באַזונדערס האָט ער באַ־

צויבערט מיט זיין לאַנגער גאָלדענער זייגער־קייט, וועלכע האָט געפינקלט אין אונזערע אויגן. ווען ער איז געזעסן באַם טיש, מיט דער פאַנאַנדער־געשפּיליעטער לאַנגער קאַפּאָטע, האָט עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע זויבערקייט אַרויסגעשטראַלט פון זיין גאַנצן וועזן.

ניט אומזיסט, איז אונזער פאָטער, אַזוי ווי פאַר׳כישופט געוואָרן פון זיין פּערזענלעכקייט. איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין אַ וואָרט וואָס ער האָט גערעדט, אָבער מיין פאָטער, אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט געדינט אין דער אַרמיי גאַנצע פינף יאָר, אין דער פּוילישער שטאָט ביעלסק, האָט אים יאָ פאַרשטאַנען.

אַזוי ווי עס איז געווען דאָנערשטיק, איז דער לאָדזשער חסיד געווען באַ אונז איבער שבת. אין שול און אין גאַנץ שטעטל, האָט זיך דערוויילע געטאָן מעשים. מען האָט געהאַלטן אין איין באַוואונדערן, דאָס באַווייזן זיך פון דעם פּוילישן חסיד. זונטיק גאַנץ פרי, איז ער מיט מיין ברודער, אָפּגעפאָרן קיין לאָדזש, איבערלאָזנדיק מיר אַ גאַנצן רובל אָפּפאָר־געלט . . .

אַרום שבועות־צייט, האָבן מיר דערהאַלטן אַן איינלאַדונג צו מיין ברודער׳ס חתונה, מיט פינף־און־צוואַנציק רובל באַן־הוצאות. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון אונז, איז אויף דער חתונה ניט געפאָרן, ווייל לאָדזש איז געווען צו ווייט פון אונזערע מקומות. אונזער מוטער, זייענדיק די ערשטע צו פרייען זיך מיטן צופאַל פון ברודער׳ס חתונה, איז איצט, פאַרקערט, אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן טרויער, וועגן מיין ברודער׳ס שיקזאַל. „מען האָט גענומען — האָט זי אַנגעהויבן קלאָגן — אַן אָרעם קינד, און פאַר־שלעפּט אים ערגעץ אין אַלע הרי׳חושכ׳ס, און פאַר׳קנסט אים, גאָט ווייסט פאַר וועמען. אפשר גאָט־באַהיט, פאַר אַ צרה, אַ שלאַק, עפּעס אַ וויסטע קאַליקע, וואָס קיינער האָט אויף איר קוקן ניט געוואָלט". אַזוי פלעגט זי באַקלאָגן און באַוויינען מיין ברודער אין פאַרלויף פון לאַנגע דריי יאָר, ביז וואַנען ער האָט באַדאַרפט קומען צו אונז, צו שטעלן זיך צום פּריזיוו . . .

:: :: ::

אַ פּאָר וואָכן פאַר סוכות, איז אונזער ברודער, משה־מענדל, געקומען צופאָרן, צוזאַמען מיט זיין פרוי, און אַ אינגעלע אַ יאָר

אלט. און ווי גרויס איז געווען די פרייד פון אונזער מוטער און פון אונז אלעמען, ווען מיר האבן דערזען דעם ברודער'ס פרוי, תמרה, אדער ווי דער ברודער האט זי גערופן תמר, אלס א בילד שיינע פרוי! זי איז געווען פון מיטעלן־וואוקס, מיט ראזעווע באקן, מיט א פאר קלוגע, ברוינע אויגן. אויפן קאפ האט זי גע־טראגן א פארוק, וואס האט איר געמאכט אויסזען פיל העכער. דער פארוק איז געווען אזוי קינסטלעריש געמאכט, אז עס האט אויסגעזען ווי אירע אייגענע, נאטירלעכע האר. אזוי ווי אלע אידישע פרויען אין פוילן, פון יענער צייט, האט מען איר די האר קורץ אפגעשוירן, אין דעם טאג פון איר חופה, און מען האט איר אלס חתונה־מתנה געגעבן דריי פארוקן. איין פארוק איינפאך פארקעמט, איז געווען בא איר פאר די וואכעדיקע טעג; א צווייטער, פארקעמט ארויפצו, מיט קנייטשן, איז געווען פאר די שבתים; און דער דריטער, נאך העכער פארקעמט, מיט פילע קנייטשן, און געפלאכטן, איז געווען בא איר פאר די ימים־טובים.

שוין איבער די פארוקן אליין, איז געווען גענוג פאר אונזערע שטעטלדיקע ווייבער, צו אנלויפן זיך אין אונזער שטיבל אויף חידושים. אין אונזערע מקומות, פלעגט מען ניט אפשערן די כלות די האר, און נאך דער חתונה, פלעגט א ווייבל טראגן אויפן קאפ א לייכטע פאטשיילקע, אדער א זיידן טיכל. עס האט גענו־מען א צייט, ביז וואנען דאס שטעטל אונזערס, האט זיך צוגע־וואוינט, און שלום געמאכט מיט תמר'ס פארוקען, ווייל עס האט באמת אויסגעזען ווי נאטירלעכע אייגענע האר. אבער מיט דער צייט, נאך א לאנגן איבערטראכטן, און באטאפן די פארוקן, האבן שוין אלע איינגעשטימט ארייצונעמען דעם פארוק, ווי ניט מער, ווי אזא האריקן צודעק, וואס איז במילא כשר, אזוי גוט ווי א פא־טשיילקע . . .

:: :: ::

אזוי ווי זיי האבן גערעכנט צו פארברענגען א לענגערע צייט, האט תמרה געבראכט מיט זיך א מאשין, אויף צו שטריקן זאקן, אן ארבעט מיט וועלכע זי האט זיך באשעפטיקט די גאנצע צייט אין איר היים. ווי פיל אנדערע יונגעלייט אין פוילן, איז מיין ברודער, ווייזט אויס, געווען פון די קליינע פארדינער, און עס איז

געוועז די פרוי, וואס האט באדארפט מפרנס זיין דעם מאן מיט די קינדער. תמרה איז געוועז ניט בלויז שיין, נאר אויך געראטן. אזוי ווי זי האט געקאנט רעדן פויליש און דייטש, זיינען אלע אונזערע ארומיקע פריצים און פארמעגלעכע פויערים (וועלכע זיינען לרוב געוועז פאליאקן און דייטשן) געווארן אירע קונדן, און באשטעלט בא איר פאר די פרויען און מענער זייערע זאכן.

אין די ערשטע טעג, ווען תמרה האט איינגעשטעלט איר ווערקשטאט אויף צו מאכן זאכן, זיינען אנגעלאפן אלע שטעטלדיקע מענטשן, — קינד און קייט — צו אנקוקן דעם „בייז־וואונדער", ווי אזוי א זאק, קאן געמאכט ווערן אויף א מאשין. מיין ברודער פלעגט איר ארויסהעלפן אין דער ארבעט, נאכדעם ווי ער פלעגט קומען פון שול, נאך זיין לאנגן דאווענען, און נאכדעם ווי ער פלעגט פארטיק ווערן מיטן בענטשן, נאכן וואראימעס.

אויך איך, זייענדיק דאן בא א צען יאר אלט, פלעג איר העלפן ארויפוויקלען מיט אזא גרויסער ראד, די באנוועל אויף אזעלכע גרויסע הילצערנע שפולקעס. פון די שפולקעס פלעגן זיך די פעדימער ארייצינען אין די פילע נאדלען, וועלכע האבן ארומגעוויקלט אין א קרייז, די קיילעכדיקע מאשינקע.

דרייענדיק מיט דעם הענטל פון דער שטריק־מאשין, פלעגט תמרה פארציען מיט איר זיסער שטימע, א ניגון פון די לידער, פון אידישן טעאטער, וועלכע זיינען דאן פאפולער געווארן, אין די גרעסערע אידישע שטעט.

איך פלעג ארויסהעלפן תמרה'ן, אויך אין אכטונג געבן, אויף איר שיינעם אינגעלע. זי פלעגט מיר הייסן וויגן דאס קינד, און זי פלעגט ארבעטן. „דו וויג מיין איציק'ן" — פלעגט זי מיר זאגן — „און איך וועל אים זינגען א שלאף ליד". פלעג איך וויגן, און זי פעלגט זינגען:

„אין בית־המקדש אין א ווינקל חדר,
זיצט די אלמנה בת־ציון אליין,
זי זיצט און וויגט איר בן־יחיד כסדר,
זי זינגט אים א לידעניו פון שלאפן גיין".

עס פלעגט מיר אפילו זיין קשה, ווי אזוי האט עס געקענט די אלמנה זיצן אין בית המקדש, אז איך האב דאך געלערנט אין חדר, אז דארט האט קיינער ניט געטארט אריינגיין, סיידן דער כהן־

גדול אליין. נאר מילא, וואס פאר א נארישן אינגל, איז קשה...

פון אונזער שטיבל, זיינען זיי שפעטער אריבער צו וואוינען אין א גרעסערער קאמער. אזוי האבן זיי פארבראכט אין אונזער שטעטל העכער א יאר צייט. מיין ברודער, אלס דעם עלטסטן זון, האט מען באפרייט פון מיליטער־דינסט, און זיי זיינען צוריק־געפארן קיין לאדזש. תמרה האט זיך פאר דער צייט דערווארבן אין שטעטל פיל פריינט. מיינע עלטערן און מיר, די קינדער, האבן שטארק געבענקט נאך איר, פאר א לאנגער צייט. זי איז באמת באליבט און געאכטעט געווארן בא אונז.

:: :: ::

שוין פיל יארן שפעטער, ווען אויפן וועג קיין קאנאדע, האב איך זיך אפגעשטעלט אין מאהליוו, כדי צו געזעגענען זיך צום לעצטן מאל, מיט מיין מוטער, די אלמנה, האב איך בא איר גע־טראפן א פאטאגראפיש בילד, אויף וועלכער תמרה איז געזעסן, מיט איר יום־טוב׳דיקן פארוק אויפן קאפ, און ארום איר זיינען געשטאנען, אזוי ווי א געטרייע וואך, דריי אינגלעך. דער עלטס־טער, איציק׳ל, שוין געווען מסתמא, א יאר צוועלף, און נאך צוויי פון א יאר אכט און זעקס. די דריי אינגלעך זיינען געווען אנגע־טאן אין לאנגע קאפאטקעלעך, מיט קליינע היטעלעך אויף די קעפ. פון אונטער די היטעלעך זיינען ארויסגעהאנגען לענגלעכע פאות׳־לעך. עס איז געווען א וואונדערלעך־שיין בילד, פון וועלכער איך האב באמת, שטארק הנאה געהאט . . .

אבער ווי מיר ווייסן, איז ניטא אזא זאך, ווי אייביקער גליק...

אין איינעם פון אונזער מוטער׳ס בריוו, וועלכע זי פלעגט אונז שיקן, צו מיר און צו מיין ברודער זעליק, ווען מיר האבן ביידע זיך געפונען שוין אין קאנאדע, שרייבט זי אונז, אז משה־מענדל מיט תמרה׳ן, האבן זיך גע׳גט, פארוואס, ווייסט זי ניט עד־היום.

:: :: ::

עס איז געווען אין יאר 1933, ווען איך מיט מיין ברודער, האבן געלייענט אין א ניו־יארקער צייטונג, אז משה־מענדל זוכט אונז. דער אדרעס איז געווען אנגעגעבן: בערלין, דייטשלאנד. האבן

מיר באַלד אָוועקגעשיקט אַ בריוו און באַלד באַקומען אַן ענטפער פון וועלכן מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז אונזער עלטסטער ברודער געפינט זיך אין בערלין, זינט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער וואוינט דאָרט מיט זיין צווייטער פרוי, מיט זייערן אַ זון, 17 יאָר אַלט. זיי האָבן זיך ניט שלעכט איינגעאָרדנט, געלעבט בשלום ביז 1933. אָבער איצט וואָלט ער וועלן קומען צו אונז, ווייל דאָס לעבן איז געוואָרן אומזיכער . . .

האָבן מיר זיי אַרויסגעשיקט שיפס־קאַרטן, און באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן, פאַר זייער קומען קיין קאַנאַדע. זיינען דאָך פאַראַנען געזעצן מיט רעגולאַציעס, ווען זיי זיינען שוין געווען גרייט, אַרויפצוגיין אויפן שיף, זיינען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן פון קאַנאַדער אימיגראַציע־באַאַמטע. נאָך אַ מעדיצינישער אונטערזוכונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם ברודער׳ס פרוי, ליידט פון אַזאַ הויט־קראַנקהייט, וואָס מיט דעם איז פאַרבאָטן אַריינצופאָרן קיין קאַנאַדע. זיינען זיי געבליבן זיצן אין בערלין. זייער זון האָט זיך שפּעטער איינגעגעבן אַריבערצופאָרן קיין תל־אביב, וואו ער געפינט זיך ביז היינט צו טאָג.

אָבער דער ברודער מיט זיין פרוי האָבן, ליידער, געמוזט טיילן דעם שרעקלעכן גורל פון אונזערע זעקס מיליאָן פאַרטיליקטע, על קידוש השם.

איך ווער און ארבעטער

אזוי ווי מיין ברודער זעליק האט מיר געשריבן, אז אין סמאַ־ליענסק דאַרף מען האָבן „פּראַוועס״ און אז פאַר דעם מוז איך קודם־כל האָבן אַ פּאַספּאַרט, בין איך געקומען פריער אַהיים קיין קאַכאַנאַווע. ווייזנדיק מיין פאָטער דעם ברודער׳ס בריוו, האָט ער זיך אויך געפרייט מיט מיין איינפאַל. ניט זייענדיק קיין נאַר אַ איד, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז מיין לערנען אין דער ישיבה איז געווען ניט מער ווי אַ ברכה לבטלה. דעריבער האָט ער מיך באַזאָרגט מיט אַ פור צו פאָרן אין זיין געבורטס־שטעטל סמאַ־ליאַן, וואו איך זאָל קריגן באַם דאָרטיקן סטאַראָסטע דעם פּאַס־פּאָרט.

אין סמאַליאַן האָט נאָך דאָן געלעבט דער זיידע שלמה. פאַר־נאַכט־צו, אַזוי אַרום מנחה־צייט, האָט זיך די פור אָפּגעשטעלט לעבן מיין זיידנ׳ס הויז. דער זיידע איז שוין געווען גרייט צו גיין דאַווענען מנחה. האָט ער מיך אויך מיטגענומען. צוקומענדיק צו דער שול, האָט מיך דער זיידע פאָרגעשטעלט פאַרן סמאַליאַנער רב, וועלכער איז גראַדע אין דער זעלבער צייט אָנגעקומען אין שול.

„דאָס איז״ — זאָגט מיין זיידע — „מיין הושיע׳ס איינגס־טער זון, אַ ישיבה־בחור״. דערהערט, אַז איך בין אַ ישיבה־בחור (און ווערליך מיין אָנטועכץ און מיין גאַנצן אויסזען האָט מיר טאַקע גאָרנישט געפעלט צו דער רעפּוטאַציע פון אַן עכטן ישיבה־בחור) האָט דער רב מיך באַלד, אַזוי שטייענדיק באַם טיר פון שול, געפרעגט וואָס פאַר אַ גמרא איך האָב לעצטנס געלערנט. אָנ־

רופנדיק פאַר אים די גמרא, האָט ער מיך אָנגעהויבן פאַרהערן „אמר רבי אבייה״ . . .

איצט ווען איך שרייב וועגן דעם, קאָן איך זיך בשום אופן נישט דערמאָנען ניט די גמרא און ניט די מסכתא. וואָס איך גע־דענק אָבער גאַנץ גוט איז, אַז סיי דער וואָוילער רב, און סיי מיין זיידע, זיינען געווען העכסט צופרידן. ווייזט אויס, אַז עפּעס איז מיר פאַרבליבן, פון די צוויי יאָר פלאַגן זיך אין דער ישיבה . . .

אין יענער צייט, ווען איך בין געקומען צום ערשטן מאָל נאָך אַ פּאַספּאָרט, איז מיין זיידע שוין געווען אַן אַלמן. זיין ווייב, די באָבע רישע, איז אים אָפּגעשטאָרבן נאָך מיט אַ צוויי יאָר פריי־ער. ער איז איצט, אַ זקן אין די זיבעציקער, געווען איינער אַליין, האָט געוואוינט באַ עמיצן אין אַ קאַמער. אָבער איך געדענק אים נאָך ווען ער האָט נאָך געשפּילט אַ ראָל אין זיין שטעטל. ער איז געווען אַ שניידער, געהאַט אַן אייגענע הויז מיט אַ גרויסן גאָרטן און אַ ציג, וועלכע איך פלעג דאַרפן האַלטן באַ די הערנער ווען די באָבע פלעגט איר מעלקן.

דאַרף זיך אָבער טרעפן אַ מעשה, אַז ווען מיינע עלטערן האָבן געוואוינט שוין אין קאַכאַנאָווע, איז אין איינעם אַ ווינטער אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון שקאַרלאַטינע. בין איך מיט מיין ברודער קראַנק געוואָרן, און ווי איך האָב שוין פריער ערגעץ דער־ציילט, איז מיין ברודער אָפּגעשטאָרבן. דער זיידע איז דאַן גע־קומען מנחם־אבל זיין אונז. האָט ער פאַרבראַכט באַ אַ וואָך צייט און אין איינעם אַ דאָנערשטיק באַטאָג האָט ער זיך אָנגעהויבן קלייבן צוריק אַהיים.

דער פאָטער מיינער האָט אָנגעהויבן אים אָפּצורעדן, אַז ס׳איז אינדרויסן זייער קאַלט (עס איז געווען אין חודש שבט) דער טאָג איז קורץ, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. ניין, האָט ער געטענה׳ט, „איך מוז גיין, ווייל די באָבע ליגט קראַנק צו בעט איינע אַליין״, און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו גיין די וואַסערע פופצן וויאָרסט, וואָס זיינען געווען ביז זיין שטעטל.

נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעגאַנגען אַן ערך אַ שעה צייט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכער שניי־שטורעם מיט אַ ברענענדיקן פראָסט אַלס אַ צוגאָב. מיין זיידע האָט זיך אַראָפּגעשלאָגן פון

גלייכן וועג, און איז אוועקגעפאלן אין אוממאכט אין שנייאיקן פעלד. ערשט אויף מארגן פארטאג, ווען די פויערים זיינען געפארן מיט שליטנס האלץ אין שטעטל אריין, האבן זיי אים קוים א לעבעדיקן אויפגעהויבן, און אים אריינגעפירט אין א הויז, אים דערוואַרעמט און דאן אים אפגעפירט אין זיין הויז אין סמאליאן. די פינגער פון זיין לינקער האנט האט מען געמוזט אפשניידן, ווייל זייענדיק אויסגעשטעלט צום פראסטיקן ווינט, זיינען זיי בא אים אפגעפרוירן געווארן, בעת מיט זיין רעכטער זייט איז ער געווען איינגעגראבן אין א שניי־גרוב.

ארבעטנדיק בא זיין שניידערייי אלע זיינע יארן נאר מיט די הענט, אן קיין ניי־מאשין, האט ער שוין איצט מער ניט גע־קאנט ארבעטן. די באבע איז אין א קורצער צייט נאכדעם אפ־געשטארבן. האט ער פארקויפט די הויז מיט דער גאנצער בא־לעבאטישקייט זיינער און איז געזעסן אויף די עלטערע יארן אין א קאמער. ער האט דערגרייכט ביז א גאנץ טיפן עלטער, ער איז געשטארבן צו אכציק יאר, זכרונו לברכה.

* * *

באזארגט מיט א פאספארט האבן מיך מיין פאטער און מו־טער אויסגעריכט צו פארן קיין סמאליענסק

דאס איז געווען דאס לעצטע מאל, וואס איך האב געזען מיין פאטער, ווייל ער איז אפגעשטארבן נאך גאר אין די יונגע יארן — געווען 48 יאר אלט. די אלטע צארישע רוסלאנד איז געווען א לאנד פון עפידעמיעס, צוליב דעם וואס די סאניטארישע און מעדיצינישע מיטלען זיינען געווען ווייט ניט גענוגנדיק לויט די באדערפענישן פון אזא גרויס לאנד, זיינען דארט עפידעמישע קראנקהייטן געווען אפטע און פארניכטנדיקע דערשיינונגען. עס פלעגט ניט זעלטן טרעפן, אז אין איינעם א ווינטער זאלן גאנצע דערפער בלייבן אן וועלכע עס איז יונגע מענטשן.

אזוי האט געטראפן דעם ווינטער פון 1905, ווען מ׳האט אריינגעפירט מיין פאטער א קראנקן, אין הויז אריין. עס איז דאן געווען די טיפוס־עפידעמיע. פארן גאנצן דארפישן און שטעטלשן געגנט איז געווען נאר איין דאקטאר, און דער איינער איז דערצו

נאָך געווען אַ גרויסער שיכור. זיינען מענטשן אַוועקגעפאַלן ווי פליגן. און ווי עס טרעפט זיינען אַוועקגעפאַלן די אַממערסטנס יונגע און די מערסטע שטאַרקע מענטשן. אַלס אַ קרבן פון יענער עפּידעמיע איז דאָן אויך געפאַלן אונזער פאָטער, איבערלאָזנדיק נאָך זיין טויט די קראַנקע מוטער מיט פיר עלטערע און צוויי אינגערע פאַר מיר קינדער.

:: :: ::

ווען מיין ברודער האָט מיך באַגעגנט אויפן סמאָליענסקער וואָקזאַל, האָט ער מיר געלאָזט וויסן, אַז די הויז וועלכע ער האָט אויסגעזוכט פאַר מיר, איז זייער אַ פיינע, פון זייער חשוב'ע מענטשן. אַלץ וואָס איך דאַרף נאָר, איז זען צו געפינען חן אין זייערע אויגן. די ערשטע זאַך, וואָס איך דאַרף טאָן, איז אַראָפּוואַרפן פון זיך מיין ישיבה־בחור'שן, אָדער בטלנ'ישן אויסזען — אַ זאַך וואָס טוט זיך ניט אַזוי גרינג, ווי עס רעדט זיך.

מיין ברודער, וואָס איז געווען עלטער פון מיר מיט אַ פיר יאָר, איז שוין דאַן געווען אַ גאַנצער מענטש. ער איז געווען פיל העכער פון מיר און זיין גאַנצער שטעל איז געווען אַזאַ פרייער, אַ מין עלאַסטישער. געאַרבעט האָט ער אַלס שלאָסער, וואָס אין אַמעריקע הייסט עס אַ „פּלאָמבער" — אַן אַרבעט וואָס פאָדערט אַ געזונטן קערפּער מיט שטאַרקע מוסקולירטע הענט. און אַזאַ איז ער טאַקע געווען. איך אָבער, בין געווען גאַנץ אומגעשיקט אין מיינע באַוועגונגען. וואָס שייך וועלכע עס איז פיזישע איבונגען, אָדער ספּאָרט־שפּילערייען, אָדער, למשל, קאָנען שווימען ראָס זיינען פאַר מיר געווען זאַכן גאַנץ פרעמדע. בין איך דערפאַר צוגעקומען צום הויז פון מיינע נייע באַלעבאַטים מיט אַ שווערן פאַרגעפיל, אָבער אויך מיט יוגנטלעכער אַנטשלאָסנקייט צו אַרבעטן איבער זיך, און צופּאַסן זיך, צו טאָג־טעגלעכער פיזישער אַרבעט, וואָס איז דאַן געווען דער העכסטער ציל אין מיין לעבן.

ווי נאָר איך בין אָנגעקומען צום הויז, האָט מיך באַגעגנט באַם סאַמע טיר אַן עלטערע פרוי, אין די פופציקער, פון מיטעלן וואוקס, אַ דיקלעכע מיט אַ ברייטן פּנים, מיט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן, וועמעס בליקן האָבן אויסגעדריקט לעבנס־דער־

פאַרונג און חכמה. זי האָט מיך באַלד באַגריסט מיט די ווערטער: „ווי איך פאַרשטיי, מוזטו זיין גוט הונגעריק", און מיר געהייסן זעצן זיך צום טיש.

צוליב דעם, וואָס ס'איז געווען ערשט באַלד נאָכדעם ווי אַלע האָבן אָפּגעגעסן וואַרמעס, איז דער טיש נאָך ניט געווען אויפגע־ראַמט. עס איז נאָך געשטאַנען א טעלער מיט אָנגעשניטן ברויט. האָב איך זיך באַלד גענומען צום עסן. אינגיכן האָט די באַלע־באָסטע, וואָס איר נאָמען איז געווען פרומע, אָדער ווי זי איז גע־ווען באַוואוסט אין גאַס אַלס „פרומע די אַלמנה", מיר צוגעטראָגן א פולן טעלער מיט לאָקשן און א היפּש שטיק פלייש. האָב איך עס גאַנץ אָרנטלעך באַהאַנדלט.

נאָכן עסן האָט מיך אַן עלטערער בחור אַריינגערופן אין וואַרשטאַט, וואָס איז געווען אין א גרויסן צימער אין זעלבן הויז. און האָט מיר געהייסן אויפצוקלייבן פאַרשיידענע אָפּפאַלעכצן פון פּאַפּיר און קאַרטאָן, וואָס האָט אָנגעפילט א הילצערנעם קאַסטן אין א גרויסן זאַק אַריין. אַזוי פּאַקנדיק, האָב איך אָנגעפילט דעם זאַק, און דערגרייכנדיק דעם הוילן דעק פון קאַסטן, האָב איך דאָרט אָנגעטאַפּט א צוויי־קאָפּיקענע מטבעה. האָב איך עס באַלד צוגעטראָגן צום אַלטן בחור.

מיט א צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז געווען אַן אָנגענומענער מיטל אַזאַ, אויף אויסצופּרואוון די ערלעכ־קייט פון א לערן־אינגל.

ס'האָט מיר גענומען עטלעכע טעג אויסצוגעפינען ווער אייגנטלעך איז מיין ריכטיקער באַלעבאָס. די פרוי, וואָס ווי איך האָב זיך גיך דערוואוסט, איז די מוטער פון די קינדער, האָט די ערשטע צייט מיך גאַנץ אָפּט אַרומגעשיקט אויף פאַרשיידענע שליחות'ן. דערביי האָט זי מיך געלערנט ווי אַזוי ריכטיק צו רעדן רוסיש. ניט אַכטנדיק, וואָס איך האָב געקאָנט גוט שרייבן און לייענען רוסיש, ביז איך אָבער צום רעדן, דאַן געווען א קנאַפּער בריה. די אָרשער אידן האָבן גערעדט רוסיש מיט א אידישן אַק־צענט. אַזוי, למשל, האָט מען אין אָרשע געזאָגט אויף פינף קאָ־פּיקעס „פּיאַטש קאָפּעיעק" . . . אין סמאָליענסק, אָבער, פלעגט מען זאָגן „פּיאַטאַטשאָק", ענלעך צו דעם, וואָס בא אונז — אַנ־

שטאט צו זאגן „פאיוו סענטס", איז פול ריכטיקער, מער אמע־ריקאניש צו זאגן „עי ניקל".

האב איך דעריבער זיך געדארפט אויסלערנען רעדן דעם רעכטן „קאצאפישן" רוסיש.

צוריקקומענדיק פון אייניקע שליחות'ן, האט מיר פרומע גע־הייסן ארויפטראגן דעם אנגעפאקטן זאק מיט די פאפיר־אפפאלעכצן אויפן בוידעם־ארויף, צו וועלכן מען האט געדארפט קלעטערן אויף א הויכן לייטער, וואס איז געשטאנען שפוע'דיק צום לאך פון בוי־דעם. קריכנדיק אויפן לייטער מיטן גרויסן אנגעפאקטן זאק אויף די פלייצעס, איז מיין נשמה מיר ארייין אין די פיאטעס. עס האט זיך מיר געדאכט, אז אט־אט אוז איך פאל אוועק צו דער ערד מיטן לייטער צוזאמען.

אבער די קלוגע באלעבאסטע האט אויף מיר אכטונג געגעבן. זי איז געשטאנען און האט מיך אונטערגעמונטערט: „וואס צי־טערסטו אזוי?" — האט זי אונטערגעשריגן — „וועסט אויפן הימל ניט פאלן . . . זע נאר ווי ער ציטערט, ביסט דאך עפעס א מאנספארשוין, מ'שטיינס געזאגט" . . . די לעצטע באמערקונג אירע האט מיך טאקע מער ווי אלץ אויפגעמונטערט, און איך האב מיט אלץ פעסטערע טריט ארויפגעקלעטערט בשלום צום אריינ־גאנג פון בוידעם. כ'האב דארט אויסגעליידיקט דעם זאק און בין ארונטערגעקומען צוריק ניט געשעדיקט, צו דער צופרידנהייט פון דער באלעבאסטע.

ווען איך בין אריינגעקומען אין ווארשטאט, האט מען מיר אנגעוויזן אויף א בענקל, ארום א גרויסן טיש, וואו מ'האט מיר געהייסן זיך צוקוקן ווי אזוי מען מאכט פאפירענע שאכטלעך.

:: :: ::

אין אנפאנג פון אונזער יארהונדערט, איז די קונסט פון מאכן פאפירענע שאכטלען געווען נאך אין א זייער פרימיטיוון צושטאנד, איבערהויפט אין דעם אפגעשטאנענעם טייל פון רוסלאנד. ווי אלץ, וואס איז געמאכט געווארן פון פאפיר, איז די מלאכה פון פאפי־רענע שאכטלעך („פעיער באקסעס") דער רעזולטאט פון דער בריי־טער אנטוויקלונג פון דער האלץ־אינדוסטריע. ווען איך בין אין 1902, אנגעקומען קיין סמאליענסק, זיינען נאך דארט געווען בע־

קערייעז, וואו מען פלעגט פאקן זיסע געבעקס („פעיסטרים") אין הילצערנע קעסטלעך — „לובאנקעס", פלעגט מען זיי רופן — פון זעלבן האלץ, וואס מ'האט אויך געמאכט רייזע־קאסטנס. ווער ס'איז געווען אמאל אויף א באזוך אין וואשינגטאן, אין דעם „סמיט־סאניען אינסטיטוט", האט געהאט די געלעגנהייט צו זען דארט, ווי, אויב ניט אלע, איז אבער געווים די גרעסטע צאל פון אלע אונזערע היינטיקע אינדוסטריען, געווען אין זייער אורשפרונג בלויז האלץ. שיך זיינען געווען פון האלץ, באלייכטונג איז געווען — א קינעלע פאפיר, און טויזנטער אנדערע זאכן האבן זייער אורשפרונג פון האלץ.

דערפון, ווי עס איז באוואוסט, קומט דער באקאנטער אויס־דרוק מיט וועלכן מיר באצייכענען די אנטשטייאונג פון אונזער מאדערנער ליטעראטור. אין רוסישע לערן־ביכלעך ווערט די פרי־מיטיווע ליטעראטור אנגערופן „לובאטשנע"־ליטעראטור. אין א אידישן ביכל האב איך אנגעטראפן דעם אויסדרוק „לובקענע"־ליטעראטור. עס הייסט, אז יענע פרימיטיווע שאפונגען האט מען געשריבן אויף דינעם האלץ. אלס א בולט'ן ביישפיל, ווי ווייט די האלץ־און פאפיר־אינדוסטריע האט געמאכט פארשריט, איז דער פאקט, וואס ווען א היינט־וועלטיקע „סאסייעטי־לעידי", וועלכע האט ניט קיין צייט, אדער קיין חשק נישט צו וואשן דאס געשיר, קאן זי אפריכטן א „פארטי" (סעודה) מיט פאפירענע טישטעכער, טעלער, לעפל, גאפל און גלעזער.

יא, גרויס און מעכטיק איז אונזער ציוויליזאציע און קולטור — אזוי גרויס, אז די אטאמישע באמבע איז שוין אלט־מאדיש... עס האט איר ארויסגעשטופט די הידראגענישע באמבע, וואס קאן פארניכטן פיל מער און שנעלער איידער די אטאמישע באמבע... און וואס דארף מען נאך מער?, זי קאן אפילו פארניכטן דאס גאנ־צע וועלטל אונזערס . . .

אבער, אוועק־אוועק מיט די פעסימיסטישע געדאנקען! . . .

* * *

מיין ברודער איז געווען געדעכט אין זיין אפשאצונג, אז די הויז וואו איך בין געוואַרן א לערן־אינגל און שפעטער אן ארבע־טער, איז זייער א פיינע הויז. די מוטער, די אלמנה, איז טאקע

געווען די הויפּט־באַלעבאָסטע ביז גאָר נישט לאַנג, ווען אירע פיר זין האָבן געגעבן אַ וואָקס־אויף — איינער העכער פונעם צווייטן. ווען איך בין אָנגעקומען, איז דער גאָר עלטסטער פון די פיר, מרדכי־לייזער, אָדער ווי מ'האָט אים גערופן געזעלשאַפטלעך — מאַרק אַראָנאָוויטש, געווען אַ בחור פון אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק. אַלס גאָר דער עלטסטער, איז ער געווען באַפרייט פון מיליטער־דינסט. ער איז געווען הויך געבויט, מיט אַ העל־ברוין שפּיציק בערדל . . . און ווייל זייענדיק דער עלטסטער, און מיטן שיינעם בערדל, האָב איך באַלד איינגעזען, אַז ער איז איצט דער באַלע־באָס מיינער. זיי, די ברידער, האָבן געהאַט נאָר איין שוועסטער, אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, זייער אַ שיינע, אַ בלאָנדע מיט ראָזעווע באַקן. גערופן האָט מען איר — קריינע־רישקע.

די פיר ברידער זיינען געווען גאַנץ פאַרשיידן אין זייער אויסזען. בעת מרדכי־לייזער, גאָר דער עלטסטער, איז געווען אַ הויכער, איז דער אינגערער נאָך אים, ברודער, כאַטשע (אָדער כאַצקל) געווען שוין אַ קורצער, אַ ברייט־פּלייציקער מיט אַ קאָפּ טיף־שוואַרצע געקרייזלטע האָר. ער איז געווען געראָטן אין דער מוטער. דער דריטער ברודער, ראובן, איז געווען הויך געוואַקסן מיט אַ קאָפּ פעך־שוואַרצע האָר, וועלכע זיינען שוין געווען גע־שטאַנען גלאַט אַזוי ווי אַ בערשטל — מיט די האָר אַרויף. דער פערטער, דער מיזיניק, אַ בחור פון אַ יאָר זעכצן, איז שוין געווען טונקל־ברוין. אים האָט מען גערופן מונקע — פאַרצויגן, ווייזט אויס פונעם נאָמען מענדל. ער איז טאַקע געווען דער ליבלינג פון דער פאַמיליע.

די מוטער זייערע, פרומע, איז געבליבן אַן אלמנה ווען די פינף קינדער זיינען נאָך געווען זייער יונג. גאָר דער עלטסטער זון איז ערשט אַלט געווען צען יאָר. אָבער זייענדיק זייער אַ פּעאיקע און געראָטענע פרוי, האָט זי באַוויזן אָנצוהאַלטן דעם געשטאָרבע־נעם מאַנ'ס וואַרשטאַט ביז וואַנען די קינדער זיינען אויסגעוואַקסן און האָבן איבערגענומען פון דער מאַמען דאָס געשעפט. זיי האָבן נאָך אריינגענומען עטלעכע פרעמדע מענטשן און האָבן פאַרגרע־סערט די פּראָדוקציע פון וואַרשטאַט.

די מוטער האָט זיך איצט אָפּגעגעבן נאָר מיטן אויפפּאַסן

אויפן הויז מיט דער הילף פון א קריסטלעכער פרוי, וואס מ'האט צו יענער צייט געקאנט קריגן פאר זייער א קליינעם געהאלט. די באלעבאסטע פלעגט עס צוגרייטן דאס עסן פאר די קינדער מיט דין עטלעכע אנגעשטעלטע מענטשן.

פון די ברידער זיינען נאר די צוויי עלטערע געבליבן אנצו־פירן מיטן ווארשטאט. ראובן האט געארבעט אין א קאנטאר, פריער אלס לערן־אינגל, און שפעטער אלס בוכהאלטער, ער איז געווען, וואס מ'רופט אין רוסיש, א „ביעלארוטשקא", ווי מ'רופט עס בא אונז א „ווייס־קאלנער" מענטש. דער אינגסטער, מונקע, איז געווען א לערן־אינגל אין א פלאץ וואו מען מאכט מעבל. די די שוועסטער, קריינע־ישקע, האט גענייט פרויען־קליידער אין א זייטיקן צימער מיט נאך צוויי מיידלעך אלס ארויסהעלפערנס.

פון די פרעמדע מענטשן איז געווען איינער אן עלטערער בחור מיט א טונקעלן פנים, וועמען מ'האט אראפגעבראכט אזש פון בער־דיטשעוו, וואו עס זיינען געווען א גאנצע צאל ווארשטאטן פון פאפירענע שאכטלען, אדער ווי מען האט דארט גערופן „פידע־לעך". ער, וועמען מען האט גערופן משה אמטער, איז געווען דער הויפט־מייסטער. ער האט געשטאמלט, פון וואס ער האט שטארק געליטן. דער צווייטער איז געווען א אינגערער בחור, אלעק, פון וויטעבסק, און איך אלס לערן־אינגל.

ווי עס האט זיך געפירט אין יענע צייטן, האבן זיך אלע, סיי די באלעבאטים, סיי די „מענטשן", געפונען אין איין הויז, האבן אלע געגעסן באם זעלבן טיש, אזוי ווי איין פאמיליע. און ניט אכטנדיק, וואס אלעק פלעגט שוין זינגען בא דער ארבעט, די דאן־פאפולער־געווארענע לידער, ווי באוושאווער'ס, ערלשטאט'ס און אויך די „שבועה", וואס זיין לאנדסמאן, ש. אנסקי, האט פאר־פאסט, איז אבער די אלגעמיינע אטמאספערע אין הויז געווען א עכט פאטריאכע, א דורכאויס פריינטלעכע און געמיינשאפטלעכע. דערמיט מיין איך ניט צו זאגן, אז אונזער מאטעריעלע לאגע איז געווען א דורכאויס צופרידנשטעלנדיקע, אדער אז אונזערע אר־בעטס־באדינגונגען זיינען געווען אזוינע, וואס בעסער קאן שוין ניט זיין. ניין, איך בין גאנץ ווייט פון דעם געדאנק. וואס איך וויל באטאנען איז דאס, וואס לעבנדיק צוזאמען אין איין הויז

מיט די באַלעבאַטים, האָבן מיר ניט געפּילט, אָדער ריכטיקער, מיר האָבן ניט געזען, אַז אונזערע באַלעבאַטים זאָלן האָבן אַ בעסערן לעבן פון אונז, די אַרבעטער. מיר האָבן אַלע געאַרבעט די זעלבע לאַנגע שטונדן — פון אַכט פרי ביז אַכט אָונט.

פאַר די קריסטלעכער יום־טובים, פלעגן מיר אַלע אַרבעטן פאַר אַ צוויי וואָכן צייט ביז איינס און צוויי אַזייגער באַנאַכט. עס זיינען געווען פאַלן, ווען די באַלעבאַטים האָבן אפשר מקנא געווען אונז, די אַרבעטער. דער וואַרשטאַט מיט דער פאַבריקאַציע יענער, איז געווען פון די פּרימיטיווסטע, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאַרשטעלן. אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט די הוילע הענט, און עס פלעגט דויערן לאַנגע שטונדן ביז וואַנען מען פלעגט ענדיקן אַ באַשטעלונג און עס צושטעלן צום קונד (קאַסטימער). האָט מען שוין ווי עס איז צופרידנגעשטעלט דעם קונה, האָט מען ערשט געדאַרפט וואַרטן ביז וואַנען דער קונד וועט באַצאָלן. ניט האָבנדיק אַזאַ זאַך, וואָס עס רופט זיך „האַנדלס־קרעדיט”, פלעגט מען לעבן פון האַנט צו מויל.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אונזער פּראָדוקט, די פּאַפּירענע קעסטעלעך — איז געווען אַ נייע זאַך אין שטאָט, איז עס אָבער ניט געווען באַשיצט פון קאָנקורענץ. די קונדן פלעגן שטענדיק צאָלן אַ זייער קליינעם פּרייז, ווייל אויב ניט, פלעגן זיי קאָנען קריגן די קעסטעלעך פון די גרעסערע שטעט, ווי מאָסקווע, אָדער וויטעבסק.

זיינען דערפאַר אונזערע באַלעבאַטים דערפאַר געווען זייער גוטהאַרציקע מענטשן, אָבער זייער אָרעמע. אויב עס איז יאָ געווען אַ שטיקל קרעדיט, איז דאָס געווען אינעם שפּייז־געוועלבל פון איינער אַן אַלמנה, אַ קרעמערן. פלעגט טאַקע זייער אָפט טרעפן, אַז אין איין שיינעם פרימאָרגן, ווען איך פלעג צו איר קומען נאָך די נויטיקע זאַכן, פלעגט זי מיר זאָגן: „זאָג דיין באַלעבאָס, ער זאָל מיר באַצאָלן פאַר די פריער־אָנגענומענע זאַכן, וועל איך דאַן געבן נאָך”. און אַזוי ווי ער האָט דאָך ניט געקאָנט באַצאָלן אין צייט, פלעגט אָנקומען אַן אַלטער מאַן אין דער באַגלייטונג פון אַ גאָרדאָווּאָי (פּאָליציי־מאַן) און פלעגט אָנהויבן צו שרייען אויף מיין באַלעבאָס: — „וואָס מיינסטו, רוסלאַנד איז

אמעריקע, אַ פרייע רעפּובליק, כאַפּ־לאַפּ?", און וועגנדיק זיך צום פּאָליציי־מאַן — „דערלאַנג מיר דיין צאַצקע!" (שטוטשקאַ). פלעגט ער געבן אַ טר־אַן אויפן האַלדז אַזאַ לאַנגע זילבערנע קייט מיט אַן אָדלער — דער סימבאָל פון צאַרישער מאַכט, און פלעגט פאַר'חתמ'ענען אַלע אַלמערס און שופלאַדן מיט רויטן טריפּוואַקס. און עס פלעגט נעמען אייניקע טעג ביז מען פלעגט באַוויזן צו באַ־צאָלן דער אלמנה, דער שפּייז־קרעמערן. דאַן האָט מען אַרונטער־גענומען די טריוואַקסענע חתימות פון די אַלמערס.

אַ גאַנץ אָפּטע דערשיינונג פלעגט אויך זיין, ווען מיין באַ־לעבאָס און אפילו זיין אַלטע מאַמע פלעגן פאַר גאַנצע שעה'ן אַרומלויפן איבער די שכנה'שע הייזער צו באָרגן די עטלעכע רובל, וואָס מען פלעגט דאַרפן צו קויפן נייעם מאַטעריאַל פאַר אַ באַ־שטעלונג. אין אַט־אַזעלכע אומשטענדן איז גאָרניט געווען וואָס צו מקנא זיין אונזערע „עקספּלואַטאַטאָרס", די באַלעבאַטים.

איז אויב מיר זיינען דאַן געווען פרידלעך געשטימט צו אונ־זערע באַלעבאַטים, איז דאָס געווען נישט דערפאַר ווייל מיר זיי־נען געווען אומוויסנד, ניט קלאַסן־באַוואוסטזיניק; ניין, פאַרקערט. מיר האָבן שוין דאַן געלייענט צייטונגען או געוואוסט וועגן די גרויסע סטרייקס, וואָס די פּעטערבורגער, די ווילנער און די וואַר־שעווער אַרבעטער פירן אָן. מיר האָבן שוין דאַן געלייענט אומ־לעגאַלע ביכלעך, וואָס מיר פלעגן האַלטן אונטער די קישנס, — ביכער וועגן מאַרקסיזם און דעמאָקראַטישער רעפּובליק . . . אָבער דאָס אַלץ איז געווען אין יענער הויז נישט מער ווי טעאָרעטישע פראַגן, מיט וועלכע עס שאַדט נישט איינעם צו זיין באַקאַנט. אָבער אין אונזער טאָג־טעגלעכן לעבן, האָט עס אונז קיין פּראַק־טישע נוצן ניט געבראַכט . . .

אַ דאַנק אַט־דער פּאַטריאַכאַלער, פרידלעכער אַטמאָספערע האָב איך זיך גיך צוגעפּאַסט צו מיינע נייע אומשטענדן און איך האָב זיך גיך אויסגעלערנט די אַרבעט. איך האָב זיך אויך גיך אויסגעלערנט די רוסישע שפּראַך, אַזוי אַז ווען איך בין תשעה־באב צוריקגעקומען פון בית־עולם און די אַלטע פרומע האָט בא מיר געפרעגט פונוואַנען איך קום, האָב איך ניט לאַנג טראַכטנדיק געענטפערט, אַז איך קום פון דער „קלאַדבישטשע" . . . האָט זי

שוין איצט געהאט מיט מיר אן ארבעט, צו לערנען מיר רעדן צוריק אידיש, אזוי ווי זי האט באדארפט פריער, מיט א צייט צו־ריק, לערנען מיך רעדן רוסיש. — „גוי, וואס דו ביסט, קאנסט שוין ניט זאגן בית־עלמן?, און נאך געווען א ישיבה־בחור, צו מיינע צרות!“. אזוי האט זי ארונטערגעריסן — מיט רעכט — מיין נייע הפקר׳דיקע באציאונג צו אונזער מאמע־לשון, אידיש.

:: :: ::

פאר די צען יאר (1902—1912) וואס איך האב געארבעט אין סמאליענסק זיינען אין רוסלאנד פארגעקומען גרויסע פאליטי־שע געשעענישן. דער פארגעשריטענער טייל פון די פעלקער אין גרויסן רוסלאנד האבן אנגעהויבן רעוואלטירן קעגן דער אלטער צארישער דינאסטיע, ביזוואנען נאך די מפלות וואס זי האט גע־קראגן אין דער מלחמה מיט יאפאן, איז דער צאר ארויס מיטן מאניפעסט פון 17־טן אקטאבער, 1905, צוזאגנדיק פארשיידענע דעמאקראטישע פרייהייטן. אבער ווי ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, האט זיך דאס פאלק דערמיט ניט באנוגנט. די אנטוויקלונג פון רוסלאנד האט שוין צו יענער צייט דערגרייכט אזא עקאנאמישן צושטאנד, אז א פאר פאליטישע רעפארמען זיינען ניט געווען גע־נוג צופרידנצושטעלן די גרויסע ארבעטער־און פאלקס־מאסן. אלס רעזולטאט האבן זיך אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן אנ־געפאנגען צו ארגאניזירן סאוועטן פון ארבעטער און פויערים. די צארישע רעגירונג איז אבער נאך געווען שטארק גענוג צו אנפאנ־גען איר קאנטער־רעוואלוציע.

דאס האט זיך אנגעהויבן מיט פאגראמען אין די אידישע שטעט און שטעטלעך, און דארט וואו עס זיינען קיין אידן ניט געווען, האט מען געמאכט פאגראמען אויף ארמענער, גרוזינער, און מ׳האט שטארק פארפאלגט די רוסישע אינטעליגענציע. דאס אלץ איז געטאן געווארן מיט דער אבזיכט צו העצן איין פאלק קעגן צווייטן און דערמיט אפצואווענדן דעם פאלקס־צארן קעגן דער צארישער מאכט. האט זיך עס איר טאקע איינגעגעבן פאר א געוויסער צייט, און ס׳האט אין רוסלאנד ווידער געהערשט די רעאקציע.

פון 1906 ביז 1912 זיינען אידן ניט געווען זיכער מיט זייער

לעבן. דאַן איז עס געווען ווען די אימיגראַציע קיין אַמעריקע האָט זיך אַנטוויקלט אַמשטאַרקסטן. די אידן, וועלכע האָבן צוליב פאַרשיידענע סיבות ניט געקאָנט באַוויזן צו עמיגרירן, האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין אַלץ גרעסערע מאַסן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג פון איין זייט, און אין דער בונדיסטישער פון דער אַנדערער זייט. מיט איין וואָרט, מען איז געוואָרן מער נאַציאָנאַליסטיש באַוואוסטזיניק. אַזוי ווי שוצלאָזע שעפּסן, וואָס לויפן זיך צוזאַמען אויף איין פּלאַץ און דריקן זיך איינע צו די אַנדערע ווען זיי דערפילן דאָס אָנקומען פון אַ שטורעם, אַזוי האָבן די רוסישע אידן אָנגעהויבן צו פאַראייניקן זיך אין זייערע אָרגאַניזאַציעס, די ציוניסטישע ווי די סאָציאַליסטישע, צו יענער צייט — דער „בונד״.

אין יענער רעאַקציאָנערער צייט, איז עס געווען ווען אַזאַ רוסיפיצירטער איד ווי ש. אַנסקי, האָט אָנגעהויבן אַרומצופאָרן איבער די גרויסע אידישע ישובים און געפּרעדיקט, אפילו אין דער רוסישער שפּראַך, אָבער אין אַ עכט נאַציאָנאַליסטישן גייסט דאָס אָנהאַלטן זיך אָן די נאַציאָנאַלע יסודות פון אידישן פאָלק.

האָב אויך איך זיך דערמאָנט, אַז איך בין אַ איד און האָב אָנגעהויבן אָפט באַזוכן די אידישע ביבליאָטעק. אַריינגייענדיק אין דער סמאָליענסקער אידישער ביבליאָטעק, האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן דאָס בילד פון ראובן בריינין, וואָס איז נאָך דאַן געווען זייער יונג, אָבער איז שוין געווען באַרימט, געפינענדיק זיך שוין דאַן אין אויסלאַנד.

אַריינקומענדיק איינמאָל אין אַ שבת׳דיקן טאָג אין דער אידישער ביבליאָטעק, האָב איך דערזען דאָרט אויף אַ טיש אַ שפּאָגלנייעם בוך, זייער שיין געבונדן און אַרויסגעגעבן אין פּעטערבורג. אויפגעעפנט דעם בוך, זע איך, אַז דאָס איז אַ רוסישע איבערזעצונג פון שלום עליכם׳ס ווערק. דאָס בוך האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פאָרוואָרט פון מאַקסים גאָרקי, מיין באַליבטער שרייבער. אינעם פאָרוואָרט שרייבט גאָרקי, אַז ער באַדויערט זייער וואָס ער האָט ניט די מעגלעכקייט צו לייענען שלום עליכמ׳ס ווערק אין אָריגינאַל, אַז ער וואָלט זיך געשעצט זייער גליקלעך ווען ער וואָלט געקאָנט לייענען דעם גרויסן אידישן הומאָריסט אין אידיש.

אויב אַזוי, בין איך דאָך אַ גליקלעכער מענטש, האָב איך זיך געטראַכט, וואָס איך קאָן לייענען שלום עליכמ׳ס ווערק אין אידיש. פון דאַן האָט זיך מיין רוסישע אַסימילאַציע, אָדער ריכטיקער געזאָגט, מיין רוסיפיקאַטאָרישע שטימונג, כמעט ווי געענדיקט. איך האָב זיך צוריק פאַראינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט דער אידישער ליטעראַטור, ווי בכלל מיטן אידישן לעבן.

אין דער זעלבער צייט האָב איך זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען, אַז ערגעץ אויף דער וועלט האָב איך דאָך אַ קוזין, אַ העברעאישן שרייבער, און עס האָט מיך זייער געפרייט דאָס וואָס איך האָב געקאָנט קריגן ג. שאַפמאַנ׳ס שריפטן אין דער סמאָליענסקער אידישער ביבליאָטעק. מיין פרייד, איז אָבער געוועזן געמישט מיט באַדויערן, ווען איך האָב אויפגעעפנט זיינס אַ ביכל, האָב איך שוין גאַנץ ווייניק פאַרשטאַנען די העברעאישע שפּראַך. די גרויסע, גראָב־בייכיקע רוסישע ביכער מיט וועלכע איך האָב זיך גייסטיק גענערט פאַר די לעצטע יאָרן האָבן אַזוי ווי אַרויסגעשטויסן פון מיין באַגרענעצטן מוח די באַשיידענע, מאָגערע ביכלעך פון מיין העברעאישן קוזין.

(דאַ בעט זיך צו באַמערקן, אַז ווען איך האָב אין דער זעלבער צייט, דורך אַ צופאַל אָנגעהויבן לייענען אַ בוך פון פּרץ סמאָליענסקי — איך געדענק שוין ניט וועלכן — האָב איך עס נאָך גאַנץ גוט געקאָנט לייענען און פאַרשטיין. אָבער צו קאָנען לייענען שאַפמאַנ׳ס אַ בוך, אויף דעם, ווייזט אויס, מוז מען זיין אַ העכסט־געשולטער העבראיסט).

:: :: ::

אין דער זעלבער צייט וואָס איך האָב פאַרגעסן שאַפמאַנ׳ס העברעאיש, האָב איך זיך אויך פאַרגעסן אַז דעם גאַנצן שאַפמאַן הויז אין אָרשע. יונגע יאָרן ווילן ניט געדענקען וועגן זאַכן, וואָס זיינען געוועזן און מער נישטאָ. ווי זאָגט ערגעץ דער גרויסער רוסישער שרייבער טורגעניעוו וועגן דער יוגנט:

„גליקלעכע יאָרן, גליקלעכע טעג,
ווי די פרילינג־וואַסערן, פאַרלאָפן, אַ וועג".

איז דאָס געוועזן אַפנים, אין 1909, ווען אין איינעם אַ פרימאָרגן, אין פרילינג, ווען איך בין געזעסן באַ דער אַרבעט און גע־

קלעפּט פידעלעך, איז אַריינגעקומען דער בריוו־טרעגער און האָט מיר צוגעטראָגן אַ פּאָסט־קאַרטל. דאָס פּאָסט־קאַרטל, געשריבן אין אַ זייער שיינער האַנטשריפט, אין רוסיש פאַרשטייט זיך, האָט זיך געלייענט אַזוי:

„טייערער יאַקאָוו: דאָס שרייבט דיר דיין קאַכאַנאָווער קרובה חיה'קע קיסין. איך וויל האָפן, אַז דו געדענקסט מיך נאָך, און דערפאַר בעט איך דיך צו טאָן מיר אַ טובה און געפינען פאַר מיר אַ צימער אין סמאָליענסק. איך און דיין קוזינע כאַשקע שאַפּמאַן ווילן קומען קיין סמאָליענסק אויף צו האַלטן עקזאַמענס אין דער דאָרטיקער גימנאַזיע פאַר אַ לערער־דיפּלאָם. אַזוי גיך, ווי דו וועסט מיר שרייבן, אַז דו האָסט געקראָגן פאַר אונז אַ צימער, וועלן מיר באַלד קומען צופאָרן. איך דאַנק דיר איז פאַראויס פאַר דיין גוט האַרץ. דיין קרובה, חיה'קע קיסין".

— חיה'קע קיסין! דאָס איז דאָך דעם קאַכאַנאָווער'ס גביר חנניה'ס טאָכטער! די איינציקע טאָכטער פון מיין פאָטער'ס באַ־לעבאָס. ווען איך האָב פאַרלאָזן מיין היים, האָב איך זי געדענקט ווי שוין אַ גרויסע „באַרישניע". איך האָב זיך אויך דערמאָנט, אַז מיין מוטער פלעגט אונז אָפט זאָגן, אַז זי און חנניה זיינען קרובים. ווי ווייט, אָדער נאָענט די קרובה'שאַפט איז געווען, האָב איך קיינ־מאָל ניט געקאָנט זאָגן. איך ווייס נאָר, אַז מיין מוטער פלעגט אונז דערציילן, אַז מיט אַ צייט צוריק איז געשטאָרבן אַ רייכער קרוב אירער, און האָט איבערגעלאָזן אַ צוואה, אַז מען זאָל צעטיילן צו זיינע אָרעמע קרובים צוויי מאָל אין יאָר — אויף ראש־השנה און אויף פּסח — אַ געוויסע סומע געלט. פלעגט חנניה געבן מיין פאָטער פינף רובל צוויי מאָל אַ יאָר, ווי אויך צו מיין פעטער אַלטער שאַפּמאַן און מסתמא צו נאָך אַזוינע ווייטע קרובים. אָבער אַחוץ דעם געדענק איך, אַז פון מיין פריסטער יוגנט איז פאַר מיר חנניה'ס הויז געווען אַ גרויסע צוציאונגס־קראַפט.

ערשטנס, האָבן זיי געהאַט אַ גרויסן סאַד אין פראַנט פון הויז, צווייטנס, פלעגט דער עלטסטער פון זייערע דריי זין, ישראל, שפּילן זייער גוט אויפן פידל. איך געדענק ווי איינמאָל אין אַ זומ־מערדיקן פרייטיק באַטאָג, גייענדיק מיטן פעקעלע וועש אין באָד אַריין, און דערהערנדיק ווי ישראל שפּילט אין סאַד אויפן פידל,

בין איך אַהין אַרייַז און געשטאַנען אַ לאַנגע צייט צוהערנדיק זיך ווי ער שפּילט, ביז וואַנען די גבירה'טע, טויבע־ראשע, איז צו מיר צוגעגאַנגען און מיר געזאָגט: „יעקב־לייב, דו ביסט געגאַנגען אין באָד — און ביסט פאַרגאַנגען אין סאָד" . . . האָב איז זיך גע־כאַפּט וואו איך בין אין דער וועלט און בין פון דאָרטן אַוועק.

אַ גאַנץ יאָר פלעג איך אומגעדולדיק וואַרטן אויף דער נאַכט פון שׂמחת־תורה, ווען מיין פאָטער פלעגט מיך נעמען צו חנניה'ן אויף כבוד (קיבעד). אַרום דעם גרויסן טיש מיט די הויכע זילבער־נע לייכטער, פלעגן זיצן די חשוב'סטע באַלעבאַטים פון שטעטל מיטן רב אויבנאָן. מ'האָט דאָרטן געגעסן וועטשערע, געזונגען און געטאַנצט אינעם גרויסן זאַל ביז אין דער שפּעטער נאַכט.

אַז איך פלעג זיך, אויף מאָרגן אינדערפרי אויפכאַפּן פון שלאָף פלעגט מיר נעמען זייער לאַנג ביז איך פלעג זיך דערמאָנען, אַז דאָס ליג איך אויף דער ברייטער קאַנאַפּע בא חנניה'ן איז גרויסן עס־צימער. מיין פאָטער און חנניה מיט זיין פרוי טויבע־ראשע, פלעגן שוין דאַן זיצן באַם טיש און געמיטלעך טרינקען די געשמאַקע, יום־טוב'דיקע קאַווע.

יעדן ערב ראש־השנה פלעגט מיך מיין פאָטער שיקן צו חנניה'ן נאָך אַ בינטל וויינטרויבן אויף צו מאַכן אויף דעם „שהחינו". ווען מיין מוטער פלעגט ליגן אין קינפּעט, פלעגט מען מיך ווידער שיקן צו חנניה'ן, וואו זיין ווייב טויבע־ראשע פלעגט מיר אָנגעבן אַ גאַנצן פּאַק מיט געגוצטע לייוונטן, סלאָיקעלעך מיט איינגעמאַכטס (וואַרעניעס) און פאַרשיידענע פלעשער מיט פאָרט־ווייַן (אמת, די פלעשער פלעגן זיין ניט גאָר קיין פולע) — אַלץ אויף דערקוויקן דאָס האַרץ פון דער קינפּעטאָרין.

אין אָט־דעם אַלעמען האָב איך זיך דערמאָנט ווען איך האָב איבערגעלייענט דאָס פּאָסט־קאַרטל פון חיה'קען קיסין.

בין איך מיר טאַקע געווען ניט פויל, און האָב באַלד נאָך דער אַרבעט זיך אַוועקגעלאָזט זוכן אַ צימער, אָבער אָן דערפאָלג. האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אין סמאָליענסק, אַרום וואָקזאַל, געפינט זיך א איד מיטן נאָמען פייגלסאָן, וועלכער האָט אַמאָל געוואוינט אין אָרשע. געהאַט האָט ער זיין ווייב מיט דריי קינדער — דער על־טערער, אַ זון פון אַ יאָר צוואַנציק, און ער איז געווען אַ נאָענטער חבר צו זעליק שאָפּמאַן, איין מיידל אין מיינע יאָרן און נאָך א

אינגערע מיידל פון אַ יאָר צען. דער פייגלסאָן האָט געהאַט באַ זיך אין הויז אַ מין קליינע אכסניה. די אורחים פון זיין אכסניה פלעגט ער אויפקלייבן אויפן וואָקזאַל. אַפּוואַרטנדיק די אָנקומענדיקע באַנען, פלעגט ער זיינע אורחים דערקענען לויט זייערע נעזער. אזוי ווי סמאָליענסק איז געווען אַ שטאָט וואו אידן האָבן באַדאַרפט האָבן „פּראַוועס" אויף צו זיין דאָרטן,, און אזוי ווי עס זיינען אַלעמאָל געווען גענוג אידן, קיין עין־הרע, וועלכע האָבן די „פּראַוועס" ניט געהאַט, פלעגט שוין די אכסניה פון דעם פייגלסאָן, זיין דאָס פּאַסיקסטע פּלאַץ וואו איינער האָט געקאָנט איינשטיין אַ טאָג אָדער צוויי ביז ער האָט דערליידיקט זיינע נויטיקע געשעפטן. צו דעם, פאַרשטייט זיך, האָט מען גערדאַרפט שטענדיק „אונטערשמירן" דעם סטאַראָזש, אזוי גוט ווי דער פּאָליצע פון יענעם באַצירק (אוטשאַסטאָק).

ביז איך אָוועק צו דעם פייגלסאָן. ווען איך האָב אים געמאָלדן מיין ענין וועגן די צוויי מיידלעך, האָט ער איינגעוויליקט צו לאָזן זיי איינשטיין באַ אים ביז וואַנען זיי וועלן זיך אַפּזוכן אַ פּאַסיקן צימער. זיינען זיי טאָקע ביידע — מיין קרובה חיה'קע קיסין און מיין קוזינע כאַשקע שאַפּמאַן — אינגיכן געקומען קיין סמאָליענסק. ביידע האָבן זיך שמאַרק פאַרענדערט אין משך פון די אַלע יאָרן. כאַשקע האָט דורכגעלעבט די שרעקן פון אַ פּאָגראָם, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1905 אין אָרשע, חיה'קע, ווידער, האָט דורכגעמאַכט די „קאָנסטיטוציע"־צייט אין דער שטאָט מינסק, וואו זי מיט איר ברודער אברהמ'ל, זיינען געווען טעטיק אין 'בונד'.

זיינען זיי איינגעשטאַנען עטלעכע טעג באַ די פייגלסאָנס ביז זיי האָבן זיך אויסגעזוכט אַ צימער.

איך פלעג זיי באַזוכן אין די אָוונטן. זיי האָבן פאַרבראַכט אין סמאָליענסק אַרום אַ יאָר צייט און אָוועקגעפאָרן, מיטנעמענדיק מיט זיך די דיפּלאָמען פון דער סמאָליענסקער גימנאַזיע. מיט די דיפּלאָמען האָבן זיי געהאַט דאָס רעכט צו פאַרנעמען שטעלעס אַלס לערער אין די תלמוד־תורות און ענלעכע שולעס וואו מען האָט די קינדער געלערנט רוסיש.

כאַשקע האָט טאַקע, אַ דאַנק דער דיפּלאָמע, באַלד געקראָגן אַ שטעלע אין דער אָרשער תלמוד־תורה, און חיה"קע, דעם גביר'ס טאָכטער, האָט באַלד חתונה־געהאַט — אַ זאַך, וואָס זי האָט גע־

קאַנט געווען טאָן אָן אַ דיפּלאָמע אויך. זי איז אָפּגעפאָרן מיט איר מאַן קיין מאָסקווע. היינט צו טאָג, איז מיין קרובה חיה, די פרוי פונעם באַוואוסטן אידישן שרייבער דניאל טשאַרני.

בין איך דאָן געבליבן אַליין פאַר אַ צייט צו בענקען נאָך מיינע צוויי ליבע יונגט־פריינט, וועלכע האָבן מיך ווי געטרייע שוועסטער, געצערטלט און געמונטערט אין מיין איינזאַמקייט. ווייל נאָך מיט אַ קורצער צייט פאַר זייער קומען קיין סמאַליענסק, האָט מיין עלטערער ברודער שוין געהאַט פאַרלאָזט די שטאָט און האָט זיך באַזעצט מיט אונזער מוטער און קינדער אין דער שטאָט מאָהילעוו אויפן דניעפּער. בין איך אַזוי ווידער געבליבן אַליין ביז סוף 1910, ווען איך האָב חתונה־געהאַט.

אין מאַי, 1912, האָב איך פאַרלאָזן סמאַליענסק, ווייל איך האָב זיך שוין געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו. ניט האָבנדיק קיין גרוים חשק צו גיין דינען אין סאָלדאַטן אין דער צאַרישער אַרמיי, זייענדיק שוין פאַרהייראַט און אַ טאַטע פון אַ פּיצל קינד, אַ מיי־דעלע, האָט מיר מיין ברודער געשיקט אַ שיפס־קאַרטע פון קאַנאַדע וואו ער איז שוין געווען פאַר עטלעכע יאָר צייט . . .

פאַר די צען יאָר זיינען פיל זאַכן אויך פאָרגעקומען אין דער הויז פון מיינע באַלעבאַטים. מרדכי־לייזער איז שוין געווען פאַר־הייראַט צו אַ זייער ליבלעכער פרוי, אַ מאָסקווער, און איז שוין געווען אַ טאַטע צו צוויי, צי דריי קינדער. באַטשע (באַצקל) האָט זיך שוין אומגעקערט פון מיליטער־דינסט. ראובן, זייענדיק אַ בוכ־האַלטער, האָט זיך געלאָזט קאָסטן געלט און האָט זיך „געמאַכט אָן אויג", ווען ער האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו. אַ דאַנק אָט־דעם „אויג" איז ער באַפרייט געוואָרן, און האָט געוואוינט בא דער פאַרהייראַטער שוועסטער קריינע־רישקע. מונקע האָט האָט געדינט אין סאָלדאַטן, און פרומע די אַלמנה, מיין באַלעבאָסטע, האָט זיך שטאַרק, זייער שטאַרק געעלטערט פאַר די לעצטע יאָרן.

ווען איך האָב זיך געהאַלטן אַרומגענומען מיט מרדכי־לייזער'ן, קושנדיק זיך „זייט־געזונט"־„פאָר־געזונט", האָב איך צו אים געזאָגט: — „נאָך איין וואונטש האָב איך, און דאָס איז, אַז ווען איך וועל קומען קיין אַמעריקע, זאָל איך דאַרטן אָנטרעפן אויף אַזאַ באַלעבאָס, ווי איך האָב געהאַט דאָס גליק צו האָבן אין אייער איידעלער פּערזאָן . . . "

איך קום קיין קאַנאַדע

אויגוסט, 1912, בין איך אָנגעקומען קיין מאָנטרעאָל, קאַנאַ־
דע. מיין ערשטער איינדרוק איז געווען, אז מאָנטרעאָל איז אַ
שטאָט מיט אַ גאַנץ באַדייטנדיקער אידישער באַפעלקערונג. קו־
מענדיק פון אַ רוסישער פּראָווינץ־שטאָט, וואו די אידן האָבן גע־
לעבט לויט דער באַוואוסטער פאָרמולע — „זיי אַ איד אין הויז,
און אַ מענטש אין גאַס", בין איך געוואָרן שטאַרק איבערראַשט,
ווען, אַרויסגייענדיק אויף ,מעין סטריט', האָב איך דערהערט, ווי
אידן רעדן נאָר אידיש, און ניט געצוימט, נאָר גראַדע אויפן הויכן
קול; אידישע געשעפטן מיט די שילדן געמאָלן מיט אידישע אותיות.
אָבער גאָר שטאַרק האָב איך באַוואונדערט די גרויסע פּלאַ־
קאַטן, געמאָלן מיט רויטע בוכשטאַבן און מיט גרויסע בילדער פון
אידישע אַקטיאָרן, וועלכע שפּילן אין דורכאויס אידישן טעאַטער,
אפילו מיט אַ ניט־אידישן נאָמען: „אַטלאַנטיק פּאַלאַס". דער
טעאַטער האָט זיך געפונען אין סאַמע צענטער פון מעין סטריט,
אין אַן אַלטער געביידע, וועלכע האָט געדינט אַמאָל אַלס אַ פּראָ־
טעסטאַנטישע קירך. ווי מען האָט געקאָנט זען פון די גרויסע
אַפישן, איז די פּרימאַדאָנע פון דעם טעאַטער געווען מאַדאַם זיבל,
וועמענס בילד איז געדרוקט געווען אין רעכטן מיטן, מיט אַ רינג
פון רויטע שטערנדלעך אַרום דעם שיינעם פּנים.
בין איך באַ דער ערשטער געלעגנהייט געגאַנגען אין אידישן
טעאַטער, אַ זאַך וואָס איז געווען אינגאַנצן ניי פאַר מיר. גע־

שפּילט האָט מען דאָרטן, מערסטנס אָפּערעטעס, ווי „בר־כוכבא״, „שולמית״ און „דוד׳ס פידעלע״.

אין „דוד׳ס פידעלע״, איז מאַדאַם זיבל ארויס אויף דער בינע, אָנגעטאָן ווי אַ פּאַסטוך, מיט אַ לאַנג און ברייט העמד, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ רויטן גאַרטל, און האַלטנדיק אין האַנט אַ הויכן קרומען שטעקן. זי איז געווען זייער אַ שיינע פרוי, שוין אין די מיטעלע יאָרן, או קערפּערלעך הויך און ברייט־פּלייצעדיק, וואָס דאָס האָט גאָרניט האַרמאָנירט מיט דער ראָל פון דוד דאָס פּאַסטעכל. אָבער ווען זי האָט אָנגעפאַנגען צו זינגען מיט איר זיסער סאָפּראַנאָ־שטימע, „ אַ פּאַסטעכל בין איך״, האָט זי ממש באַצויבערט דעם עולם. זי איז געווען אַ זייער באַגאַבטע שוישפּילערין. אויך די מענער מיט־שפּילער זיינען געווען טאַלאַנטפולע אַקטיאָרן, מיט וואונדערבאַרע שטימען, צוגעפּאַסטע צו די פאַרשיידענע ראָלן פון די דאַמאָלט פּאָפּולערע „אָפּערעטעס״.

דער אידישער טעאַטער האָט מיך אָנגעפילט מיט פרייד און באַגייסטערונג אין גאָר די ערשטע וואָכן פון מיינע גרינע יאָרן אין קאַנאַדע. אמת, מיין באַגייסטערונג פלעגט שטאַרק געשטערט ווערן, ווען באַם אָנפאַנג פונעם לעצטן אַקט, פלעגט ארויסגיין אויף דער בינע, אַן עלטערער מאַן, און אין אַ זייער פּאַטעטישן טאָן אַפּעלירן צום „ווערטהען פּובליקום״, צו שטיצן דעם אידישן טעאַטער. „גיט אונז אַ טשענס, צו מאַכן אַ לעבן, פאַרפעלט ניט צו באַזוכן אונזערע פאָרשטעלונגען — אַ דאַנק!״. זיי פלעגן שפּילן דריי אָדער פיר מאָל אין דער וואָך, אָבער עס פלעגט נאָר זיין אין די פרייטיק און שבת אָוונטן, ווען עס איז געווען גוט באַזוכט. אין די אַנדערע אָוונטן, פלעגן זיי שפּילן פאַר אַ גאָר קליינעם עולם.

:: :: ::

עס איז געווען אין יענעם זומער פון 1912 ווען די אידישע שניידערס פון מאָנטרעאַל, האָבן דורכגעפירט דעם ערשטן גענעראַל־סטרייק פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען. זייענדיק אין נאָענטער שכנות מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, איז קאַנאַדע געוואָרן אָפּהענגיק אין איר אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון איר

רייכן שכן. איז דארום איך דער סטרייק פון די מאַנטרעאַלער שניידער געווען אַלס רעזולטאַט פון די גרויסע סטרייקן, וועלכע זיינען פאַרגעקומען יענעם יאָר אין ניו־יאָרק און אין די אַנדערע גרעסערע שטעט.

אונטער דער פירערשאַפט פון די שניידער־יוניאָנס, וועלכע האָבן ערשט אַנגעהויבן צו באַפעסטיקן זיך, זיינען די גרויסע אַר־בעטער־מאַסן, סיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן און סיי פון קאַ־נאַדע, אַרויס אין סטרייק מיט דעם הויפּט־ציל צו אָפּשאַפן איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל די טרויעריק באַרימטע שוויץ־שאָפּ סיסטעם — די שוויץ־שעפּער, אין וועלכע די אַרבעטער האָבן געאַרבעט אונטער די שווערלעכסטע באַדינגונגען.

האָט מען אָפּגעסטרייקט דעם גאַנצן זומער און געוואונען מער מענטשלעכע באַדינגונגען פון אַרבעט. איז פאַרשטענדלעך, אַז נאָך אַזאַ לאַנגן סטרייק איז געוואָרן שטאַרק „ביזי" בּאַ שניי־דעריי. ווען נאָר איך פלעג אַרויסגיין אויף מעין סטריט, פלעג איך נאָר הערן אַלעמען רעדן וועגן שניידעריי.

ניט באַזיצנדיק די קונסט פון שניידעריי, פלעג איך מקנא זיין די מענטשן וואָס האָבן ערשט דורכגעמאַכט אַ זיגרייכן קאַמף און וואָס האָבן מיט באַגייסטערונג געמאָלדן איינער דעם אַנדערן, אַז מען האָט שוין אָנגעפאַנגען צו אַרבעטן אונטער פיל בעסערע באַדינגונגען.

איבערהויפּט פלעג איך אַרויפקוקן מיט אַ באַזונדערן דרך־ארץ צו איינעם וואָס איז געווען אַ שניידער פון דער אַלטער היים. אַזאַ איינער האָט זיך פאַררעכנט פאַר דעם גרעסטן יחסן, פאַר דעם אַריסטאָקראַט פון דער גרויסער שניידערישער משפּחה. אָבער אַלע אַנדערע „גרינע" האָבן זיך דאָן גרינג אַריינגעגלידערט אין דער שניידערישער משפּחה. ווער עס איז געוואָרן אַן אָפּערייטאָר, ווער אַ פּרעסער, ווער אַ בייסטער, אָן אונטערשייד פון געשלעכט אָדער עלטער . . .

אָבער עס האָט פּאַסירט, אַז מיין גוטער ברודער האָט נאָך פון פריער אויפגעזוכט פאַר מיר אַ פּלאַץ בּאַ זיינעם אַ באַקאַנטן באָקס־מעיקער, ווייל אַ קעסטל־מאַכער בין איך דאָך פון דער היים.

בין איך שוין אויפן דריטן טאָג פון מיין אָנקומען אַוועק און גע־שטעלט זיך אַרבעטן בײַ מיין ערשטן אַמעריקאַנער באַלעבאָס, אָדער ווי מען רופט עס קורץ און שאַרף — „באָס". אַליין נאָך כמעט אַ גרינער איז מיין באָס געווען אַ פּוילישער איד. האָב איך נאָך געמוזט אַחוץ לערנען זיך ווי צו רעדן ענגליש, לערנען אויך די שפּראַך פון די פּוילישע אידן. ווען איך בין אַריינגעקו־מען אין זיין קליינער שאַפּקע מאַנטיק אין דער פרי און ער האָט מיר געהייסן „אַנצושפּאַלטן" קאַרטאַן, האָב איך ניט געוואוסט וואָס ער מיינט. בײַ אונז שפּאַלט מען האָלץ, אָדער מען שפּאַלט אַ קאָפּ. אָבער קאַרטאַן האָט מען בײַ אונז געשניטן.

געווען איז מיין ערשטער באָס, עטוואָס העכער פון מיטעלן וואוקס, זייער אַ דאַר מענטשל, וואָס מען רופט „פון הויט און ביינער". זייער אַ פלינקער אין זיינע באַוועגונגען, וואָס איך האָב באַטראַכט ווי אַ גאַנץ נאָרמאַלע זאַך. אין אַמעריקע מוז מען זיין פלינק און עלאַסטיש, ווייל עס איז דאָך אַ לאַנד פון יאָגן און לויפן. אָבער גאָר ניט נאָרמאַל האָט זיך מיר אויסגעוויזן די אָרעמקייט און די קליינקייט פון דער שאַפּקע פון מיין אַמעריקאַ־נער באָס, מיסטער מאָרים. ווען איך בין אַריינגעקומען זיבן אַזייי־גער אין דער פרי, דעם ערשטן טאָג מאַנטיק, האָט שוין מר. מאָרים געאַרבעט. ער האָט מיר געגעבן אַן אַרבעט, אויפצושטעלן באָק־סעס אויף אַ דראָט־מאַשין, וואָס איך האָב באַטריבן מיט דער קראַפט פון מיינע פיס.

אין מיין ערנסטן באַגער אויסצוטויגן זיך אין אַמעריקע — און זייענדיק אויסגערוט פאַר גאַנצע פיר מאָנאַטן, וואָס עס האָט געדויערט מיין רייזע — האָב איך זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַר־בעט מיט מיינע גאַנצע „גרינע" כוחות. איז באַלד צוגעגאַנגען דער באָס, און האָט מיר געזאָגט: „אַרבעט ניט אַזוי שטאַרק, ווייל פון אַזוינע שטאַרקע זעץ, קאָנסטו נאָך צעברעכן די מאַשין". בין איך אוודאי געווען צופרידן פון אַזאַ פאַרשלאָג. אויב אַזוי, אַרבעט איך נאָך שנעלער, איידער ער האָט דערוואַרט.

אַרום אַכט אַזייגער איז אַריינגעקומען זיין איינציקע אַרבע־טער־מיידל. אַזוי ווי זי איז אַריין און האָט דערזען מיך אַרבעטן, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דער טיר און זיך פאַנאַנדערגע־

וויינט. האָב איך געפרעגט דעם באָס, פאַרוואָס זי וויינט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז „זי איז אַ צעדרייטע מיידל" — זי האָט אים לעצטן שבת געבעטן אַ רעיז (אַ הוספה) האָט ער איר געזאָגט, אַז ער וועט זען די וואָך וועגן דעם. דערפאַר וויינט זי, ווייל איצט ווייסט זי דאָך, אַז זי וועט דעם רעיז ניט קריגן.

מיסטער מאָרים איז צוגעגאַנגען צו איר און אַ קוויטשע געטאָן אויף זיין פּוילישן אַקצענט: „דו גייסט אַרבעטן, צי ניט?, וואָס מאַכסטו דאָס פאַר א מאָנקי ביזנעס!" די אָרעמע מיידל האָט אָפּגעווישט אירע טרערן, האָט אָנגעטאָן איר פאַרטעך און געשטעלט זיך אַרבעטן. האָב איך אַזוי אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצע וואָך, און ווי מיר האָט זיך געדאַכט, איז אַלץ געווען אין בעסטער אָרדנונג. ווען איך בין אָבער געקומען שבת, נאָך זעקס אַזייגער, אַהיים (כ'האָב געמאַכט יענע וואָך איבער זעכציק שטונדן אַרבעט), און דער ברודער האָט דערזען, אַז אין מיין פּעי־ענוועלאָפּ איז געווען נאָר זיבן דאָלער, האָט ער אויסגערופן: „טו העל וויט הים, דאַט באַסטערד!" (זאָל ער גיין צום טייוול, דער ממזר!), וועסט ניט אַרבעטן באַ אים פאַר אזא נישטיקן לוין!"

:: :: ::

מיין ברודער איז שוין געווען אין לאַנד באַ אַ פינף יאָר. ער איז געקומען פון מאָהליוו־אויפן־דניעפּר, וואו ער האָט געוואוינט מיט אונזער מוטער און די קלענערע קינדער. ער האָט אין מאָהליוו געהייראַט און איבער דעם וואָס ער האָט זיך באַדאַרפט שטעלן צום „פּריזיוו", האָבן זיין פרוי'ס ברידער צוגעשיקט אים שיפס־קאַרטן אויף צו קומען קיין קאַנאַדע. צוזאַמען מיט מיין ברודער און זיין יונג ווייבל, איז אויך געקומען אַ איינגערע שוועסטער אירע מיט איר מאַן. מיין שוועגערן האָט געהאַט אין מאָנטרעאַל דריי ברידער, וועלכע זיינען געקומען נאָך מיט יאָרן פריער, פון לאָנדאָן. די אַלע דריי ברידער זיינען געווען סטאָליאַרעס (קאַרפּענטערס) און האָבן געאַרבעט אין די באַנען־שעפּער פון דער קאַנאַדער פּאַציפישער אייזנבאַן (סי.פּי.אַר.). די דריי ברידער, אין די דרייסיקער יאָרן, זייער געזונטע, ענערגישע מענטשן, מיט זייערע פרויען און קינדער, האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, ווי געטרייע זין פון איין טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן שוין גע־

רוט אין זייערע קברים אין דער אַלטער היים. מיט מיין ברודער׳ס און דעם שוואָגער׳ס אָנקומען, איז די משפחה פאַרגרעסערט געוואָרן, און איז שוין באַשטאַנען פון אַזוי גרויס ווי פינף פאַמיליעס. די ערשט אָנגעקומענע צוויי פאַמיליעס, וואָס די פרויען זיינען געווען צוויי שוועסטער, האָבן זיך באַזעצט אין איין וואוינונג.

אַזוי ווי פילע אַנדערע פון די ערשטע אימיגראַנטן אין קאַנאַדע, האָט אויך די משפחה פון די נייע פינף פאַמיליעס גע׳חלומ׳ט וועגן באַזעצן זיך אויף ערד. עס איז געווען די געזעלשאַפט „איקאַ״, ווי אַן אָפּטיילונג פונעם „באַראָן דע הירש אינסטיטוט״ וואָס האָט זיך באַמיט צו באַזעצן אידן אויף ערד. אונטער דעם לאָזונג פון קאָלאָניזאַציע האָט די „איקאַ״ באַוויזן צו איינאָרדענען גרופּעס אידן, און געהאָלפן זיי סיי פינאַנציעל און סיי טעכניש, צו ווערן קאַנאַדער פאַרמערס, שאַפנדיק אַזוי אַרום גאַנצע קהילות, פון אַ נייעם דור אידן . . .

ליידער האָט זיך אַרויסגעוויזן שוין באַלד נאָך אין די ערשטע יאָרן, אַז די אייניקע קליינע גרופּעס, וועלכע זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון דער „איקאַ״, האָבן געליטן שטאַרקע דורכפאַלן, אַזוי אַז היינט־צו־טאָג, ווי מיר ווייסן, זיינען ניטאָ קיין פילע אידישע פאַרמערס אין קאַנאַדע. אָבער באַווירקט, מיט די נאָבעלע שטרעבונגען פון יענער צייט, האָבן זיך די פינף פאַמיליעס אונזערע אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק צו באַזעצן זיך אויף ערד. האָט מען איין פרימאָרגן געלייענט אין אַ צייטונג, אַז עס פאַרקויפט זיך אַ פאַרם פאַר זייער אַ ביליקע פּרייז, האָבן זיי ניט לאַנג געטראַכט, מיט קיינעם זיך ניט גע׳עצה׳ט, אָפּגעקויפט אַ גאַנץ גרויסן פאַרם. זיינען די דריי ברידער געוואָרן „איבער נאַכט״ פאַרמערס, און מיין ברודער מיטן שוואָגער זיינען דערווייל פאַרבליבן אין שטאָט, כדי זייערע פאַרדינסטן זאָלן דינען ווי דער פינאַנציעלער באַזיס אין וועלכן די פאַרמעריי האָט זיך גענויטיקט.

דער פאַרם איז באַשטאַנען פון אַ גרויסער הויז, מיט אַ גרויסער נחלה ערד, מיט פילע קי, פערד און עופות. וואָלט אַלץ געווען זייער גוט, האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז קיינער פון די נייע פאַרמערס האָט ניט געהאַט די קענטעניש, און ניט דעם חשק

צו אַרבעטן, אַזוי ווי פאַרמערס דאַרפן אַרבעטן. די קי אַלס אַזעל־כע, ווילן, אַז מענטשן זאָלן זיי מעלקן. די פערד, פון זייער זייט, פאַרלאַנגען זייער טעגלעכע פאַרציע האָבער. און די טייערע מאַמע־ערד פאָדערט, אַז די מענטשן־קינדער זאָלן איר אויפאַקערן און פאַרזייען אין איר די נויטיקע קערנער, כדי זי זאָל קאָנען אַרויס־געבן פון זיך דאָס ברויט צו זעטיקן מיט דעם — מענטש און חיה. אָט אויף די אַלע נאַטירלעכע אַרבעטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז קיינער פון די נייע פאַרמערס גאָרניט פאַסיק געווען. צי זיי האָבן זיך געפוילט, צי זיי האָבן ניט געקאָנט, אַזוי צי אַזוי, דער סוף איז געווען, אַז גאָר אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען די דריי פאַ־מיליעס אויפגעשטאַנען איין פרימאָרגן, האָבן איינגעפּאַקט זייערע זאַכן, און האָבן פאַרלאָזן דעם פאַרם אויף גאָט'ס באַראָט.

די מעשה פון מיין ברודערס פאַרמעריי האָב איך געוואוסט נאָך פון די בריוו, וואָס איך פלעג דערהאַלטן פון אים נאָך זייענ־דיק אין סמאָליענסק. איצט, ווען איך בין געקומען צופאָרן אין קאַנאַדע, איז שוין געווען „נאָך אַלעמען". דער ברודער מיט זיין פרוי ווי געזאָגט, האָט נאָך געוואוינט צוזאַמען מיט דעם אינגערן שוואָ־גער, וועלכער איז געווען אַ סטאָליער באַם פאַך, און האָט דאַרום אויך געאַרבעט אין די וואַגאָנעס־פאַבריקן פון דער סי. פּי. אַר.

מיין שוועגערן, זייער אַ ליבלעכע פרוי, אָבער פון אַ זייער פּראַקטישער נאַטור, האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט מיר געבן עסן די ערשטע פיר וואָכן אומזיסט, ווערליג אַן אורח. (מכנים־אורח, איז אַלעמאָל אַ גרויסע מצווה באַ אידן) און אַז נאָך די פיר וואָכן, וועל איך דאַרפן צאָלן פינף דאָלער אַ וואָך פאַר עסן און פאַר אויפהאַלטן זיך באַ איר, ביז וואַנען איך וועל באַוויזן אַראָפּצו־ברענגען מיין פאַמיליע. בין איך געווען שטאַרק צופרידן און דאַנקבאַר פאַר איר גוט האַרץ. ווייל, נאָך אַלעמען, איז דאָך מיין ברודער געווען ניט מער ווי אַן אַרבעטער, אַ פּלאָמבער, און ווי אַלע אַרבעטער פון יענער צייט, האָט ער פאַרדינט נאָר דאָס נויי־טיקסטע לעבנס־מיטל . . .

מיין ברודער, ווי פריער געזאָגט, איז געוואָרן שטאַרק אויפ־

געבראַכט אויף דעם מיסטער מאָרים פאַר געבן מיר נאָר זיבן דאָ־לער פאַר אַ לאַנגער וואָך אַרבעט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מאַנטיק וועט ער גיין זוכן אַן אַנדער פּלאַץ פאַר מיר. האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט מאַנטיק, גאַנץ פרי, איבער די לאַנגע גאַסן פון שטאָט, באַזוכנדיק ביז אַ האַלבן טוץ פאַרשיידענע פּלעצער, זיינען מיר אַריינגעקומען אין אַ קליין פאַבריקל פון פּעיפּער־באָקסעס. די אַרעמקייט פון דעם פאַבריקל האָט אויף אונז געמאַכט אַ טרויעריקן איינדרוק. עס איז אונז אַנטקעגן געקומען אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן און האָט זיך אָפּגערופן צו מיין ברודער: „מר., אויב איר ווילט טאָן אַ גרויסע טובה אייער גרינעם ברודער, נעמט אים אָפּ פון די פּעיפּער־באָקסעס, ווייל דאָס איז די ערגסטע אינדוסטריע אין דער וועלט. פאָלגט מיך, און איך ווינטש אייך ניט קיין שלעכטס, ווייל איך האָב דערצו קיין אורזאַך, פאָלגט מיך, און זוכט אויס פאַר אים אַ פּלאַץ בּאַ שניידעריי, שניידעריי איז אַ לייטישע אַרבעט. דאָס איז אַ פאַך, וועלכער איז אַממערסטן צו־געפּאַסט פאַר אַ אידן” . . .

אַרויסגייענדיק פון יענעם פאַבריקל, רופט זיך אָן מיין ברו־דער, אַז ער דענקט, אַז דער מאַן איז גערעכט. דערביי האָט ער זיך דערמאָנט אָן איינעם אַ באַקאַנטן, אַ מיסטער בערמאַן, וואָס איז אַ קאָנטראַקטאָר פון מענערשע וועסטן. זיינען מיר אַוועק צו דעם מר. בערמאַן. דורכגייענדיק אַ גאַנצע ריי שמאָלע שמו־ציקע גאַסן, אין דעם נידעריקן טייל פון שטאָט, זיינען מיר אַרויף אויף אַ פערטן שטאָק פון אַ הויז, וואו אין דעם פאָדערשטן חדר, זיינען געשטאַנען עטלעכע ניי־מאַשינען, און עס האָבן געאַרבעט צוויי מענער און איין פרוי.

מיסטער בערמאַן, אַ הויכער דאַרער מאַן, האָט זיך אַרומ־געכאַפּט מיט מיין ברודער: „העלאָ, העלאָ! וואָס'ט איר זאָגן עפּעס גוטס?” מיין ברודער שלאָגט פאַר מיסטער בערמאַנ'ען, ער זאָל מיך אַריינגעמען פאַר פיר וואָכן צייט, אָן קיין באַצאָלט, און זאָל מיך אויסלערנען די מלאכה פון מאַכן מענערשע וועסטן. דער־הערט דעם פאָרשלאַג, האָט מיסטער בערמאַן באַלד צוגעשטימט:

„אוודאי גוט, זאָל ער אַריינקומען מאָרגן פרי, און איר וועט זען, אַז אייער גרינער, וועט פאַר די פיר וואָכן ווערן אַן ערשט־קלאַ־סיקער וועסטן־מאַכער".

אַפּדאַנקענדיק און זאָגנדיק „גוד־באַי", זיינען מיר אַרויס פון מיסטער בערמאַנ'ס שאַפּ. „וואָס אַרט דיך" — האָט מיט מיר איינגע'טענה'ט דער ברודער — „פיר וואָכן דאַרפסטו דאָך ניט צאָלן פאַרן עסן. און אין די פיר וואָכן, וועסטו זיך האָבן אויס־געלערנט די מלאכה פון שניידעריי, און דאָן הויבסטו אָן צו מאַכן געגנוג געלט". אויס מיין גרויסער אַכטונג און ליבע, האָב איך ניט געוואָגט צו ווידערשפּרעכן מיין ברודער אין זיינע גוטע כוונות, און האָב צוגעשטימט צו טאָן אַזוי ווי ער האָט געהייסן.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי, ווען איך בין אַריינגעקומען אין בער־מאַנ'ס שאַפּ, האָט מיר אַ מאַן געגעבן אַ מאַשין און האָט מיר גע־וויזן, ווי אַזוי מען מאַכט אַ גלייכן זוים. די מאַשין, באַטריבן מיט עלעקטרע, האָט מיך באַלד ווי טויב געמאַכט מיט איר קלאַפּן. אָבער אין אַ פּאָר שטונדן אַרום, האָט זיך מיין אויער צוגעוואוינט צום טומל, און איך האָב אָנגעהאַלטן דאָס שטעפּן, אויף פאַרשיי־דענע שטיקער לייוונט, וועלכע דער מאַן האָט מיר געגעבן. און אַזוי האָב איך אָפּגעשטעפּט ביז צוועלף אַזייגער. ווען איך בין צוריקגעקומען איינס אַזייגער, האָט מיר דער מאַן דערלאַנגט אַ גאַנצן פּאַק מיט גלאַט־צוגעשניטענע, קאַנוס־אַרטיקע שוואַרצע פּאַסיקעס לייוונט. ער האָט מיר געוויזן ווי אַזוי מען נעמט אַ פּאַסיק, און מען לייגט עס צונויף אויף צוויי גלייכע חלקים און, צופירנדיק עס צום נאָדל פון מאַשין שטעפּט מען אָפּ אַ גלייכן זוים אין דערמיט פונעם פּאַסיק. און אַזוי ווערט געשטעפּט איין פּאַסיק נאָך אַנדערן.

האָב איך אָפּגענייט אַ גאַנצן טאָג אפשר אַ טויזנט פּאַסיקעס, האַלטנדיק זיי צוזאַמען, אַזוי ווי אַ לאַנגן ענדלאָזן שנור. די אַלע פּאַסיקעס פלעגט דער מאַן צונעמען פון מיר, און איך האָב געזען ווי נייענדיק די וועסטן, רייסט ער אָפּ צוויי פּאַסיקעס פו מיין לאַנגן שנור, און נייט זיי אַריין צום לייוונטן טייל פון דער וועסט.

וואָס קומט אויס צום רוקן. צום עק פון איינעם פון די צוויי פּאַסיקעס פלעגט ער צונייען אַזאַ מעטאַלענע ספּראַנטשקע. דער נוצן פון די פּאַסיקעס איז באַשטאַנען אין דעם, כדי צו קאָנען מאַכן שטייפער, אָדער לויזער, די וועסט, וועדליג ווי איינעמס באַקוועמלעכקייט.

היינט־צו־טאָג ווערן וועסטן גאַנץ זעלטן גענוצט, אויב אַנדע־רע נוצן נאָך אַ וועסט, ווערט עס געמאַכט אָן די פּאַסיקעס. אָבער אין יענע יאָרן האָב איך געהאַט דאָס מזל אָפּצופּאַסיקן פאַר גאַנצע פיר וואָכן צייט בײַ דעם מיסטער בערמאַן, וואָס זיין שאַפּ איז געווען צוזאַמען מיט זיין וואוינונג.

כ׳האָב אָפּגעאַרבעט גאַנצע פיר וואָכן אָן קיין באַצאָלט. אמת, ערב ראש השנה, ווען איך האָב אים געוואונטשן אַ לשנה טובה, אים און זיין יונג ווייבל, וועלכע האָט ערשט פרום אָפּגעבענטשט ליכט, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ זילבערנעם האַלבן דאָלער. „דאָס איז דיר, צו גיין אין טעאַטער אריין”, האָט ער מיר העכסט־גוט־מוטיק געזאָגט.

ווען איך בין יענעם פאַרנאַכט געקומען אהיים און, זעענדיק אַז מיין ברודער איז נאָך ניטאָ פון דער אַרבעט, האָב איך זיך אָנ־געהויבן באַקלאָגן פאַר מיין שוועגערן און איר שוועסטער, אַז אַט־די פיר וואָכן זיינען אַוועק און אַלץ וואָס איך קאָן אין דער מלאכה פון שניידעריי, איז שטעפּן פּאַסיקעס. ווען מיין שוועגערנ׳ס שוועסטער, פּעני האָט עס דערהערט, האָט זי אויסגערופן: „אָבער איך האָב פריער געוואוסט, אַז אַזוי וועט פּאַסירן. דאָס האָט מיס־טער בערמאַן געקאָנט אָפּנאַרן נאָר מיין ברודער, אָבער מיך” — האָט זי געזאָגט — „וואָלט ער שוין אַזוי גרינג ניט אָפּגענאַרט, ווייל איך ווייס גוט וואָס עס טוט זיך אין די אַמעריקאַנער שעפּער”.

פּעני האָט שוין געהאַט געאַרבעט פאַר אַ געוויסער צייט איז אייניקע שעפּער, האָט זי מיר געזאָגט, אַז באַלד נאָך יום־טוב, וועט זי גיין מיט מיר צו אירן אַ באַקאַנטן קאָנטראַקטאָר, וואו איך וועל קריגן באַצאָלט פון דעם ערשטן טאָג אַרבעט. אויף מאָרגן נאָך ראש השנה האָט זיך פּעני אָנגעטאָן אין אירע בעסטע קליידער, האָט זיך אָנגעפּאַרבט אירע בלאַסע באַקן אויף העל־רויט און אָנגעשמירט אירע דינע ליפּן מיט טונקל־רויטער פּאָמאַדע און

האָט מיך גענומען צו אירן אַ באַקאַנטן, אַ מיסטער אייראַן, וועל־כער האָט פאַרוואַלטעט מיט דער וועסטן־אָפּטיילונג פון אַ גרויסער קליידער־פאַבריק. נאָכפאָרגענדיק זיך אין דעם גרויסן אָפּיס אויף דעם מיסטער אייראַן, האָט מען אונז געהייסן זעצן זיך אויף אַ לאַנגער באַנק און וואַרטן ביז מיסטער אייראַן וועט זיין פריי צו זען אונז . . .

אָפּוואַרטנדיק באַ אַ האַלבער שטונדע, האָבן מיר דערזען אָנ־קומען אַ זייער הויכן און דיקן מאַן. ער האָט געפרעגט פעני׳ן וואָס איר פאַרלאַנג איז, האָט אים פעני איבערגעגעבן, אַז איך בין אַ גרינער, און אַז איך קאָן שוין שטעפּן פּאַסיקעס צו די וועסטן. „אָלראַיט״, — האָט מיסטער אייראַן אַרויסגערעדט פון זיין גרויסן מויל, וואָס איז האַלב פאַרשטעקט געווען מיט אַ זייער גראָבן סיגאַר — „זאָל ער קומען מאָרגן צו דער אַרבעט״.

ווען איך בין אויף מאָרגן, זיבן אַזייגער אינדערפרי, געקומען צו דער אַרבעט, האָט מיר אַ הויכע, געליימטע אויף אַ פוס, שוין אַן עלטערע מיידל, מיט געלבלעך־גרויע שיטערע האָר, פאַרקאַמטע אויפן קאָפּ מיט צוויי גלייכע טיילן אין מיטן אָנגעוויזן אויף אַ מאַשין, וועלכע איז געשטאַנען אינמיטן פון אַ לאַנגער ריי מאַ־שינען. זי האָט מיר צוגעטראָגן אַ פּאַק פון קאַנוס־אַרטיקע שוואַר־צע שטיקער לייוונט, און איך האָב זיך געזעצט אַרבעטן. איך האָב זיך געפונען צווישן אַ גאַנץ היבשן עולם פון אַרבעטער, וועלכע האָבן שוין געהאַלטן אין שטעפּן אויף די ניי־מאַשינען, מיט זייערע קעפּ אַריינגעטאָן או מיט די רוקנס שטאַרק איבערגעבויגן איבער די רוישיקע מאַשינען.

די אַרבעטער זיינען געווען פוןביידע געשלעכטן און פון פאַר־שיידענע נאַציאָנאַליטעטן. צו מיין רעכטער האַנט האָט געשטעפּט אַ יונג מיידל וואָס האָט גערעדט פּויליש. צו מיין לינקער האַנט, האָט געשטעפּט מיט התמדה, אַ הויכער, דאַרער בחור, וואָס האָט גערעדט איטאַליעניש.

די גרויסע קליידער־פאַבריק וואו עס האָבן געאַרבעט איבער צוויי טויזנט מענטשן, איז באַשטאַנען פון פאַרשיידענע אָפּטיי־לונגען, וואו מען האָט געמאַכט העמדער, און היטלען און מענערשע קליידער. אין דער וועסטן־אָפּטיילונג אַליין האָבן געאַרבעט אַרום הונדערט מענטשן. ניט אַכטנדיק אויף דעם גרויסן סטרייק פונעם

לעצטן זומער, האָט די פאַבריק נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן די סוועט־שאַפּ סיסטעם. מען האָט נאָך אַלץ געאַרבעט פון זיבן פרי ביז זיבן אין דער נאַכט. די שכירות זיינען געווען באַזירט אויף שטיק־אַרבעט.

יעדער פון די אַרבעטער האָט געאַרבעט מיט אַלע כוחות, האָט זיך שטאַרק געאײלט, און געוואָלט אַריבעריאָגן די אַנדערע. עס איז געווען אַ דורכאויס אַבזיכטלעכער געיאָג פון איינעם נאָכן אַנדערן. ווען, למשל, צוויי אַרבעטער האָבן געשטעפּט דעם זעלבן טייל פון דעם וועסט, פלעגט מען באַלד אין דער פרי געבן אַ זאָג: „וואָנט טו רייס?״, און מען האָט אָנגעהויבן צו „שיסן״ מיט אַלע כוחות, יאָגנדיק און אַריבעריאָגנדיק איינער דעם צווייטן . . . ביז איך אויך מיטגעלאָפן מיט דעם גאַנצן יאָגנדיקן און לויפנדיקן שטראָם, און האָב געשטעפּט מיינע פּאַסיקעס צום ריטם פונעם גערדריי און קלאַפּן פון מיין עלעקטרישער ניי־מאַשין.

ווען איך פלעג אַרויסגיין אויף גאַס נאָך דער אַרבעט פלעגט זיך מיר דרייען דער קאָפּ אַזוי ווי בײַ אַ שיכור. דאָס קלאַפּן פון די מאַשינען פון איין זייט און דער שטיקנדיקער ריח פון די גאַזן, מיט וועלכע עס פלעגן באַהייצט ווערן די פּרעס־מאַשינען, און צו דעם ריח פון די גאַזן, דער געשטאַנק פון זייף, אָדער פון אַזאַ געלן וואַקס, וואָס די פּרעסערס פלעגן באַנוצן אויף צו שמירן די פּרעס־אײַזנס, כדי זיי זאָלן זיך בעסער גליטשן איבער דער פלאַך פונעם בגד — דאָס אַלץ פלעגט אָנמאַכן אַ גערדיכטן בלויען רויך און האָט פאַר׳סמ׳ט די לופט פון דער פאַבריק. אָבער צו ענדע וואָך איז אין מיין פּעי־ענוועלאָפּ געווען צען דאָלער. ניט קיין שלעכטער לוין פאַר יענע צייטן. בין איך שוין דאָרט געבליבן אַרבעטן.

אַפּאַרבעטנדיק בײַ אַ צוויי מאָנאַטן אין דער וועסט־אָפּטייַלונג, בין איך געווען אַ פּאַסיווער צושויער פון אַ מין קליינער רע־וואָלוציע וואָס עס איז דאָרט פאָרגעקומען. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די שניידער־יוניאָן האָט אָפּגעהאַלטן אַן אַנטשיידענעם זיג אויך אין דער גרויסער פאַבריק. עס איז געווען אין איינעם אַ מאָנטיק אינדערפרי, ווען מיר זיינען געקומען צו דער אַרבעט, האָבן מיר שוין ניט אָנגעטראָפן דאָרט ניט דעם מיסטער אייראָן, און ניט די הינקענדיקע געלע פרוי. אויף זייער פּלאַץ איז אונז

אנטקעגן געקומען א דיקלעכער מאן מיט א סיגאר אין מויל, און באגריסנדיק אונז אלעמען, האט ער געמאלדן אז זיין נאמען איז מיסטער גאלד, און אז פון היינט־אן וועט מען ארבעטן פון דער וואך, דאס הייסט, אז מען וועט קריגן באצאלט פאר די שטונדן וואס איינער וועט מאכן דורך דער וואך. דערביי האט ער אונז געהייסן גיין אין דער יוניאן און צוריק ברענגען פון דארט א מיט־גלידס־ביכל. ווייל אן דעם קאן מען ניט ארבעטן בא אים. האבן מיר אים אויסגעפאלגט און געווארן מיטגלידער אין דער „אמע־ריקען פעדערעישאן אוו לעיבאר", וועלכע איז געווען, אונטער דער פירערשאפט פון סעמועל גאמפערס אין דער שטאט ניו יארק.

צוריקגעקומען, האבן אלע באוויזן דאס רויטע ביכעלע צו מיסטער גאלד'ן, וועלכער האט געהאלטן א רעדע אין ענגליש, אז די פאבריק איז איצט א יוניאן־פלאץ, אבער, אין דער זעלבער צייט, וועט מען פירן א גוטן חשבון פון יעדן איינעמ'ס ארבעט. מען האט א גענויע רעכענונג וויפיל ארבעט עס דארף אפגעטאן ווערן דורכן טאג. אויב עמעצער וועט זיין הינטערשטעליק אין זיין ארבעט, וועט אים ניט העלפן זיין יוניאן־ביכל, און ער וועט אפ־געזאגט ווערן. אויב אזוי, האב איך ווידער געשטעפט מיינע פא־סיקעס מיטן זעלבן אימפעט, ווי פריער . . .

שטעפנדיק אזוי מיינע פאסיקעס, איז צו מיר צוגעגאנגען איין פרימארגן מיסטער גאלד און האט מיר געזאגט, אז ער וועט מיר געבן א נייע מאשין, און אויב איך וועל זיך אויסטויגן, וועט ער מיר געבן א העכערן לוין. אין א וואך ארום בין איך שוין געזעסן בא דער נייער מאשין און האב געשטעפט אזוינע איידעלע זוימען, ארום די פיר קעשענעס פון די וועסטן. דערפאר האב איך שבת געקראגן אין מיין קאנווערטל אזוי גרויס ווי פערצן דאלער. האב איך אפגעארבעט אין דער גרויסער קליידער־פאבריק דעם גאנצן ווינטער פון 1912־1913, ביז ארום פסח־צייט, ווען מען האט אנ־געזאגט, אז עס איז געווארן „סלעק" — אווארט וואס אלע האבן ארויסגערעדט מיט שרעקעדיקע אויגן, און מיט א טרויעריקן קול. ווייל דאס מיינט, אז מען וועט דארפן שוין אנהויבן צו קלאפן אין די טירן און זוכן א נייעם פלאץ פאר דער ארבעט.

:: :: ::

ארבעטן האָט מען ליב אין אַ געזעלשאַפט מיט פּאַראייניקטע כוחות, אָבער זוכן אַרבעט גייט זיך יעדער מיט זיין אייגענעם וועג. אַזוי, יעדנפאַלס, איז געווען די לאַגע אין דעם יאָר 1913. פלעג איך אויפשטיין פּאַרטאָג און אַרויסלאָזן זיך איבער די לאַנגע גאַסן פון דעם נידעריקן, אינדוסטריעלן טייל פון שטאָט און זוכן אַרבעט. אַריינקומענדיק אין אַן אָפיס פון אַ גרויסער קליידער־פאַבריק האָב איך זיך באַגעגנט מיט איינעם אַ מאַן, וועלכער איז געזעסן באַם אַריינגאַנג. ער האָט מיך אָנגעהויבן צו מוסר'ן: „ווי פאַר־שטייסטו דאָס ניט! ווי לעבערלעך עס איז צו זוכן אַרבעט אין „סלעק־טאַים". קום, ווילסט עפּעס זען?", האָט ער פאַרענדיקט זיין לעקציע און האָט מיך אַריינגעפירט אין דער גרויסער פאַבריק, וואו די לאַנגע רייען מאַשינען זיינען געווען איינגעדעקט, מיט ווייסע ליילעכער. עס איז גיכער ווי אין אַ מאַרג (אַ טויטן־הויז) איידער אַ פאַבריק" . . .

די אַרבעטלאָזיקייט איז יענעם יאָר, 1913 געוואָרן אַזוי פאַר־שפּרייט, אַז די צדקה־אַנשטאַלטן האָבן שוין געעפנט אַ ביליקע קיך (סופּ־קיטשען), וואו איינער האָט געקאָנט קריגן אַן אָרעמע מאָלצייט, פאַר אַ קליינער סומע אָדער גאָר אומזיסט. אָבער מיין לאַגע איז נאָך ניט געווען אַזוי שלעכט איך זאָל דאַרפן אָנקומען צו דער ביליקער קיך. און דאָן האָב איך זיך דערמאַנט וועגן מיין אָריגינעלן פאַך — דער פאַך פון פּעיפּער־באָקסעס, מיין מלאכה פון דער אַלטערהיים. בין איך אַוועק צו דער קליינער שאַפּקע פון מיין ערשטן באָס, מיסטער מאָריס — די זעלבע שאַפּקע, מיט דער איין און איינציקער אַרבעטס־מיידל. מיסטער מאָריס האָט מיך גאַנץ קאַלט און אומפריינטלעך אויפגענומען. ער האָט אָנ־געהויבן צו אויסריידן מיר, פאַרוואָס איך בין אַוועק פון אים אַז אַ „זיי־געזונט". ער האָט ניט געוואָלט גלויבן, אַז איך בין שוין פאַרהייראַט און אַ פאָטער פון אַ קינד. „ווער, דו, אַזאַ צוציק?, יאָך קאָן דאָס ניט גלויבן". איבערהויפּט, זאָגט ער מיר, גלויבט ער ניט צו שטאַרק איינעם, וואָס איז, ווי איך אַ „געבראָטענער ליטוואַק".

איך בין געשטאַנען און האָב געדולדיק אויסגעהערט אים. ווייל „אין הארצן" האָב איך געוואוסט, אַז גאָר אומגערעכט איז מיסטער מאָריס ניט. די מעשה איז, וואָס צו אַלע מיינע חסרונות

בין איך נאָך געשטראָפט מיט אַ פּנים, וואָס זעט אויס אינגער פון מיינע אמת'ע יאָרן. אָבער ווי דאָס טרעפט אָפט, געבן פאַלן, ווען אייניקע ווערן גאָר דערהויבן אַ דאַנק זייערע חסרגנות. איז מיר מיין חסרון אויך שטאַרק צונוץ געקומען אין מיין באַשלוס צו קומען קיין קאַנאַדע.

עס איז געווען אין דעם יאָר 1911, ווען אונזער וועלט האָט געגאָסן פון אַ צייט פון שלום און רואיקער שטילקייט. עס איז געווען אַ שטילקייט, ווי מיר ווייסן איצט, וואָס איז פאַר אַ שטורעם. אין יענער רואיקער און שטילער צייט איז געווען אַ געזעץ אין רוסלאַנד, אַז יעדער יונגערמאַן, וואָס דאַרף זיך „שטעלן צום פּריזיוו", און וועמעס געבורטסטאָג איז ניט פאַרשריבן אין די רעגיסטראַציע־ביכער (און אַזוינע זיינען געווען אַ גאַנץ גרויסע צאָל) — אַזאַ איינער האָט זיך באַדאַרפט שטעלן צום „נאַרוזשני וויד", דאָס הייסט, אַז אַ קאָמיסיע דאַרף אורטיילן, לויט דעם אויסזען, דעם עלטער פון דעם קאַנדידאַט, וואָס דאַרף זיך שטעלן צום „פּריזיוו". האָב איך זיך אָוועקגעשטעלט איין פרימאָרגן פאַר אַ קאָמיסיע פון דריי עלטערע מיליטער־לייט, אַזוי ווי די מאַמע האָט מיך געהאָט, און מען האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. נאָך אַ לאַנגן באַטראַכטן, רופט זיך אָן איין אַלטיטשקער: „זיבצן!", אָבער די אַנדערע צוויי האָבן אויסגערופן: „ניין, אַכצן!". הייסט דאָס, אַז איך בין געפונען געוואָרן מיט אַ מערהייט שטימען, דריי יאָר אינגער פון דעם עלטער ווען איינער באַדאַרף זיך שטעלן צום פּריזיוו. האָב איך שטאַרק אָפּגעדאַנקט מיינע דריי אַלטיטשקע געגעראַלן, און אין 1912 האָב איך שוין אָפּגעזעגנט זיך מיט גאַנץ רוסלאַנד און געקומען אין דער נייער היים, קאַנאַדע.

דערפאַר איז מיין באַס מיסטער מאָרים, געווען ניט אינגאַנצן אומגערעכט, ווען ער האָט מיך גערופן „צוציק" אין אונזער ערשטער באַקאַנטשאַפט, און איז געווען נאָך „דזשענטלמען" גענוג צו הייסן מיר קומען אַרבעטן. בין איך ווידער צוריק געקומען צו מיסטער מאָרים. די זעלבע קליינע שאָפּקע מיט דער זעלבער איין־און־איינציקער מיידל, וואָס מען האָט אָנגערופן עני.

פאַר דער צייט האָב איך זיך שוין אַביסל „אויסגעגרינט", געקאָנט שוין ווי עס איז דורכרעדן זיך אויף ענגליש. בין איך

גאַנץ נאָענט באַפריינדעט געוואָרן מיט איר. קיין פאָטער האָט זי ניט געהאַט, נאָר א מוטער מיט צוויי אינגערע ברידער. זי איז געווען א גאַנץ קלוגע און חנ'עוודיקע מיידל. די ארבעט בא מיסטער מאָרים'ן איז געווען א סעזאָנע, דאָס הייסט, אז ווען עס איז געקומען דער סעזאָן פון מאַכן באָקסעס פאַר פרוויאישע און מענערשע היטלען, פלעגט מען דאַרפן ארבעטן לאַנגע שטונדן. אָבער אין די שטילע זומער־מאָנאַטן פלעגט די ארבעט זיין ניט מער ווי א שפּיל־זאַך.

ווען מיסטער מאָרים האָט מיר פאָרגעשלאָגן צו ארבעטן בא אים „סטעדי" אזוי ווי עני, האָב איך באַלד איינגעוויליקט. האָט ער מיר באַשטימט א לוין פון פערצן דאָלער א וואָך, וואָס זאָל גילטן סיי ווען מען ארבעט לאַנגע שטונדן, פון זיבן ביז זיבן, א חוץ שבת, ווען מען האָט געאַרבעט ביז פינף, און סיי ווען מען האָט געאַרבעט אין דעם שטילן סעזאָן, וואָס האָט געדויערט בא א צוויי מאָנאַטן זומער־צייט, קירצערע שטונדן — ווי פינף טעג צו ניין שטונדן א טאָג.

אין דעם שטילן סעזאָן פלעג איך מיט עני'ן זיין פאַרנומען אין מאַכן פּאַפּיראָסן פאַר מיסטער מאָרים'ן. זייענדיק אַליין ניט לאַנג אין לאַנד, פלעגט ער, אזוי ווי אַלע גרינע, ליב האָבן צו רויכערן אייגענע געמאַכטע פּאַפּיראָסן. פלעגט ער אונז געבן א גאַנצן פונט טאַבאַק, און מיר פלעגן עס שטאָפּן מיט אזא מאַשינ־קע. עני, וועלכע האָט געאַרבעט בא מיסטער מאָרים'ן פון דעם ערשטן טאָג וואָס ער האָט געגרינדעט זיין שאָפּקע, האָט זיך גע־רעכנט ווי א שטיקל יחסנ'טע. פלעגט זי שטאָפּן פאַר א קורצער צייט, און אַוועקגיין צום טייל פון שאָפּ וואו עס זיינען געלעגן גאַנצע שטויסן קאַרטאָן, פלעגט אַרויפקריכן אויף איינעם א שטויס, און כאַפּן דאָרט א דרעמל. ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען און מיסטער מאָרים האָט אַריינגעקראָגן א באַשטעלונג, פלעגט ער מיר זאָגן: „גיי, וועק איר אויף דאָרטן, די פוילע מויד", פלעג איך גאַנץ גערן און מיט פאַרגעניגן אויספירן זיין באַפעל. זי איז געווען וואָס מיר רופן, א צוגעלאָזטע מיידל, ניט חלילה, א צעלאָ־זענע. אדרבה, געווען זייער א שטילע און אנשטענדיקע מיידל, אזא מיט וועלכער עס איז געווען אנגענעם צו פאַרברענגען, שטענ־

דיק מיט אַ זיסן שמייכל און מיט אַ טרעפֿלעד־קלוג ווערטל, פֿלעגט זי אונז ביידן, סיי דעם מיסטער מאָרים, וואָס איז געווען אַ מאַן אין די דרייסיקער און, סיי מיך וואָס איז געווען מיט אַ צען יאָר אינגער.

:: :: ::

קאַנאַדע איז דאַן געווען אַ לאַנד פֿון „גרויסע מעגלעכקייטן", ווען איינער האָט געקאָנט עפּענען אַ געשעפֿט פֿון האַנדל אָדער אינדוסטריע מיט אַ זייער קליינעם קאַפּיטאַל. אַזוינע קליינע שאַפּקעס ווי מיין באָס'עס זיינען געווען אין די הונדערטער. ווען מיין באָס פֿלעגן זיינע לאַנדסלייט שפּאַסן, אַז ער האָט געעפֿנט זיין שאַפּ מיט דעם קאַפּיטאַל פֿון פֿופֿציק דאָלער, וועלכע ער האָט געזאָלט באַצאָלן דער מיסעס פֿאַרן עסן. (ער איז אויך געקומען אַליין אָן זיין פֿאַמיליע). עס האָט מיר ניט לאַנג גענומען אויסצוגעפֿינען וועגן מיסטער מאָרים'עס, אַזוי צו זאָגן, געזעלשאַפֿטלעכע אַספּיראַציעס. אויסגעפֿינענדיק די אַספּיראַציעס, האָב איך דערזען אַ קלאָרע באַשטעטיקונג פֿון דעם געדאַנק, וואָס איז באַוואוּסט ווי „די מאַטעריאַליסטישע קאָנצעפּציע פֿון דער מענטשלעכער געשיכטע". אַזוי ווי מיט דעם גרויסן שטראָם פֿון דער אימיגראַציע האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די פֿילע קליינע אונטערנעמונגען, וועלכע נויטיקן זיך אין פֿינאַנציעלע מיטלען, האָבן אידן אָנגעפֿאַנגען צו גרינדן אַזוי־גערופֿענע ליי־קאַסעס (לאָון־סאָסייעטיס).

עס איז געווען אין איינעם פֿון די „שטילע" טעג, ווען איך האָב געשטאָפּט די פּאַפּיראָסן, האָט מיסטער מאָרים מיר געהייסן קומען אין אָוונט צום מיטינג פֿון דער „התקווה לאָון סאָסייעטי", וואו ער וועט מיך פֿאַרשלאָגן צום אַמט פֿון פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר. ווען איך בין יענעם אָוונט געקומען צום מיטינג, האָב איך דאָרט געזען, ווי מיין באָס מיסטער מאָרים, זיצט אויבנאָן, אַלס פּרעזידענט. לעבן אים איז געשטאַנען אַ הויכער, יונגערמאַן און, האַלטנדיק גאָר נאָענט צו די אויגן אַ לאַנגן בוך, האָט ער פֿון דעם אַרויסגעלייענט.

עס איז קענטיק געווען, אַז דאָס לייענען קומט אים אָן גאָר ניט לייכט. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט דער

יונגערמאַן קוים געקענט שרייבן. און אז נאָכדעם ווי ער האָט שוין ווי עס איז אָנגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל פונעם מיטינג האָט ער עס ערשט ניט געקאָנט איבערלייענען. ער האָט נעבעך שווער געאָטעמט און געשוויצט ביז וואַנען ער איז ווי עס איז דורכגע־קראָכן. האָט מיך דער פּרעזידענט פאַרגעשלאָגן פאַר דעם נייעם סעקרעטאַר און איך בין איינשטימיק דערוויילט געוואָרן. דער עקס־סעקרעטאַר האָט מיר געגעבן די האַנט, האָט מיר געוואונטשן דער־פאָלג. „עס איז געווען" — האָט ער מיר געזאָגט — „אַ צו שווע־רער דזשאָב" פאַר אים.

מיין ברודער'ס אינגערער שוואָגער, פעני'ס מאַן, איז שוין געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער אין דער קאַרפּענטער'ס יוניאָן. זייענדיק אין מאַהיליעווער אַן אַקטיווער בונדאָוועץ, האָט ער זיך, באַלד ווי ער איז געקומען קיין מאָנטרעאָל פאַראינטערעסירט מיט דער אַרבע־טער־באַוועגונג. אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך באַטייליקט אין די לייז־קאַסעס און אין אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. ווען ער האָט דערהערט אַז איך בין געוואָרן אַ פּראָטאָקאָל־סעקרע־טאַר אין דער „התקווה", האָט ער אויסגערופן: „האָסט געהערט אַ מעשה! מיר זוכן מיט ליכט אַ סעקרעטאַר און ער שווייגט!". האָט ער מיך מיטגענומען צו זיין „עזרה" לאָון סאָסייעטי.

דאָרטן האָב איך צוגעזען די זעלבע סצענע וואָס אין דער „התקווה". דאָ איז אויך געשטאַנען אַ קורצער דיקלעכער מאַן און האָט זיך געמאַטערט, לייענענדיק דעם פּראָטאָקאָל פון לעצטן מיטינג. האָט מען מיך אויך דאָ, איינשטימיק דערוויילט. דער געהאַלט איז אויך דאָ געווען אַזוי ווי אין דער „התקווה" — אַ שער (אַן אַקציע) פון פופציק דאָלער פאַרן יאָר. בין איך געוואָרן אַזוי פאַרנומען פאַר צוויי אָוונטן איז וואָך ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווען איך האָב פאַרגעלייענט דאָס ערשטע מאָל דעם פּראָ־טאָקאָל אין דער „התקווה"־סאָסייעטי זיינען די מיטגלידער, אָדער ווי מען האָט זיך גערופן „די ברידער" געווען העכסט צופרידן. מיסטער מאָרים האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט מיט אַ שטאַרק־באַרימערישן טאָן: „אַצינד, מיינע ברידער, האָט איר נאָך אַ באַווייז, אַז יאָך פאַרשטיי זיך אויף אַן עסק, אַז ווען יאָך טו עפּעס פאַר דער „התקווה", איז דאָס פון דאָס בעסטע וואָס קאָן

געבן". אויך אין דער „עזרה" האָב איך שטאַרק אויסגענומען.

עס איז געווען אין דער „עזרה", וואו איך האָב זיך דערוואָרבן מיינע ערשטע נאָענטע פריינט. באַזונדערס נאָענט האָב איך זיך באַפריינדעט מיט דעם פינאַנץ־סעקרעטאַר פון דער סאָסייעטי, אַלעיקין. ער איז געווען אַ מאַן אין די פערציקער, אַ שוחט'ס אַ זון, פון די ווייניקע רוסישע קאָלאָניסטן פון כערסאָנער געגנט. אין מיין אַרבעט אין דער סאָסייעטי פלעג איך זיין אָן אָפטער אַריינגייער צו אים אין הויז, וואו איך האָב באַדאַרפט אַרויסשיקן בריוו צו די מיטגלידער וועגן די קומענדיקע מיטינגען און ענלעכע אַרבעטן. ער האָט געהאַט אַ זייער ליבלעכע פרוי מיט צוויי זין און איין טאָכטער. זיין פרוי פלעגט מיך יעדן מאָל מכבד זיין מיט גרויסע גלעזער טיי מיט וואַרעניע.

ווערנדיק גלייכצייטיק אַ מיטגליד אין דיביידע לאָון סאָסייעטיס, האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן דער גרויסער אונטערשייד, וואָס איז געווען אין דער באַציאונג פון די אָנפירנדיקע באַאַמטע פון די ביידע סאָסייעטיס. אין דער צייט ווען אין דער „התקווה" פלעגט מיסטער מאָרים פאַרנודיען אַלעמען מיט זיינע לאַנגע רעדעס, פול מיט באַרימערייען וועגן זיין גרויסער חכמה, אַזוי אַז די פשוט'ע מיטגלידער האָבן ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו האָבן אַ וואָרט — פלעגט אין דער „עזרה" הערשן אַ שטאַרק דעמאָקראַטישע שטימונג. יעדער באַשלוס פלעגט אָנגענומען ווערן נאָכדעם ווי די מיטגלידער פלעגן זיך אַרויסזאָגן זייערע מיינונגען...

די לאָן־קאַסעס האָבן זיך זייער שנעל פאַנאַנדערגעוואַקסן און זיינען אַזוי שנעל אונטערגעגאַנגען. עפּעס אין ווייניקער ווי צען יאָר איז פון זיי גאָרניט געוואָרן. אַלס הויפּט־אורזאַך פון זייער אונטערגאַנג איז געווען דאָס פעלן פון אַ געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענאַרבעט. געגרינדעט פון קליינטשינקע גרופּן, איז יעדע גרופּקעלע פאַרוואַלטעט געוואָרן לויט דעם קאַפּריז פון איר פּרעזידענט. עס איז געווען געוויס, אַז עטלעכע לאַנדסלייט זאָלן אַוועק צו אַ לאָיער, און אַנשרייבן אין קוויבעק, אַז זיי ווילן אַ טשאַרטער (אַ דערלויבעניש) אויף אַ לאָון־סאָסייעטי, געבנדיק דערביי אַ צעטל פון אַ פּרעזידענט מיט אַ וויים־פּרעזידענט און אַ טרעזשורער, און אַזאַ טשאַרטער איז באַלד דערהאַלטן געוואָרן.

א חוץ הלוואות האבן איניקע סאסייעטים אויך פארנומען זיך מיט שפאר־קאסעס, און עס האבן זיך געפונען בעלנים וועלכע האבן געבראכט אהין זייערע שווער־פארהארעוועטע דאלארן. מיידלעך האבן געבראכט זייער נדן, ווייל מען האט צוגעזאגט צו צאלן מיט איין סענט מער פראצענט ווי אין די גרויסע באנקן. איבער דעם וואס יעדע סאסייעטי איז פארוואלטעט געווארן אן קיין קאארדינירונג און קיין קאנטראל, זיינען מעגלעך געווארן פארשיידענע מיסברויכן. די באאמטע, די וואס זיינען געווען „נאענט צו דער שיסל", האבן זיך אנגעהויבן ארויסצוהעלפן, פאר זייער פערזענלעכן נוצן, מיט די געלטער פון די ליי און שפאר־קאסעס. ביז אין א שיינעם פרימארגן זיינען ארעסטירט געווארן אייניקע באאמטע, געשטעלט געווארן צום געריכט פאר מיסברויכן מיט די געלטער און זיינען פארשיקט געווארן אין טורמע. און דאן איז געווארן א פאניק, א געלויף. יעדער האט געפאדערט זיין געלט. עס איז געוואקסן דער אומצוטרוי אפילו צו אזא סאסייע־טי, ווי די „עזרה", וועלכע האט ערלעך פארוואלטעט מיט אירע פאנדן. דער אמת איז, אז זייער פיל מענטשן האבן פארלארן זייער געלט, צווישן זיי די עלטערע מיידלעך, וואס האבן אנגע־ווארן זייער אנגעקליבענעם נדן.

אין יענע ערשטע יארן פון דער גרויסער אימיגראציע האבן זיך אנגעהובן גרינדן די ערשטע געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס, וועלכע האבן זיך מיט יארן שפעטער פאנאנדערגעוואקסן אין גרוי־סע אונטערנעמונגען. אזוי, למשל האבן א קליינע גרופע פרויען און מענער געגרינדעט דעם אידישן האספיטאל. די „היברו קאנ־סאמפטיוו עיד סאסייעטי". פון דער קליינער גרופע, וואס האט זיך גערופן די מאליווער סאסייעטי, האט זיך געגרינדעט דער ערשטער „ארבעטער־רינג"־ברענטש. די פילע צדקה־אנשטאלטן, וועלכע זיינען אין אנפאנג געגרינדעט געווארן פון די ארעמע פאלקס־מענטשן, זיינען שפעטער אריבער אין די הענט פון די רייכע אויפגעקומענע „אפטאונער" אידן. אבער ווי עס האט זיך איינמאל אויסגעדריקט א באוואוסטער ראבאי: „די זון גייט אלע־מאל אויף פון מזרח זייט". דאס הייסט, אז אלע נאבעלע אויפ־טואונגען קומען ארויס פון די פאלקס־מאסן וואס באוואוינען דעם

ארעמע געגנט, די „איסט־סאַיד" (די מזרח־זייט) פון שטאָט.

נאָר איין צדקה־אַנשטאַלט, די „גמילות־חסדים סאָסייעטי", איז געווען אַן אויסנאַם פון דעם כּלל, ווייל זי איז אָריגינעל גע־גרינדעט געוואָרן דורך איין מאַן, מיסטער פיינבערג. מיר איז אַמאָל אויסגעקומען צו פאַרברענגען מיין וואַקאַציע אין אַ פּלאַץ, וואו איך האָב זיך באַגעגנט מיט אַ זון פון דעם פאַרשטאָרבענעם פיינבערג. דער זון, אַ לאָיער (שוין אויך אויפן עולם האמת) האָט מיר דערציילט ווי אַזוי זיין פאָטער האָט געגרינדעט די „גמילות־חסדים"־סאָסייעטי: „זייענדיק אַן אייגנטימער פון גאַנצע בלאָקס מיט הייזער אין דעם נידעריקן טייל פון שטאָט, פלעגט מיסטער פיינבערג האָבן שוועריקייטן אין אַרויסקריגן אין צייט די דירה־געלט פון זיינע פילע אָרעמע טענענטס. לויטן געזעץ פון לאַנד, האָט אַ לענדלאָרד דאָס רעכט אַרויסצושטעלן אַ שכן וואָס צאָלט נישט זיין דירה־געלט אין צייט. מיסטער פיינבערג האָט געהאַט אַ גוט הארץ, און נאָכמער — אַ זייער גוטן פּראַקטישן קאָפּ . . . האָט ער איינגעזען, אַז ווען ער וועט אַרויסוואַרפן איין אָרעמען שכן, וועט זיך אַריינכאַפּן אַן אַנדער אָרעמאַן. קיין מיליאָ־נערן וועלן אין זיינע שמוציקע און פינסטערע „פלעטס" זיך ניט „אַריינכאַפּן". איז ער געפאַלן אויף דעם פּלאַן צו גרינדן די „גמילות־חסדים", וואו דער אָרעמער טענענט זאָל קאָנען קריגן אַן הלוואה אָן קיינע פּראָצענט, אָבער מיט אַ וועקסל, אונטערגעשריבן פון אַ פּאָר באַגלויבטע לאַנדסלייט. האָט ער, דער מיסטער פיינ־בערג אַזוי אַרום געוואונען פאַר זיךביידע וועלטן. די וועלט — דערמיט וואָס ער האָט שוין געקראָגן זיין דירה־געלט אין צייט, און יענע וועלט, מיט דער מצוה פון גמילות־חסד, דער כּוח פון געלט! . . .

היינט־צו־טאָג איז די מאָנטרעאַלער גמילות־חסדים סאָסייעטי אַ זייער וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפט. זי ווערט אויפ־געהאַלטן דורך די יאָרלעכע ביישטייערונגען פון טויזנטער מיט־גלידער, אַזוי גוט ווי פון די ירושה־געלטער, וואָס גוט־מיינענדיקע לייט לאָזן איבער, אין זייערע צוואות, מיט דעם גערעכטן געדאַנק, אַז „מען קאָן דאָס ניט נעמען מיט זיך" . . .

פאַר דעם קנאַפּן יאָר, וואָס איך האָב געאַרבעט בא מיסטער

מאַריס, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו לערנען ניט נאָר וועגן זיינע געזעלשאַפטלעכע אַספּיראַציעס. איך האָב אויך געלערנט, אַז אַלס באָס, איז ער געווען ווייט פון צו זיין אַ גוטער. ער האָט געהאַט אַ מיזעראַבעלע נאַטור. ווען ער פלעגט דערזען אויפן דיל אַ נישטיק שטיקל פּאַפּיר, אָדער קאַרטאָן, פלעגט ער עס אויפהויבן און אָנפאַנגען אַ גאַנצע אויספאָרשונג, ווי אַזוי דאָס שטיקל פּאַ־פּיר, קומט צו ליגן אויפן דיל. ווען אים פלעגט זיך דאַכטן, אַז מיר אַרבעטן ניט אַזוי שנעל, פלעגט ער זיך אַפּשטעלן צווישן מיר און דער מיידל, און אָנהויבן קוויטשען מיט זיין פאַלסעטאַ־שטימע: „יאַד זע, אַז די באָקסעס וועלן שוין באַלד אָנפאַנגען צו לאַכן, פון דעם קיצלען, וואָס איר קיצלט זיי!".

פלעגט מיר צייטנווייז נמאס ווערן זיין „סטעדי" דזשאָב, און איך פלעג פּרוּוון ווייטער מיין מזל אין שניידעריי. אָפּגע־אַרבעט אַ פּאָר מאָנאַטן, ביז עס איז ווידער געקומען דער „סלעק", האָב איך פון שניידעריי געהאַט נאָר אַ קליין, רויט ביכל מיט אַריינגעקלעפּטע סטעמפּס וואָס האָבן עדות געזאָגט אַז איך בין אַ גוט־שטייענדיקער מיטגליד אין דער שניידער־יוניאָן, אָבער ליידער אָן אַ פּלאַץ צו אַרבעטן . . .

בין איך שוין ווידער אַוועק צו די פּאַפּירענע קעסטלעך, צו מייז היימישער מלאכה, מיט וועלכער איך האָב זיך געפּילט, ווי מען זאָגט, געקניפּט און געבונדן. באַזונדערס ווען איך פלעג אָפּטע הערן, אַז אין שניידעריי בין איך געווען ניט מער ווי אַ „קאָלומ־בעסער" שניידער. זאָל עס טאַקע זיין, אַז עס איז באמת דאָ אַזאַ זאַך, ווי איינעמס אַ צווייטער נאַטור? אויב אַזוי, איז מיין „צווייטע נאַטור", די ליבע צו פּאַפּירענע קעסטלעך. שוין אין מיין פריסטער קינדהייט פלעג איך ליב האָבן אויפצוקלייבן יעדעס קעסטעלע, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין גאַס.

עס איז געווען אין יענע קינדערשע יאָרן, ווען איין טאָג, אַרום ראש השנה, ווען איך בין נאָך אַלץ אַרומגעלאָפן איבער די שטעטלדיקע גאַסן אַ באָרוועסער, האָב איך אויפגעקליבן אַ קעס־טעלע פון שוועבעלעך, און האָב געפונען אין דעם דריי פּאַפּירענע רובלס. בין איך גיך אַוועקגעלאָפן אַהיים, באַוויזן עס מיין טאַטן. „דאָס האָט גאָט צוגעשיקט פאַר אַ פּאָר שיך, אַז דו זאָלסט קאָנען

גיין אין שול דאַוונען אין די ימים נוראים", האָט מיר פֿרום פֿאַרזיכערט דער טאַטע.

ווייזט אויס אַז מיין פֿאַרזוך צו ווערן אַ שניידער איז געווען ניט מער, ווי אַ ניט־געלונגענע אַוואַנטיורע, אַ זאַך וואָס איז געווען קעגן מיין „נאַטור". און ווי זאָגט דער רוס: „טרייב די נאַטור פֿון טיר, וועט זי אַריין דורכן פֿענסטער".

באַמערקטע דרוק־פֿעלערן

זייט	שורה	געדרוקט	דאַרף זיין
30	23	גע־	געוויזן
37	16	פּלאַנאַטעריום	פּלאַנעטאַריום
47	6	האָט	האָר
48	16	איר	אים
64	23	האָט זיך פאַרטרויט	האָט ער זיך פאַרטרויט
64	24	בערל	בערלען
73	22	אַסמאַטישער	אַסטמאַטישער
93	7	די	דיר
94	17	האָט ער	האָסטו
94	25	האָט	האָב
95	26	זיינען מיך זייער	זיי זיינען זייער מקנא מיר
95	29	פאַראייראַט	פאַרהייראַט
96	5	אַרעבט אָפּ	אַרבעט אָפּ
98	23	דאַרף זאָגן	דאַרף איך זאָגן
100	9	מיר	מיך
111	16	אונער	אונזער
120	11	זין	זיך
121	7	דער גלאַטקייט	דעם דרוק
122	13	אַריינגעקומענדיקן	אַריינקומענדיקן
130	16	פאַרהילכיקט	פאַרהילכט
131	1	אַמאָל	אַלעמאָל
132	4	מיט וועלכע יאָרהונדער	מיט וועלכע אונזער יאָרהונדערט
132	11	מיט אייגענע	מיט די אייגענע
138	20	לעהאַפטער	לעבהאַפטער
139	15	פאַרהאַרטעווע	פאַרהאַוועטע
150	23	אַ חוצח	אַ רוצח
153	9	סגינור	סניגור

באַמערקטע דרוק-פעלערן

זייט	שורה	געדרוקט	דאַרף זיין
158	21	מט	מיט
162	22	גרויסע	לאַנגע
163	13	געזעגן	געזעגט
165	21	שטעטל ווי	שטעטל איז ווי
166	29	באַלעבאַטיש	באַלעבאַטים
171	5	כד	כלי
171	9	כדים	כלים
171	20	די שורה	אַריינגעשטעלט על פּי טעות
180	21	און געלאַסן	געמיטלעך און געלאַסן
181	6	האָט	האָב
190	9	גרוסן	גרויסן
190	16	סוחר	אַ סוחר
191	19	אינגלעך	אינגעלעך
192	18	חשך	חשק
195	4	ווענמען	באַ ווענמען
198	29	אידן	מוידן
199	18	אַרבערטרעטן	אַריבערטרעטן
201	25	אמער	אָבער
203	25	קרוש	קרים
204	33	איינגעגעסן אין	איבעריקע ווערטער
207	1	פעטער	פּאָטער
207	19	יאָר	יאָך
208	5	אכולה	אכילה
208	24	1911	1901
210	2	און	אין
210	6	קאָפּ בלאָנדע וואנצעס	קאָפּ בלאָנדע האָר און דיקע בלאָנדע וואנצעס
212	1	אַזעלכע	אַזעלכער
213	12	אונזערע	אַזוינע
213	13	ארש	אָרשאַ"
213	23	העכסטע	העכסטער
216	14	אומבאַטראַכט	אנבאַטראַכט
226	24	איבערטראַכטן	באַטראַכטן
229	9	דאָך פּאַראַנען	דאָך אָבער פּאַראַנען
243	2	דיין	אָקאָרשט מיין
246	30	אַ וועג	אַוועק
250	26	האָט	אַ איבריק וואָרט

א פּאָר באַמערקונגען וועגן „די זכרונות" סקיצן.

•

ווי אונזער חשוב'ער לעזער האָט זיכער באַמערקט, זיינען די סקיצן „זכרונות" געדרוקט אָן קיין שום אַכט פאַר כראָנאָלאָגי־שער אָרדענונג. אונזער הבחור הזעצער, זאָל לעבן און געזונט זיין, האָט צוזאַמענגעמישט די יוצרות, אַזוי אַז דאָס וואָס עס וואָלט באַדאַרפט זיין צום לעצטן, האָט ער געדרוקט צום ערשטן.

מיין ליטעראַרישער דעביוט איז געווען די סקיצע „פון קאַ־כאַנאָווע ביז מאָנטרעאָל", וואָס איז געווען געדרוקט אין 1951 אין „יידישער קולטור". נאָכדעם ווי איך האָב אויסגעהערט די פאַרשיידענע מיינונגען וועגן מיין ערשטן אַרויסטריט, פון די אייי־ניקע לעזער, וועמעס מיינונגען איך האָב געפונען פאַר פולקאָם באַרעכטיקט, האָב איך באַשלאָסן אויסצוטיילן אייניקע פון די הויפּט העלדן פון מיין ערשטער סקיצע, און אָפּגעבן זיך מיט א מער דעטאַלער שילדערונג וועגן זיי. אַלס רעזולטאַט, איז אַרויס־געקומען צום אַלעם ערשטן די סקיצע „פון מיר'ער ישיבה ביז היטלערס גאַז־אויוונס", נאָכפאָלגנדיק מיט „מיינע קוזינען די שאַפּמאַנס"; „איך עס טעג": „דער ראש־ישיבה"; „איך ווער אַן אַרבעטער" און צום לעצט „איך קום קיין קאַנאַדע".

ווען אונזער חשוב'ער לעזער וועט אונז פאָלגן, און לייענען די „זכרונות" סקיצן אין דעם אָנגעוויזענעם פּלאַן, האָפן מיר אַז ער וועט קאָנען בעסער געניסן, און געפינען פיל מער טעם, אין דעם לייענען פון מיינע „זכרונות".

מיט דרך ארץ,

י. ל. ב.

אינהאַלט

•

דערציילונגען

זייט

די לוסט־רייזע — 9

לאַנדסלייט — 37

אין זומפּ — 51

די מאַמע מיט דער טאָכטער — 75

מיידל׳עך — 83

צוויי אלמנות — 103

אין אַ קאַונטרי־הויז — 107

נומער זעקס און פופציק — 113

דער אידן־פריינט — 125

דזשימי און דזשיפּ — 135

זכרונות

(צו לייענען אין פאָלגענדער אָרדנונג)

פון קאַכאַנאָווע ביז מאָנטרעאָל — 155

פון מיר׳ער ישיבה ביז היטלער׳ס גאַז־אויוונס — 219

מיינע קוזינען די שאַפּמאַנס — 205

איך עס „טעג״ — 187

דער ראש־ישיבה — 143

איך ווער אַ ארבעטער — 231

איך קום קיין קאַנאַדע — 251

אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן די „זכרונות״ סקיצן — 278